STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10698

MIKHOELS 1890-1948

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלוימע מיכאָעלס

מיכאָעלס

1948—1890

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1948

אלעקסאנדער פאדייעוו

ער געהערט צו יענע, וועלכע מע געדענקט יאָרהונדערטער[1]

עס איז אוועק פונ אונדז א וואונדערבארער קינסטלער, א באהעלטער, א באשטראלטער מיט רומ, מיט יענעמ גרויסנ רומ, וואָס קאָנ אויספאלנ בלויז אפנ גוירל פונ א קינסטלער פונ אונדזער לאנד — מיטנ רומ פונ ליבע פונעמ גאנצנ סאָוועטישנ פאָלק, פונ אלע זײַנע פאכ-כאווײרימ.

וואָס קאָנ מענ זאָגנ וועגנ מיכאָעלסנ ווי וועגנ א קינסטלער?

אלע ווייסנ, אז ער האָט געהערט צו די געציילטע מײַסטערס פונ גוואלדיקנ, אומפארגעסלעכנ אייגנארט — צו די מײַסטערס, וועלכע מע געדענקט יאָרצענדליקער, יאָרהונדערטער, וועגנ וועלכע די קומענדיקע דוירעס שרײַבנ ביכער. אינ לעבנ ווערט מענ א ביסל געוווינט צו זיי, אונ ערשט נאָכ זייער טויט הייבט מענ אָנ צו פארשטיינ, אז קיינ סאכ אזעלכע זײַנענ ניטאָ.

יאָ, ער איז געווענ איינער פונ אָט די אויסשליסלעכע מײַסטערס פונ אונדזער הארציקנ, שווערנ אונ באגײַסטערטנ פאכ — דעמ פאכ פונ קונסט.

---

1 פונ דער רעדע אפנ העספעד אינ מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאטער דעמ 16 יאנוואר 1948.

און ווי א מענטש האָט מיכאָעלס פאַרייניקט אין זיך די אייגנשאַפטן פון גוואַלדיקער אינערלעכער גאַנצקייט. אין אים האָבן זיך באַהעפט לעבנסלוסטיקייט — ליבע צום לעבן — מיט אומגעוויינלעכער נעשאָמע-ריינקייט בענעגייע צו אַלע דער־שיינונגען פון לעבן און קונסט.

צוויי דעטאַלן, וואָס כאַראַקטעריזירן אים גראָד פון אָט דער זייט, זיינען מיר געקומען אויפן זיקאָרן, און מיר ווילט זיך זיי דערציילן.

אינעם קאָמיטעט פון סטאַלינישע פרעמיעס האָט מען אַנומלטן פרעמירט א גרופע קונסט-טוער פאַר זייער גאַנצער טעטיקייט, און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע, אַז מע דאַרף אַפּ אַזאַ אופן פרעמירן אויך סאָלאָמאָן מיכאָילאָוויטשן. איז ער אַרויסגעטראָטן און האָט געזאָגט: „באַליידיקט מיך ניט. איך קאָן ניט פרעמירט ווערן פאַר דער גאַנצער טעטיקייט, איך בין נאָך יונג“.

א צווייטער פאַל: איינמאָל זיינען מיר צוזאַמען געפאָרן פון לענינגראַד, אין איין קופע. מיר האָבן זיך צערעדט און אָנגעהויבן אונטערזינגען סימפאָניעס. איך האָב געזאָגט סאָלאָמאָן מיכאָילאָוויטשן, אַז, צום באַדויערן, קאָן איך אין אַן אָרקעסטער אימיטירן בלויז די הילכנדיקע און קלאַפּנדיקע אינסטרומענטן. האָט ער א שאָ פינף־זעקס נאָכאַנאַנד אַליין געזונגען סימפאָניעס, פאָרשטעלנדיק פאַרשיידענע אינסטרומענטן, און איך האָב בלויז געדאַרפט אינעם אַנטשפּרעכנדיקן אָרט א הילך טאָן אָדער א קלאַפּ טאָן. ביז איצט איז אָט די נאַכט פאַרבליבן בײַ מיר אין זיקאָרן ווי א נאַכט, וואָס איז געווען געווידמעט קונסט. געפאָרן זיינען מיר בלויז אינצווייען, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די מוזיק זינגט אין אים, לעבט אין אים.

טייערע כאַווײרים, ס׳איז שווער שאָלעם צו מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז מיכאָעלס איז געשטאָרבן. ווי אויסטערליש עס איז גע־

ווענ זײַנ פֿאַנעמ, אזוי אויסטערליש איז געווענ אויכ זײַנ נעשאַמע. באַר עס איז פֿאראנ דער באַרוף — אונדזער באַרוף — די סאָוועטישע קונסט, וווּ ס'איז אינ אוואַנגאַרד, ווי אײנער פֿונ די פֿאָדערשטע, געגאַנגענ מיכאָעלס. אָט איז די פֿאָנ פֿונ דער דראַמאַטיקער קונסט. איצט, ווענ מיר באַגלייטנ אים, דאַרפֿנ מיר אָט די פֿאָנ אופֿהייבנ נאָכ העכער. מיר דאַרפֿנ אויסהיטנ די גרויסע ריינקײַט און דאָס הייליקע פֿײַער בענעגייע דער דראַמאַטיקער גרויסער זאַכ, ווײַל אויב מיר וועלנ פֿאַרלירנ דאָס הייליקע פֿײַער, קאָנ זיכ די קונסט ווײַטער ניט אנטוויקלענ.

דאַרפֿנ מיר עס טאַקע היטנ און טראָגנ אינ אונדזער האַרצ, זײַנ ערלעכ, פֿעסט, ליב האָבנ דאָס פֿאָלק, טרײַ זײַנ דעמ פֿאָלק אינ אונדזער באַרוף, ווי טרײַ און איבערגעגעבנ עס איז געווענ מיכאָעלס.

דער ניסטער

די אומפארגעסלעכע אווידע

ס'איז א פראָסטיקער מאָסקווער אָוונט. פון באטאָג אָן ווארט מען שוין אין דרויסן פארן יידישן טעאטער אפ קליין-בראָנע, מע זאָל ארײַנלאָזן אינווייניק. דער אוילעם וואקסט וואָס אמאָל מער.

און אָט האָט מען גענומען גיין צו פינף, צו זעקס אין א ריי, איינס נאָך איינס, אין ערפורכטיקער שטילקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נישט נאָר מיטן ארופטרעטן אפ דער טיר פון טעאטער אונטן און נישט נאָר, ווען מ'איז ארײַנגעקומען אין צושויער-זאל אויבן, וווּ ער איז געלעגן. נאָר אָנגעהויבן האָט זיך די שטילקייט שוין אין דרויסן, אין דער קילאָמעטער-לאנגער שורע, אין וועלכער די מענטשן האָבן זיך געפונענ אויסגעשטעלט.

אָט די שטילקייט האָט מען געבראכט נאָך פון דער היים, פון די מיניסטעריומס, פון די אנשטאלטן, פון די ווערקשטאטן, פון די שולן און אינסטיטוטן, — יונג, אלט, מיטליעריק, און אלע די, וועלכע האָבן געוווסט צו שעצן און צו פארערן אָט דעם, וואָס איז אונדז איצט פארשניטן געוואָרן.

און אָט זעט מען דאָ בעעמעס דאָס גאנצע פאָלק פאָרגעשטעלט: מענטשן פון פארשיידענע פראָפעסיעס, פון פארשיידענעם עלטער, פארשיידן אָנגעטאָן, פון פארשיידענער בילדונג, פון הויך-אָנגעשטעל-

טע מעלוכע־מענער, פונ פראָפעסור, פונ סטודענטישער יוגנט, פונ קינדער פונ שול־עלטער; ארבעטער, קוסטארנ, מיליטער-לייט, פונ גענעראלנ — ביז געווייגלעכע מיליטערישע — אלע אינ איינ ייכעס, אלע אינ איינ ריי, אלע פונ פראָסטיקנ, טונקעלנ דרויסנ געקומענע. אונ אלע פענעמער אונ אלעמענס בליקנ באמ ארייַנקומענ אינ זאל זייַנענ געווענדט צו דער בינע, וו ס׳געפינט זיכ ליגנ, א שטארק־באשייַנטער פונ די פראָזשעקטאָרנ, דער, וואָס די אכטונג צו אימ האָט געמאכט גליווערנ דאָס וואָרט אפ די ליפּנ שוינ פונ יענער מי־נוט אָנ, דאכט זיכ, זינט מ׳האָט זיכ דערוווּסט פונעמ גרויסנ אומגליק, וואָס האָט אימ אונ אונדז אלעמענ געטראָפנ אונ וואָס דעמ אויס־דרוק פונ אָט דעמ אומגליק האָט מענ איצט אהער בלויז אינ דער שטומער שוויס געבראכט.

אונ אָט דערנעענט מענ זיכ, אונ אָט קומט מענ צו, אונ אָט דערזעט מענ אימ — אימ, דעמ גרויסנ מייַסטער אקטיאָר, דעמ אלעמענ באוווּסטנ, דעמ חד בדורא 1, זייַנ קינסטלער-מאיעסטעט מיכאָעלסנ, וואָס ליגט אינ טויט, ווי אינ מאלכעס, וואָס האָט דורכנ טויט ווי גויוועט געווענ דעמ טויט, האלטנדיק זייַנע הענט מיט די פינגער אזוי פעסט פארמאכט, אז ס׳דאכט: אָט באלד וועט ער זיכ מיט זיי א לעבעדיקנ שפּאר טאָנ, זיכ אופשטעלנ אונ נעמענ שפּילנ מיט זיי, אזוי ווי מיר זייַנענ אלע מאָל געווינט געווענ אימ צו זענ מיט זיי פארגעשטאלטיקנ אונ אייַנצוטייַטשנ די לעבעדיקע לערע פונ זייַנ קונסט. ס׳דאכט, אז ניט קיינ טויטער ליגט ער דאָ, נאָר בלויז אינ א ראָל פונ א טויטנ, מיט א פּאָר לעבעדיקע הענט, מיט א פּאָ־נעמ, וואָס באלד וועט זיכ עס בייַטנ, מיט א צוגעמאכט מויל, וואָס באלד וועט זיכ עס עפענענ, אונ מיט איינעמ וואָרט — א קיניג ליר, א קיניג מענטש, א קיניג מימ אינ דער מאסקע, וואָס שפּילט

---

1 כאד בעדאָראָ — דעמ איינציקנ אינ דאָר.

איצט אוים אי הויכע יעסורים, אי הויכנ שטאָלצ, אי הויכע מײַסטערשאפט צוזאמענ, האָבנדיק דאָס מאָל דאָס גרוים-פארערנדי-קע פאָלק אלס צושויער ניט אפ די בענק אינ צושויער-זאל אונ אינ א באגרענעצטער צאָל אויסגעזעצט, נאָר א שטיל-שטראָמענדיקע מאסע, וואָס הייבט זיכ אָנ אפ א פיל-קילאָמעטערדיקנ מעהאלעב אויסערנ טעאטער, ביז צו אים, שטרעבנדיק אים צו זענ אינ זײַנ לעצטער, פײַערלעכסטער קינסטלערישער אווידע כאָטש אײניקע מי-נוטנ, כאָטש אײנע נאָר א מינוט...

— קוק אפ אים, קינדעלע, — שעפטשעט א מוטער צו א קינד, וואָס זי פירט עם פאר א הענטל, — דו וועסט אים מער שוינ ניט זענ...

אונ אָט שטראָמט דער אוילעם, אָנהייבנדיק פונ זעקס פארנאכט. אונ אָט איז שוינ אכט, אונ אָט איז צענ, אונ אָט צוועלפ, אונ ס'איז שוינ לאנג אריבער האלבע נאכט, אונ דער שטראָם הערט ניט אופ, אונ דער שטילער גאנג פונ די אופגעהאלטענע טריט נעמט זיכ ניט אויס פונ די טויזנטער אונ צענער טויזנטער פארערער, וועלכע באַ-שטייענ אמערסטנ פונ מענטשנ, וואָס האָבנ נאָכ פונ דער טאָג-ארבעט ניט אָפגערוט, אונ וואָס מאָרגנ דארפנ זיי ווידער ארבעטנ, אונ וואָס טראכטנ אָבער ניט פונ קײנ רו, אָפשטייענדיק אפריִער שאָענ-לאנג אינ דער ריי אינ דרויסנ, אפנ פראָסט, אבי האָבנ די זכיִע אפ אים א לעצטנ קוק צו טאָנ אונ זײַנ הערלעכע געשטאלט אינ זיקאָרנ אופצוהאלטנ.

— אוי, ליכטיקער מיכאָעלס, — טראכטנ זײַנע נאָענטע, וואָס האָבנ אים מער געקאָנט פונ אָט דעם שטיל שטראָמענדיקנ גרויסנ אוילעם, — ווענ ער זאָל געווענ וויסנ, וואָס פאר א גרוים פארערנ-דיק פאָלק ס'שטייט הינטער אים אונ וואָס פארא דאנקבארע פאָ-טענצנ ס'האָט פאר אים אינ זײַנ דאנקבארער שוים אויסבאהאלטנ, וואָלט אווארע אים זײַנ לעבנ געווענ נאָכ זיסער, ווי ס'איז געווענ;

ווענ ער זאָל וויסנ, — טראַכט מענ זיכ ווײַטער, — וואָס מ׳דערציילט זיכ איצט אינ מאָסקווע, אז אינ א סאכ יידישע הײַזער האָט מענ די שפּיגלענ פאַרהאַנגענ, ווי נאָכנ טויט פונ אנ אייגענעמ.

יאָ, ס׳איז געווענ א פאָלקס-טרויער. אײדעמ זאָלנ זײַנ די שול-קינדער פונעמ אָונטיקנ אומבײַט, וואָס זײַנענ געקומענ מיט די ביכער-טעקעס אינ די הענט, נישט אָרגאַניזירט פונ קײנעמ, נאָר אלײנ, פונ זיכ אונ אײגענער איניציאַטיוו; אנ אײדעמ זאָל זײַנ, אויסער די טויזנטער אונ צענער טויזנטער פאַרערער, אויכ אָט דער אינוואליד אפ די צוויי קוליעס, וואָס ס׳דאַכט זיכ, אז קוימ וואָס ער גייט, אינ דאָכ וויל ער ניט אָפּשטײנ אונ ניט אויסנ בלײַבנ פונעמ אלגעמײנעמ מענטשנ-שטראָמ; אנ אײדעמ זאָל אויכ זײַנ אָט דער ציטערנדיקער זאָקנ, וואָס קומענדיק פונ לאַנגנ שטײנ אינ טונקעלנ דרויסנ, האָט ער אינ זאָל ווי די ריִע אָנגעווירנ, ער זעט גאָר ניט, אונ מיר זײַנענ זיכער, אז צוקומענדיק צומ אָרנ, וועט ער אויכ דאָרט גאָר ניט זענ, אונ דאָכ צילט ער אהינ באַגלײַכ מיט אלע; אנ אײדעמ זאָל אויכ זײַנ יענע אלטיטשקע, וואָס אז זי איז צוגעקומענ צומ אָרט פונ אָרנ, האָט זי געקניט אונ מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי צו דער פול-באַקראַנצטער אונ באַבלומטער בינע איר באַשײדנ בלימל, פונ פראָסט אויסגעהיט, אהער געבראַכט אונ אוועקגעלײגט; אײדעמ זאָלנ זײַנ די מיטליד-טעלעגראַמעס, וואָס קומענ אָנ פונעמ גאַנצנ סאָוועטנ-לאַנד אונ פונ אלע לענדער, וווּ נאָר זײַנ נאָמענ האָט דער-גרייכט, מיט אויסדרוקנ פונ צאַר אונ דערשיטערונג אפ דער אומ-בעראַכמאָנעסדיקער פּאַסירונג; אײדעמ זאָלנ אויכ זײַנ די מיטגעפיל-אויסדרוקנ פונ די בעסטע קולטור- אונ קונסט-פאָרשטייער פונ די פרײַנטלעכע פעלקער, געווענדט ניט נאָר צו זײַנ מישפּאָכע אונ צומ

טעאטער-קאָלעקטיוו, נאָר צום גאנצנ יידישנ פאָלק, וואָס זײַנ בעס־טער זונ איז אימ צוגענומענ געוואָרנ, זיכער זײַענדיק — אזוי זאָגנ זיי — אז אזא פאָלק איז אומעגלעכ, אז ס'זאָל אימ ניט האָבנ מיט וועמענ צו פארבײַטנ.

יאָ, — זאָגנ אויכ מיר אינ פולער זיכערקײַט, — דאָס פאָלק האָט געהאט אימ; אונ וועט אויכ ווײַטער האָבנ. בנ יולד לנגו[1] — א זונ, אונ ניט איינ זונ, וועט אונדז געבוירנ ווערנ, אפ לעהאכעס סאָנימ אונ צומ טרייסט פאר אונדזער אייגנ פאָלק אונ פאר אלע אונדז ליבהאָבנדיקע בעסטע קינדער פונ פעלקער.

א קליינ וואָרט, א דערוויַליק וואָרט צו זײַנ כאראקטעריסטיק:

מיר האָבנ אינ מעשעכ פונ אונדזער רומפולער אונ אָפט טרויערי־קער געשיכטע פיל גרויסע קעפ פונ זיכ ארויסגעגעבנ. ס'איז ניט אויסצורעכענענ די צאָל פונ אלע די, מיט וועלכע מיר שטאָלצירנ אונ גרויסנ זיכ. אָבער קיינ קינסטלער געווינימ, אויסער אייניקע אויסנאָ־מענ האָבנ מיר, איבער פארשטענדלעכע אומשטענדנ, נישט געהאט אונ נישט געקאָנט האָבנ אינ מעשעכ פונ די פארשוווּנדענע דוירעס, ווענ אונדזער אויסדויער־קראפט זײַנענ מיר אמערסט געווענ געצוווּנגענ צו פארווענדנ בלויז אפ צו פארהיטנ דאָס לעבנ, אָבער ניט אפ זיכ נאטירלעכ אויסלעבנ אינ דעמ, אונ אוודע ניט, אז מיר זאָלנ נאָכ קאָנענ דאָס צוריק אויסשטראלנ אינ קונסט־ווערק, וועלכע פאָדערנ, ווי באוווּסט, צו זייער פארווירקלעכונג א צווייענדיקנ לעבנס-געניוס — אי אלס סטאמ מענטש אי אלס קינסטלער.

---

1 ביינ יולאד לאָנו.

בלויז ערשט אינ לעצטנ יאָרהונדערט האָבנ, אדאנק א געוויסער פארגרינגערונג פונעמ געמיט, מאכמעס דעמ אָנקומ פונ א גרויסער פאָלקישער פרייהייט-באוועגונג, זיכ גענומענ צו אונדז ווייזנ אונ ארויסשטעקנ די קעפ די ערשטלינגענ פונ יענעמ גרויסנ קינסטלערמינ. איינער פונ אָט די קעפ איז געווענ מיכאָעלסעס קאָפ, וואָס צו רעדנ וועגנ אימ אלס קינסטלער, אלס לאנד-כאָכעמ, אלס טריבונ אונ אלס געזעלשאפטלעכנ טעמפעראמענט אונ אזוי ווייטער אונ ווייטער, מײלעס אָפ מײלעס, וואָס טרעפנ זיכ אינ איינ פערזאָנ זעלטנ, — בינ איכ נישט אימשטאנד, ווייל ס׳איז נאָכ ניט די צייט אונ עפשער אויכ ניט אינ דער יעכוילעס פונ איינ מענטשנ זיי ארומצוכאפנ, אונ איכ וועל זיכ איצט באנוגענענ צו זאָגנ בלויז א פאָר ווערטער וועגנ נאָר איינער זײנער א מײלע.

— וואָס איז אייער גרעסטער באגער? — האָט אימ אמאָל געפרעגט איינער זײנער א פרײנט.

— געטריי צו דינענ דעמ פאָלק, — איז געווענ זײנ ענטפער.

אונ ער האָט דעמ בעסטעמ געדינט מיט אל-זײנ באגאבונג, וואָס ער האָט פארמאָגט, מיט דער גאנצער גאמע טאלאנטנ, מיט וועלכע ער איז געווענ באשאָנקענ, מיט באשײנענ דעמ פאָלקס-טיש אָפ אלע זײנע סימכעס, מיט רעפרעזענטירנ דאָס פאָלק אינ די פאראנטוואָרטלעכסטע שעליכעסנ, מיט זײנ אראָפלויכטנ צו דעמ פונ דער בינע, פונ דער טריבונע אונ אויכ מיט באווייזנ אונ פראָקלאמירנ פאר פאָרשטייער פונ אנדערע פעלקער דעמ רומפולנ מעהומ פונ אונדזער הערלעכער פארגאנגענהייט, אונדזער העלדישנ הײנט אונ אונדזער פעסטנ גלויבנ אינ דער קומענ מוזנדיקער, נאָכ מער הערלעכער צוקונפט.

ער האָט אונדז געדינט ניט נאָר מיט זײנ פערזענלעכער, בארופלעכער קונסט, נאָר נאָכ מער אלס סימבאָל אונ אלס דערפרייענדיקער סימענ פונ דער אויפדערוואכונג אונ ווידער-אויפלעבונג פונ די שעפערישע פאָלקס-קויכעס, וועלכע האָבנ, ווי געזאָגט, אינ מעשעכ פונ

דאָר-דוירעס געשמאכט אָפּגעקומענע, דערנידעריקטע, נישט קאָנענדיק קומענ צומ וואָרט אונ צומ געהעריקנ טיקנ. מיכאָעלס האָט גערינט דעמ פאָלק פאַר א מוסטער אונ אָנשוילעכנ באַווײַז, וויאַזוי ס'האָט אויסצוזענ דער, אינ ווענמ ס'איז קאָנצענטרירט אונ פאַרקערפּערט די אייגנאַרטיקע, נאַציאָנאַלע אונ אינ דער זעלבער צײַט אויכ אינ-טערנאַציאָנאַלע געבענטשקײַט.

אונ אַוואַדע איז ער געווענ אונדזער שטאָלצ, אונ אַוואַדע זײַנענ מיר איצט מיט א קאָפּ נידעריקער אָפּגעקומענ, אונ אַוואַדע אונ איזאַ-דע — קאָנענ מיר נאָר זאָגנ צו אונדזער טרייסט, אויב מע מעג אַזוי זאָגנ — אַז ניט נאָר מיר אַליינ באַקלאָגנ אונדזער אומפאַרגעסלעכע אַווײַדע, נאָר צוזאַמענ מיט אונדז אויכ די בעסטע פאָרשטייער פונ דער סאָוועטישער קונסט, וועלכע האָבנ, קומענדיק אימ אָפּגעבנ דעמ לעצטנ קאָוועד, אויסגעזענ געבראָכנ אונ פאַריאָסעמט. מאַכמעס, ווי ס'זעט אויס, וועט אינ דער אַלגעמיינער קינסטלער-קאַפּעלע פונ הײַנט אָנ אויספעלנ א מינ ערשטער פידל.

יאָ, איינ וואָרט נאָכ וועגנ די דאָזיקע פאָרשטייער:

מע האָט באַדאַרפט זענ די געבראָכנקײַט פונ די קאָריפייענ, פונ די „בערנ" פונ דער מאָסקווער טעאַטראַלער קונסט אונ פונ אַנדערע קונסטנ, אָפּ צו פאַרשטיינ, ווי ווײַט אַ עכט נאַציאָנאַלער קינסט-לער בײַ אונדז אינ לאַנד דערלאַנגט מיט זײַנ ווירקונג אַריבער די נאַציאָנאַלע גרענעצנ אונ ווי גרויס איז דער בראָכ, ווענ אַזאַ איינער נעמט אויספעלנ אינ די אַלגעמיינע רייענ.

מ'האָט דאָס באַדאַרפט זענ אָפּ צו פאַרשטיינ, ווי גרויס איז באַזונדערס א ו נ ד ז ע ר בראָכ, דער בראָכ פונ ייִדישע קינסטלער, וואָס האָבנ פאַרלוירנ אַזאַ אויסנאַמ, אַזאַ בענ-יאַקיר[1].

1 א ליבלינג.

כ'בינ זיכ מוידע: כ'בינ אינ זײַנ ערנ-וואכ ניט געשטאנענ. ס'איז געווענ העכער פונ מײַנע קויכעס: ניט דאָס הארצ האָט מיר פארטראָגנ, ניט די נערוונ. אונ נאָכ איבער א טאמ: די גרעסטע מאָס מײַנ פארערונג צו אימ האָט מיר ווי ניט דערלויבט אימ צו זענ א טויטנ. כ'האָב געקוקט אפ אימ פונ ווײַט אונ האָב געהאט די פולשטענדיקע אילוזיע, אז כ'זע אימ לעבעדיק, נאָר אינ דער ראָל פונ א טויטנ... אונ אזא איז ער מיר פארבליבנ.

אי. ערענבורג

צוזאַמענ מיטנ פֿאָלק

אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי פֿלעגט אָפֿט אָנרופֿנ זײַנ פֿרײַנט מיכאָעלסנ — ,,סאָלאָמאָנ מודרי" (דער קלוגער סאָלאָמאָנ) — אזוי האָט די וועלט א נאָמענ געגעבנ שלוימע־האַמעלעכנ. איכ דערמאָנ מיכ איצט די ווערטער, וואָס עס האָט געזאָגט וועגנ טויט — ניט מיכאָעלס, נאָר יענער שלוימע, וועלכנ מע האָט שוינ לאַנג צוריק א נאָמענ געגעבנ „כאָכעמ": ,,קאָלזמאַנ עס איז ניט צעריסנ די זילבערנע קייט... אונ ס'האָט זיכ ניט צעבראָכנ דאָס קריגל באַמ קוואַל..."[1] די קייט האָט זיכ צעריסנ, דאָס קריגל ליגט אינ שערבלעכ.

דער טויט, וואָס איז אָפֿנ ערשטנ בליק אַלעמאָל אכזאָריעסדיק, בלינד אונ אומזיניק, — האָט זיכ זײַנ זינ. דעמ דאָזיקנ זינ געפֿינ איכ אויכ אינ מיכאָעלסעס טראַגישנ טויט.

ווענ מע האָט געבראַכט צו קוורע מיכאָעלסנ, האָט א קאָלאָסאַלער אוילעמ פֿאַרפֿלייצט בראָנע, טווערסקאָי־בולוואַר, די שכײניִשע געסלעכ. ניט בלויז טעאַטער־ליבהאָבער זײַנענ דאָרט געווענ, עס זײַנענ געקומענ פּאָשעטע מענטשנ. פֿיל פֿונ זיי האָבנ קיינמאָל ניט געזענ מיכאָעלסנ אויפֿ דער בינע: זיי זײַנענ געקומענ אָפּגעבנ קאָוועד ניט נאָר דעמ גרויסנ קינסטלער, נאָר אויכ דעמ מענטשנ, וואָס האָט אָנ וואַקלעניש פֿאַרבונדנ זײַנ גורל מיטנ פֿאָלק, קאַמפֿ אונ גרויסנ ניסאָיענ

1 פונעמ סייפער „קוהלת" (קויהעלעס), י"ב, כו.

פונ זײַנ פאָלק. א מענטש, בעטעװע א פרײלעכער, האָט ער ליב געהאט א פולע קױסע אונ א קלינג שפּאַס, נאָר ער האָט פארשטאנענ דעם גרױסנ צאַר. אונ גרױסער צאַר איז געװענ אױסגעגאָסנ אפ די פּענעמער פונ די מענטשנ, װאָס זײַנענ געקומענ אימ באַגלײטנ אינ לעצטנ װעג. קימאַט בא יעדנ זײַנענ געװענ נאָענטע, װאָס זײַנענ אומגעקומענ אינ די טראַגישע יאָרנ: איצט האָבנ זײ צו קורע געבראַכט מיכאָעלסנ אונ האָבנ נאָכאַמאָל זיך געזעגנט מיט זײערע אײגענע. מיט מיכאָעלסנ האָט זײ פאַרבונדנ ניט די שײַנ פונ דער ראַמפּע, נאָר די שײַנ פונ די אױגנ — די אױגנ, אינ װעלכע עס האָבנ זיך אפּ אײביק פאַרקריצט די געשפּענסטער פונ אָסװענצימ אונ מײַדאַנעק. אונ אפּ א פאַרקנ איז אינ יענעמ פּראָסטיקנ טאָג געזעסנ אנ אַלטער ייִד מיט א פידל, מיט פאַרקאַליעטע פינגער האָט ער געפירט דעם סמיק אַראָפּ אונ אַרופ: ער האָט געװוסט, דער דאָזיקער זאָקנ, װאָס אַזױנס איז קונסט, נאָר ער האָט אױך געװוסט, װאָס אַזױנס איז צאַר, אונ מענטשלעכ־פּראָסט, אָבער פּאַטעטיש־דערהױבנ האָט זיך געטראָגנ איבער דער גאַס דער דאָזיקער אומגעריכטער רעקװיעמ.

קעדײ צו פאַרשטײנ די באַדײַטונג פונ מיכאָעלסעס לעװײַע, דאַרפ מענ זיך פאַרטראַכטנ איבער זײַנ לעבנ. מע האָט א סאַך גערעדט װעגנ קונסט: אונ װי זשע זאָל מענ טאַקע ניט רײדנ װעגנ קונסט, װענ מע רעדט װעגנ מיכאָעלסנ? מיר װילט זיך אָבער דערמאָנענ װעגנ עפּעס אַנדערש: װעגנ מענטש אונ פאָלק. כ'װעל זיך דערלױבנ צו דערצײלנ װעגנ אײנעמ א ייִדישנ דאָקטער. ער האָט געװױנט אינ מאַראָזאָװסק, װאָס אַרומ דאָנ. עס זײַנענ געקומענ די היטלעריסטנ. דער דאָקטער איז שױנ געװענ א זאָקנ. מע האָט אימ צוגענומענ צוזאַמענ מיט דער פרױ. אינ קאַמער זײַנענ געװענ א מענטשנ זעכציק — אַלטע ייִדנ, פרױענ, קלײנע קינדער. די קינדער האָבנ געװײנט, עס האָבנ געװײנט אױך די מוטערס: מע האָט זײ אָנגעזאָגט, אַז אינ א שעה אַרומ װעט מענ אַלעמענ טײטנ. דער דאָקטער האָט געהאַט סאַמ.

צוערשט האָט ער זיך געוואָלט אָפּסאַמען, דערנאָך האָט ער געזאָגט צום ווײַב: „ניין, מיר דאַרפֿן אונטערהאַלטן די אַנדערע״. קיין ייִדיש האָט ער נישט געקענט, האָט ער געפּרעגט בײַ אַ שכן, ווי זאָגט מען: „בראַטיאַ יעווריע!״. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „ברידער ייִדן״, און ס׳זײַנען שטיל געבליבן אַפֿילו די קינדער. ער האָט גערעדט וועגן שטאָלץ, וועגן מענטשנ־ווירדע, וועגן דעם, אַז די סאָוועטישע אַרמיי וועט פֿאַרניכטן די פֿאַשיסטן, וועגן דעם, אַז מע דאַרף שטאַרבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — מיט אַ שמייכל פֿון פֿאַראַכטונג צו די הענקער. ווײַל איר ווילט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס האָט מיכאָעלס געהאַט אַזאַ לעווייע, דערמאָנט זיך וועגן דעם דאָקטער פֿון מאַראַזאָווסק. מיכאָעלס האָט געקענט אונטערהאַלטן דעם שטאָלץ און דעם גלייבן אין די שרעקלעכסטע יאָרן. די ראַדיאָ האָט דערטראָגן זײַנע רעדעס ביז וואַרשע, ביז פּראָג, ביז אַמסטערדאַם, ביז פּאַריז. נישט לאַנג האָב איך אין וואַרשע, צווישן די כורוועס פֿון דער געטאָ, געזען אַ לעבן געבליבענעם אויפֿשטענדלער, און ער האָט מיר דערציילט, אַז מיכאָעלסעס ווערטער האָבן געמוטיקט די הערצער פֿון די קעמפֿער. איך בין זיכער, אַז מיכאָעלסעס ווערטער האָבן געהאָלפֿן די איינזאַמע זקנים און שוצלאָזע מיידלעך — אין טרעבלינקע, אין אָסווענצים, אויף טראַקטאָרנעם, אין טראָסטיאַנעץ, אין פּאָנאַר — אומעטום, ווו די דײַטשישע פֿאַשיסטן האָבן געקוילעט שוצלאָזע. אין די לעצטע רעגעס פֿאַרן טויט האָבן די מענטשן עפּעס איבערגעחזרט מיכאָעלסעס ווערטער וועגן לעבן, וועגן יושר, וועגן גערעכטיקייט. אַז די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין די ווײַסרוסישע וועלדער און די ייִדישע סאָלדאַטן פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי האָבן געוווּסט, אַז שלוימע מיכאָעלס האָט געזאָגט דער וועלט דעם עמעס וועגן דער טראַגעדיע פֿונעם פֿאָלק.

מיכאָעלס איז געווען אַן עכטער סאָוועטישער פּאַטריאָט. אָט דאָס לאַנד איז געווען פֿאַר אים זײַן ליבלעך לאַנד. ער האָט געטאָן

אַלצ, וואָס ער האָט געקאָנט, צו פֿאַרטיידיקנ זײַנ לאַנד. מע האָט אים געשיקט קיינ אַמעריקע. דאָס זײַנענ געווענ די האָניק־כאָדאָשימ פֿונ פֿרײַנטשאַפֿט: דעמאָלט האָבנ די אַמעריקאַנער נאָכ געוווּסט, אַז זיי קאָנענ זיכ ניט באַגיינ אָנ אונדזער אַרמיי, אָנ אונדזערע באַגנעטנ, אָנ אונדזער פֿעסטקייט. מיכאָעלס האָט אָבער גלײַכ דערזענ, ווער זײַנענ די עמעסע פֿרײַנט אונ ווער — צוויאַקעס. ער האָט אַלעמענ אָפּגעגעבנ שאָלעמ, אָבער ניט צו אַלעמענ האָט ער געשמייכלט. ווענ ער איז געקומענ פֿונ אַמעריקע, האָט ער דער ערשטער דערציילט אונדז וועגנ דעמ דאָזיקנ לאַנד, וואָס איז אַזוי גרויס אונ רײַכ אונ אַזוי גײַסטיק אָרעמ. ער האָט געזאָגט: „דאָרט וואַקסנ אונטער היטלערס יאָרשימ...” יאָ, שלוימע איז געווענ אַ כאָכעמ. אונ איכ וויל אונטער־שטרײַכנ, אַז ער האָט ניט נאָר געשמייכלט צו פֿרײַנט, ער האָט זיי געקענט געפֿינענ.

איכ בינ געווענ אינ אַמעריקע פֿיל שפּעטער. דעמאָלט האָט מענ אונדז שוינ ניט אַפּלאָדירט, דעמאָלט האָט מענ אונדז נאָכגעקוקט בייז אונ אָנגעשפּיצט. איכ האָב געזענ אינ אַמעריקע אויכ פֿרײַנט, אונ אָט צווישנ די, וואָס באַגריסנ אינ מעדיסאָנ־סקווער דעמ ראַטנפֿאַר־באַנד, צווישנ די, וואָס גייענ קעגנ דעמ שטראָמ, זײַנענ פֿאַראַנ ניט ווייניק מענטשנ, וואָס דער ערשטער האָט פֿאַר זיי אַנטפּלעקט דעמ עמעס מיכאָעלס. איכ ווייס ניט, וויפֿל עס איז פֿאַראַנ אַזעלכע — עטלעכע הונדערט צי עטלעכע טויזנט, נאָר די דאָזיקע וועלנ שוינ קיינמאָל ניט גיינ קעגנ אונדז, אונ דערינ האָט זײַנ גרויסנ כיילעק מיכאָעלס.

אינ איינעמ פֿונ די נעקראָלאָגנ וועגנ מיכאָעלסנ האָב איכ איבער־געלייענט וועגנ דעמ, אַז אינ דער אַלמענטשלעכער קולטור האָט ער אַרײַנגעטראָגנ עטוואָס אַזוינס, וואָס גייט פֿונ דער ייִדישער קולטור. ס'איז לײַכט צו פֿאַרשטיינ אָט דעמ בײַטראָג, ווענ מע דערמאָנט זיכ אָנ טעוויע דעמ מילכיקנ. נאָר דעמ קיניג ליר האָט דאָכ מיכאָעלס

אויכ געשפּילט אפֿ זײַנ שטייגער. אינ וואָס איז דאָ דער בײַטראָג? דעם דאָזיקנ בײַטראָג קאָנ מענ ניט באַשטימענ בלויז לויט די ביכער, וואָס זײַנענ אָנגעשריבנ אפֿ דער פֿאַרהעלטניסמעסיק יונגער שפּראַכ, וואָס האָט געדינט מיכאָעלסנ. די געשיכטע פֿונעם פֿאָלק איז לענגער אונ קאָמפּליצירטער. דאָס איז א גרויסער אונ פֿאַרפּלאָנטערטער קנויפּ. אונ דאָכ וועל איכ זיכ דערלויבנ צו פּרוּוונ דעפֿינירנ דעם בײַטראָג אונ דערמאָנענ בא דער געלעגנהײַט אנ אלטנ ייִדישנ פּאָעט, וואָס האָט געשריבנ אפֿ שפּאַניש — ראַבי סאַנטאָב. דער קיניג פּעדראָ דער בייזער האָט געבעטנ סאַנטאָבנ, ער זאָל אָנשרײַבנ א טרייסט-בוכ — דער קיניג האָט געליטנ פֿונ שלאָפֿלאָזיקײַט. סאַנטאָב האָט אָנגעשריבנ א בוכ אונ אים א נאָמענ געגעבנ „אייצעס''. ער האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט אזעלכע פֿיר שורעס: „קיינ זאַכ איז ניט אייביק, קוים ווערט די לעוואָנע פֿול, אזוי הייבט זי אָנ אײַנגעשרומפּנ צו ווערנ''. דער קיניג איז אַרײַנ אינ גרימצאָרנ. האָט סאַנטאָב געענטפֿערט: „דאָס איז אלצ, מיט וואָס אנ אָרעמער ייִד קאָנ טרייסטנ דעם קיניג פֿונ בײדע קאַסטיליעס''. דערמיט האָט דער קיניג געהייסנ זײַנ הויפֿ-פּאָעט דעם מאַרקיז סאַנטיליאַנאַ אויסלאַכנ סאַנטאָבנ. דער מאַרקיז האָט אָנגעשריבנ א קופּלעט: „ווי ס'מאַכט זיכ אמאָל, אז גוטער ווײַנ איז אינ א שלעכטער פֿאַס, אזוי מאַכט זיכ אויכ, אז דער עמעס קומט ארויס פֿונ א ייִדנס מויל''. סאַנטאָב האָט געענטפֿערט: „ווענ די וועלט איז באַשאַפֿנ געוואָרנ, איז זי אײַנגעטיילט געוואָרנ צווישנ מענטשנ, איינע האָבנ באַקומענ גוטנ ווײַנ, אנדערע — טרוקענע ליפּנ''. „פֿאַרוואָס זאָגסטו דאָס?'' — האָט געפֿרעגט פּעדראָ דער בייזער. סאַנטאָב האָט געענטפֿערט: „דערפֿאַר, ווײַל דער בעסטער ווײַנ ווערט דערעסנ. נאָר ס'איז פֿאַראַנ אינ לעבנ עטוואָס אזוינס, וואָס איז אומשטערבלעכ — דאָס איז דאָרשט''. אָט וואָס דער אַקטיאָר מיכאָעלס האָט אַרײַנגעטראָגנ אינ דער אלמענטשלעכער קולטור: דאָרשט, אומבאַפֿרידיקטקײַט, קאַמפּ פֿאַר עמעס אינ קונסט.

מע זאָגט, אַז אַקטיאָרישער רום דויערט ניט לאַנג. אונדז הערנ ניט אויפ צו רירנ שעקספּירס טראַגעדיעס. וואָס אָבער ווייסנ מיר וועגנ די, וואָס האָבנ פונ דער בינע טיפ גערירט דעם צושויער? עס בלײַבנ ביכער, לײַוונטנ, פּאַרטיטורעס. דעם אַקטיאָרס שפּיל שטאַרבט אײַננעם מיטנ מענטשנ. יאָ, אָבער צי קענ די סטאַטיסטיק איבערגעבנ די אויפווירקונגס־קראַפט פונ קונסט? וואָס ליגט זיכ שווערער אויפ דער וואָג — אַ בוכ פונ אַ פּאָעט, וואָס האָט איבערגעאַנדערשט די הערצער פונ הונדערטער מענטשנ, אָדער אַנ אַנדער בוכ, וועלכנ עס האָבנ גלײַכגילטיק איבערגעלייענט מיליאָנענ? וואָס לאָזט זיכ מער פילנ — דער רויִקער שלאָפ אינ די ביבליאָטעק־שראַנקענ אָדער דער קויעכ פונ אַ גרויסנ טראַגיקער, וואָס האָט געפורעמט געפילנ אונ האָט איבערגעלאָזט נאָכ זיכ ניט ביכער, נאָר מענטשנ, אונ קינדער פונ אָט די צושויער זײַנע האָט ער איבערגעלאָזט אונ אײַניקלעכ? פאַראַנ אומשטערבלעכקײַט אויכ בײַ אַנ אַקטיאָר — ניט אינ מאָנאָגראַפיעס, ניט אינ לערנביכער — אינעם גײַסטיקנ פּאָנעם פונעם דאָר. פונ אַזאַ רום האָט געוווּסט מיכאָעלס דער אַקטיאָר. וועגנ דעם רעדט מענ איצט אונ מע וועט נאָכ לאַנג ריידנ. נו, אונ דער רום פונ אַ בירגער, פונ אַ מענטשנ... אויכ ער איז אומשטערבלעכ, ווי אומשטערבלעכ עס זײַנענ די גרויסע געפילנ — שטאָלצ, מוט, טרײַשאַפט.

א. יא. טאיראָוו

פאָלקס־ארטיסט פונ רספסר, קינסטלערישער אָנפירער
פונעמ מעלוכישנ מאָסקווער קאמער־טעאטער

זאָל אייביק לעבנ זײַנ אָנדענק

מיט פערצנ יאָר צוריק, אינעמ טאָג, ווענ ס'איז געפײַערט געוואָרנ דער צוואנציק־יאָריקער יובילײ פונעמ קאמער־טעאטער, איז אפ דער בינע ארויסגעפאָרנ א וועגעלע, אינעמ וועגעלע זײַנענ געזעסנ מיכאָעלס אונ זוסקינ. זיי האָבנ געזונגענ א ניגנ אָנ ווערטער, אונ דערנאָכ האָבנ זיי אונדז דערלאנגט זייערע מאטאָנעס: מיכאָעלס האָט גענומענ פונעמ וועגעלע א שטעטל הענטל, האָט עס יצעשפּאָלטנ אפ העלפט, ארויסגעכאפּט פונ דאָרט א בלומ אונ דערלאנגט זי אליסא קאָאָנענ. דערנאָכ האָט ער ארויסבאקומענ א גרויס הארצ אונ עס אָפּגעגעבנ דעמ טעאטער.

אזוי האָט געקאָנט טאָנ נאָר מיכאָעלס.

ער — א קישעפמאכער אינ לעבנ אונ אינ קונסט — האָט פונ א שטײַטל הענטל געקאָנט מאכנ א בלומ. ער האָט געקאָנט ארויסנעמענ דאָס הארצ אונ אָפּגעבנ עס א פרײַנט. אָט דאָס הארצ האָב איכ גענומענ בא מיכאָעלסנ, געהיט עס די גאנצע צײַט ווי דאָס שוואַרצאפּל פונ אויג אונ וועל דאָס היטנ מײַנ גאנצ לעבנ.

איכ ווייס ניט פונ קיינ איינ שווערער מינוט אינ מײַנ לעבנ, ווענ איכ זאָל זיכ ניט נעמענ פארנ טעלעפאָנ־טרײַבל אונ ניט אָנקלינגענ צו מיכאָעלסנ. אונ איכ געדענק ניט דעמ פאל, אז גלײַכ נאָכ מײַנ קלונג, ווענ דאָס זאָל ניט זײַנ — באטאָג צי באנאכט, — זאָל ער

ניט קומען צו מיר און ניט זאָגן מיר: „נו, וואָס איז דיר? וואָס דאַרפֿסטו?’’

און ס׳פֿלעגט אַוועק אַ שמועס, וואָס כ׳האָב אים געדאַרפֿט, ווי איינער דאַרף לופֿט, אַ שמועס, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט פֿונסנײַ צו נעמען עטעמען, האַנאָע האָבן פֿון לעבן, אַ שמועס פֿון הערצער.

ס׳איז שוין אַוועק אַ שטיקל צײַט נאָך זײַן טויט, נאָר כ׳פֿיל זיך נאָך אַלץ פֿאַריאָסעמט, און כ׳ווייס ניט, ווען וועט פֿאַרשווינדן דאָס דאָזיקע געפֿיל.

דער עמעס, וועלכן עס האָט געטראָגן דער וועלט דער קאָמעדיאַנט און דער כאָכעם מיכאָעלס, דער דאָזיקער עמעס — דאָס איז מענטשלעכקײַט. ער איז געווען טיף מענטשלעך. און טאַקע מאַכמעס דער דאָזיקער מענטשלעכקײַט זײַנער האָט ער אַזוי געהאַסט די פֿײַנט און אַזוי ליב געהאַט די פֿרײַנט; מאַכמעס דער דאָזיקער מענטשלעכקײַט האָט ער געגלייבט אין אונדזער לאַנד, אין אונדזער עפּאָכע, אין דער ליכטיקער צוקונפֿט פֿון אונדזער היימלאַנד. מאַכמעס דעם טאַקע האָט ער גערופֿן צום קאַמף קעגן פֿאַשיזם. זײַן מענטשלעכקײַט איז געווען טיף און ברייט. אין איר איז געווען אַי פֿרייד, אַי ווייטעק, אַי קראַפֿט, אַי צאָרן, אַי טרויער — צאַר פֿאַר דאָס פֿאַרשוועכטע אינעם מענטשן, פֿרייד פֿאַר דאָס ווירדיקע, קרעפֿטיקע, קעמפֿערישע.

מיכאָעלס איז געווען אַן עמעסער פּאָעט. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן — זײַנע אַרויסטרעטונגען אַף דער טריבונע, זײַן געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקײַט — האָט ער געטאָן ווי אַ פּאָעט, אַ פּאָעט, וואָס פֿילט אַף די ליפּן דעם ביטערן טאַם, וועלכן עס האָבן איבערגעלאָזט די יאָרהונדערטער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿונעם מענטשן. די ביטערנייש האָט אים הײַליק געמאַכט די ליפּן, אָבער ער האָט זי באַקעמפֿט, די ביטערניש, מיט זײַן גרויסער לײַדנשאַפֿט בײַצוקומען די פֿאַרגאַנגענהײַט און דערגיין צו דער וווּנדער־שיינער, ליכטיקער צוקונפֿט.

ווו איז ער איצט, דער האזיקער מענטש? פארוואס איז ער איצט ניט מיט אונדז, איצט, ווענ מיר דארפנ אימ אזוי נייטיק, עפשער נייטי־קער, ווי ווענ־ניט־איז אנדערש? דאס איז א ווייטעק, אנ אומגעהייערער ווייטעק. כ'האב טענעס צומ גוירל, וואס האט צוגענומענ בא אונדז מיכאעלסנ. מיכאעלס דארפ זיינ מיט אונדז, אונ ער איז מיט אונדז אינ אונדזערע הערצער.

באוויירימ, ווילט זיכ זאגנ, באוויירימ אקטיארנ פונ יידישנ טעא־טער! פארלירט ניט אפ קיינ איינ רעגע מיכאעלסנ, זאל ער אינ יעדער רעגע פונ אייער ארבעט זיינ מיט אייכ — שעפעריש, מענטשלעכ. זאל ער אייכ רופנ אונ פירנ צומ קאמפ פאר אונדזער לאנד, פאר אונדזער קונסט.

געדענקט, אז אפנ פראנטאנ פונ אייער טעאטער איז מיט גאלדענע אויסיעס אויסגעקריצט דער נאמענ מיכאעלס. אונ זייט אימ ווערט.

זאל לעבנ אייביק זיינ אנדענק!

פּ. נאָוויצקי

אָנהייב לעבנ[1]

1919 — 1890

1

שלוימע מיכאָעלס (וואָווסי) איז געבאָרנ געוואָרנ דעמ 17 מאַרט 1890 אינ דווינסק אינ א מישפּאָכע פונ וואַלד־סאָכרימ.

צו פיר יאָר האָט ער אָנגעהויבנ לערנענ אינ כיידער. צו דרײַצנ יאָר איז ער שוינ געוועזנ א גאַנצער לערנער, האָט געקענט מאָלנ אונ קלעפּנ פונ ליימ, האָט געשריבנ לידער אינ העברעיִש אונ האָט געזונגענ.

אינ דער מישפּאָכע וואָווסי איז געווענ א פולע שטוב מיט קינ־דער — נײַנ כעוורע. שלוימע אונ כאַימ זײַנענ געווענ א צווילינג. די יינגלעכ האָבנ געהאַט גוטע קעפּ, אונ דער פאָטער האָט געוואָלט זיי מאַכנ פאַר לאַמדאָנימ.

די מישפּאָכע איז געווענ א רעליגיעזע, מע האָט דאָ אָבער אויכ ליב געהאַט א שיינ איבערגעלייענט וואָרט, א גוט אויסגעזונגענע ליד. איינער פונ די עלטערע ברידער האָט געהאַט א פײַנע שטימ אונ האָט א סאַכ אונ גוט געזונגענ. דערנאָכ איז ער געוואָרנ אַנ אַקטיאָר אונ איז אוועק פונ דער היימ. דער פאָטער האָט עס אימ א גאַנצ לעבנ נית געקענט מויכל זײַנ. א צווייטער ברודער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו

---

1 פונ פּאַוועל נאָוויצקיס בוכ „געשטאַלטנ פונ אַקטיאָרנ״. פאַרלאַג „איסקוסטוואָ״ .1941

דעקלאמירן נאָדסאָנען, אַפּוכטינען, פֿרוגן. דער קלײנער שלוימע פֿלעגט זיך צוהערן צו זײַן דעקלאמאציע מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. אַזױ איז מיכאָעלס געװאַקסן, אַרומגערינגלט מיט טאַלענטירטער, פֿרײלעכער, לעבעדיקער יוגנט.

דער קלײנער מיכאָעלס האָט ליב געהאַט צו טרוימען װעגן טעאַטער. צוזאַמען מיט כאַװײרים האָט ער אַפֿילע געמאַכט אַ טעאַטער פּורים־שפּילער, אַלײן אָנגעשריבן אַ פּיעסע. די שפּיל איז זײער געפֿעלן געװאָרן — די מומעס האָבן אַפֿילע געלאָזט אַ טרער.

אין יאָר 1905 האָט זיך זײַן זאָרגלאָזע קינדהײט געענדיקט. דער פֿאָטער איז בעדאַלעס געװאָרן. שלוימע האָט געמוזט אָנהײבן זוכן אַ פֿאַרדינסט און האָט אָנגעהױבן געבן „אוראָקעס" פֿון צײכענען.

דאָס זעלבע יאָר איז די מישפּאָכע אַריבערגעפֿאָרן קײן ריגע — מע האָט געדאַרפֿט טראַכטן װעגן אַ טאַכלעס פֿאַר די קינדער, װעגן אײַנאָרדענען זײ אין אַ שול. שלוימע און כאַיִם — דער צװילינג — האָבן גלענצנדיק אױסגעהאַלטן די עקזאַמענס און זײַנען אָנגעקומען אין פֿינפֿטן קלאַס פֿון דער רעאַל־שול.

גאָר אינגיכן איז מיכאָעלס געװאָרן דער ערשטער אין קלאַס. מיט דער זשעדנעקײַט פֿון אַ דאָרשטיקן האָט ער זיך אַרופֿגעװאָרפֿן אױף די ביכער, אָנגעהױבן אָפּט באַזוכן טעאַטער, זיך באַקענט מיט פֿאַרשײדענע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען, װאָס זײַנען דעמאָלט געװען פּאָפּולער צװישן דער יידישער קלײנבירגערלעכער יוגנט. סאָף 1905 איז ער אױסגעקליבן געװאָרן אין אַלשטאָטישן שילער־קאָמיטעט, אָבער איז ער נאָך אָבער אין ערגעץ ניט אַרױסגעטראָטן.

די רעאַל־שול האָט מיכאָעלס געענדיקט גלענצנדיק און דערצו נאָך אָפּגעגעבן לאַטײַן, װאָס דאָס האָט מען אין שול ניט געלערנט. מאַכמעס דער פּראָצענט־נאָרמע האָט זיך אים אין אוניװערסיטעט ניט אײַנגעגעבן אַרײַנצוקומען, אָנגעקומען איז ער אין קיִעװער קאָמערץ־אינסטיטוט. אין 1911 איז ער אױסגעשלאָסן געװאָרן פֿון אינסטי־

טוט אין צוזאַמענהאַנג מיט די סטודענטישע „אומרוען" נאָך לעוו טאָלסטאָיס טויט. מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן אַנצוקומען אין פּסיכאָנעוראָלאָגישן אינסטיטוט. דאָס האָט אָבער קיין „פּראַוואָזשיטעלסטווע" ניט געגעבן. ערשט אין 1915 האָט מיכאָעלסן אָפּגעגליקט — ער איז אָנגעקומען אויפן יורידישן פֿאַקולטעט פֿון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט.

2

מיכאָעלס האָט זייער שאַרף און באַוווסטזיניק איבערגעלעבט די עפּאָכע פֿון רעאַקציע נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1905. אין דער ליטעראַטור האָבן געהערשט ראַפֿינירטע רענעגאַטישע שטימונגען: איבער די פֿינצטערע כוואַליעס פֿון אויסגעלאַסענער סעקסועלער פּאַטאָלאָגיע האָט זיך אַרומגעטראָגן דאָס טשאַדערדיקע פֿלעמל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און בעסאַלמענ־פֿילאָסאָפֿיע. אַרציבאַשעווס פּעסימיזם איז געווען א מין דערגאַנצונג צו פּשיבישעווסקיס היסטערישער עראָטיק, צו לעאָניד אַנדרייעווס מאַרע־שכוירעדיקער ריטאָריק, צו מעטערלינקס קויווערדיקע מיסטעריעס.

אין די סטודענטישע יאָרן זיינען צווישן מיכאָעלסעס באַליבטע ביכער געווען די ווערק פֿון די סקאַנדינאַווישע שרייבער. עס האָט אים אויך א ביסל אימפּאָנירט אַנדרייעוו. נאָר אײַנגעהיט מיכאָעלסעס מאָראַלישן געזונט, געראַטעוועט האָט אים פֿון אידעאָלאָגישער דעמאָראַליזאַציע גאָרקיס ווירקונג, דער איינפֿלוס פֿון א גרופּע אוניווערסיטעט־כאַווייריס, וואָס האָבן ערנסט און פֿלייסיק דערלערנט בעלינסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון. די גרינגע ביכלעך פֿון „זנאַניע" האָבן אָנאָנירט די ליטעראַרישע אַטמאָספֿער. מיכאָעלס האָט זיך מיט גוואַלדיקן אינטערעס צוגעכאַפּט צו יעדעס נײַ ווערק גאָרקיס. זיין געזעלשאַפֿטלעכער אינסטינקט, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט אונטערגעפֿירט, האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז אָט דאָ איז דער מאַקער פֿון געזונט, מונטערקייט און שעפֿערישקייט. „די מוטער", „ווידע",

„דאָס שטעטל אַקוראָוו" האָט ער איבערגעלעבט ווי דאָקומענטן פֿון זײַן אייגענער ביאָגראַפֿיע. בעלינסקין האָט מיכאָעלס ביזן סאָף פֿון לעבן געהאַלטן פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע דענקער אין געביט פֿון קונסט־טעאָריע.

אפֿן יורידישן פֿאַקולטעט איז מיכאָעלס אָנגעקומען, ווײַל זײַן פֿאַנטאַזיע האָבן געצויגן באַרימטע אַדוואָקאַטן (גרוזענבערג, באַזונדערס פּאַסאָווער) און די גוואַלדיקע אויפֿווירקונגס־קראַפֿט פֿון דער רעדנער־קונסט. כוץ דעם האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט פֿראַגן פֿון סאָציאָלאָגיע און געשיכטע.

3

דער קרײַז אינטערעסן פֿונעם סטודענט מיכאָעלס איז געווען זייער אַ ברייטער. צוערשט האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו היסטאָרישע ביכער. ער האָט פֿלײַסיק שטודירט מאָמזענען, מאַרגאַטען, די פּראָבלעמען פֿון מיטלאַלטער. אַ קאָלאָסאַלן אײַנדרוק האָט אויף אים געמאַכט וועלהאַוזענס ביבל־קריטיק. פֿון אַ ציטאַדעל און ענציקלאָפּעדיע פֿון וויסן איז די ביבל אַלײן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָביעקט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער דערלערנונג.

ביזן אוניווערסיטעט האָט אַ גאַנץ היפּשע ראָל אין מיכאָעלסעס אַנטוויקלונג געשפּילט איינער אַ גרויסער וואַלד־סיבער, אַ שאַכשפּילער און אַ פּאָעט נימצאָוויטש. ער איז שוין אַלט געווען קאָרעוו צו פּופּציק, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט מיכאָעלסן. דער היציקער און טאַלענטירטער באָכער האָט אים פֿאַרינטערעסירט, און זיי האָבן זיך באַפֿרײַנדעט, ניט געקוקט אויפֿן ווײַט פֿאַרשיידענעם עלטער. נימצאָוויטש האָט געלייענט מיכאָעלסן זײַנע לידער און האָט אים געלערנט שפּילן שאַך. דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון גרויסער קולטור, וואָס האָט געטרוימט וועגן אַרויסרײַסן זיך פֿון די ענגע דאַלעד־אַמות פֿון געטאָ, איבער פֿון די פֿאַרשטייער פֿון דער האַסקאָלע־באַוועגונג, וואָס

האָט זיך אָנגעהויבן אין מײַרעוו נאָך אין XVIII יאָרהונדערט. נימצאָוויטש האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט בײַקומען די בורזשואַזע באַגרענעצטקייט פון זײַנע ליבעראַלע פּאָזיציעס. ווי האָט ער געקענט פאַרשטיין, אַז אײַנהיטן דעם יעסאָד פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, אויפהייבן זי אויף אַ העכערער שטופּע פון אַלמענטשלעכער קולטור איז אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט ניט מעגלעך. ניט אונטער זײַן ווירקונג האָט זיך מיכאָעלס געקאָנט באַפרײַען פון דער האַזיקער בורזשואַז־ליבעראַלער וועלטאָנשויונג; אַליין, מיט זײַן אייגענעם סייכל, האָט ער געדאַרפט געפינען דעם ריכטיקן וועג.

דער אינטערעס צו פילאָסאָפיע איז באַ מיכאָעלסן אויפגעקומען אונטער דער ווירקונג פונעם פּראָפעסאָר פעטראַזשיצקים לעקציעס איבער דער רעכט־פילאָסאָפיע. אים האָט פאַרכאַפּט ניט פעטראַזשיצקיס אידעאַליסטישע קאָנצעפּציע, נאָר די טעמאַטיק פון זײַנע לעקציעס. אַ נעם געטאָן זיך צו פילאָסאָפיע, האָט ער אָבער דערזען, אַז ער ווייסט זייער ווייניק אין געביט פון נאַטור־וויסנשאַפט, האָט ער זיך ווידער גענומען צום לערנען — אָנגעהויבן זעלבשטענדיק דערלערנען ביאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע. ער האָט שטודירט געטעס און העגעלס נאַטור־פילאָסאָפיע, אַ סאַך און מיט גרויס אינטערעס זיך אָפּגעגעבן צו מאַטעמאַטיק. און פאַרנומען זיך מיט דעם אַלעם האָט ער ניט מיט דער צײַטווײַליקער פאַרינטערעסירטקייט פון אַ דילעטאַנט. נאָר מיט דער לײַדנשאַפט פון אַ מענטשן, וואָס זוכט דעם וועג צום עמעס.

מיכאָעלס באַפרײַט זיך אויך אַלץ מער פון סכאָלאַסטיק און מיסטיק. די רעשטן פון דער כסידישער רעליגיעזקייט זײַנען אַוועק מיטן רויך. ניט אומזיסט האָט מיכאָעלס מיט אַזויפיל אַקשאָנעס און לײַדנשאַפט געזוכט דעם ריכטיקן וועג. דער הייסער, לעבנסלוסטיקער טעמפּעראַמענט, דער פּראָטעסט פונעם געזונטן גײַסט קעגן דעם פאָטערס דריקנדיקן פאַנאַטיזם, די ווירקונג פון דער

עפּאָכע, די מעכטיקע קראַפט פון גאַרקיס שאַפונג האָבן געהאָלפן מי־כאָעלסן זיך אַרויסרײַסן פון דער שטיקנדיקער און שווערער אַטמאָס־פער פון דער בורזשואַזער קולטור. דער דאָזיקער פּראָצעס איז געווען גאָר ניט קיין לײַכטער. ער איז דורכגעגאַנגען שטורמיש און ווייטיקדיק.

4

צום טעאַטער איז מיכאָעלס געקומען ניט מיטאַמאָל. ביז 1919 האָט ער וועגן טעאַטער אַפילע ניט געטרוימט. אויף סטודענטישע אָוונטן פלעגט ער אַמאָל פאָרלייענען ביאַליקן, אַפוכטינען, נאַדסאָנען. געלייענט שטאַרק עמאָציאָנעל, אַפילע היסטעריש. אַ רוסישע דיקציע איז בײַ אים געווען אַ שלעכטע. קעדיי זי צו פאַרבעסערן, האָט ער זיך אַפילע אָנגעהויבן לערנען בײַם אַקטיאָר פון ריגער טעאַטער ווע׳לי־זשין. וועליזשין האָט געהאַלטן, אַז קיין אַקטיאָר וועט פון מיכאָעלסן ניט אַרויסקומען. פאַר דער הויפּט־מעניע האָט ער געהאַלטן מיכאָעל־סעס קליינעם וווקס. איינמאָל האָט זיך מיכאָעלס אַפילע דער מוטער געקלאָגט אויף זײַן וווקס. „גישקאָשע! — האָט געענטפערט די מו־טער. — ביסט קליין אין וווקס, דערפאַר אָבער וועסטו האָבן אַ סאַך מאַזל".

נימצאָוויטש האָט געוואָלט אײַנגעטײַנעט מיט זײַן יונגן פרײַנט, אַז זײַן באַרוף איז ניט יוריספּרודענץ, נאָר קונסט. ער האָט אים גע־פּרוווט צונויפירן מיט די אָנפירער פון ריגער טעאַטער. איינמאָל האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזט צום רעזשיסער טומקאָוו. יענער האָט פאָרגע־לייגט מיכאָעלסן לייענען טשאַצקיס מאָנאָלאָג „און מישפּעטן ווער?" און טשעכאָווס דערציילונג „נאַלים". מיכאָעלס איז דורכגע־פאַלן. פונדעסטוועגן האָט מיכאָעלס באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ טרופּע און שפּילן אין ריגער ייִדישן קלוב. אויף זײַן וועגדונג האָט זיך אָבער קיינער ניט אָפּגערופן. האָט ער דעם געדאַנק וועגן טעאַטער

געוואָרפֿן און זיך גענומען צו וויסנשאַפֿט. דאָס שטודירן יוריספּרו־
דענץ האָט ער פֿאַרענדיקט אין 1919 און אָנגעהויבן לייענען לעק־
ציעס פֿון מאַטעמאַטיק און ליטעראַטור אַף טשערנישעווסקער אָוונט־
קורסן פֿאַר זעלבסטבילדונג.

און פֿלוצעם איז די אידיי וועגן טעאַטער ווידער אױפֿגעשווומען.

איינער פֿון מיכאָעלסעס פֿריינט האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז
דער יידישער קאָמיסאַריאַט אין פּעטראָגראַד ווערבירט סטודענטן פֿאַר
אַ יידישער טעאַטראַלער שול, און האָט אים געייצעט אָנקומען אַהין.
מיכאָעלס האָט געוואָרפֿן זיינע לעקציעס און האָט געפּויעלט בײַ זיך
ווידער ווערן אַ סטודענט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין טעאַטראַל
לעבן.

פערעצ מארקיש

דער ארטיסט אונ טריבונ

עס לאזט זיכ ניט טראכטנ וועגנ אט דעמ נאבעלנ קינסטלער, וואס זײַנ נאמענ איז געווארנ דער סינאנימ פונ פאלקס-גײַסט, ווי וועגנ א שויכנ־אפאר.

דער באוווסטזײַנ שטעלט זיכ אפ אפ יענעמ ארט, צווישנ די פארשנייטע מינסקער כורוועס, וו ס׳איז פארגעקומענ דאס, וואס ס׳וועט שוינ קיינמאל ניט פאריכט ווערנ.

צופיל אײַנגעוועבט איג יעדנ פונ אונדז איז געוועג דער אומגעקומענער, אז דער אומגליק זאל אימשטאנד זײַנ אפילע פיזיש אימ ארויסרײַסנ פונ אלע אונדזערע כושימ.

עס ווערט ניט פארשווונדנ פונ אונדזער בליק דער קלוגער מאלמיד־כאכעמדיקער שטערנ, די דורכדרינגענדיקע אויגנ, דער ברויזנדיק־געצוימטער זשעסט, די אפגעוויגענע, גאמעסטענע באוועגונג.

עס טוט זיכ ניט אפ פונ אונדזער געהער דער דינסטער הויכ פונ זײַנ אייגנארטיקער שטימ, וואס האט דורכ אירע כוואליעס דורכגעלאזט אזויפיל קוואלנדיקע לעבנס-כאכמע, אזויפיל ליכטיקע געדאנקענ, אזויפיל לײַדנשאפט, אזויפיל צארנ אונ אזויפיל ברויזנדיקע צארטקײַט.

ער זעצט פאר זײַנ וועג איבער אונדזער באוווסטזײַנ, ווי אינ דער קונסט. אונדז דאכט זיכ נאכ אלצ, אז ער איז דא מיט אונדז —

אינ טעאַטער, הינטער די קוליסנ, בא זיכ אינ אַרבעטס־צימער איבער א מאנוסקריפּט אָדער באמ טעלעפאָנ, אינ אייג האנט האלטנדיק דאָס טרײַבל און מיט דער צווייטער אָנצינדנדיק א שוועבעלע אפ פאַרײַכערנ א פּאַפּיראָס.

און נאָר דערפאר, וואָס עס דאכט זיכ אונדז אזוי אויס, געניסנ מיר אויכ פונ אזא זיכ דוכטנדיקער רויִקײַט אפ קאָנענ טאָנ דאָס אלצ, וואָס מיר האָבנ געטאָנ מיט אימ צוזאמענ, ווי זײַענדיק איבערציַיגט, אז אָט וועלנ מיר עס אימ אדורכלייענענ. אָט וועלנ מיר עס אימ א ווײַז טאָנ. אָט וועלנ מיר עס צוזאמענ אדורכטראכטנ.

און נאָר דערפאר איז מעגלעכ אָנ דערשיטערונג א גיי טאָנ איבער זײַנ לעבנ. עס דאכט זיכ נאָכ אלצ, אז — מיט אימ אינײנעמ; ער פלעגט אזוי ליב האָבנ פעסט און מאָנומענטאל שפּאצירנ איבער די מאָסקווער גאסנ — אינ דער צוקונפט פונ דער קונסט. ווי שטענדיק — מיט זײַנ שטעקעלע. ניט געײַלט.

איצטער קאָנענ מיר נאָר א שפּאציר טאָנ צו די פארגאנגענע, נאָר ניט אָפּגעווישטע, ניט איבערגעשטראָכענע ראנדנ, ווו ס'האָט זיכ אזוי העל און מיט אזויפיל זונ אופגעהויבנ דער פרימאָרגנ פונ זײַנ גרויס שעפעריש לעבנ.

1

ס'איז געווענ א ווינטערדיקער פארטאָג אינ סאָפ דעקאבער. איבער די פארנעפּלטע פּעטערבורגער גאסנ האָט ארומגעבלאָנקעט א יִדישער סטודענט, וואָס האָט שטודירט יוריספּרודענצ און הומאניטארע וויסנשאפטנ. ער האָט גוט געקענט לאטײַנ און מאטעמאטיק. ער האָט זייער געשמאק געזונגענ רעב לייווי־יִצכאָק דעמ בארדיטשעווערס „דודע“ און דעקלאמירט ביאליקס „דאָס לעצטע וואָרט“.

א פאָרשטייער פונ דעמ בעסטנ טייל יִדישער אינטעליגענצ, וואָס האָט זיכ אויסגעהאָדעוועט אפ די רוסישע און מײַרעוודיקע רעוואָליוציאָנערע טרוימער און דענקער, האָבנ זיכ אינ אימ אפ א גלענצנדנ

אויפֿן פּראָיעקט די פּרעכטיק-אידעאַלע פּונעם אָנהייב יאָרהונדערט מיט די שענסטע טראַדיציעס פֿונעם פֿרײַדאָרשטיקן ייִדישן פֿאָלק.

קיין פּעטערבורג איז ער געקומען פֿונעם געוועזענעם ייִדישן „שטום", פֿון אָרום דער מיירעוו-דווינע, אָנגעלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק און טרוימען וועגן גערעכטיקייט.

די ייִדישע דערשלאָגענע שטיבלעך און די דאָרשטיקע מוּיכעס האָבן זיך געוואַרעמט מיט דעם רעוואָלוציאָנערן אָטעם פֿון הערצען און טשערנישעווסקי, מאַרקס און לענין.

1919. דאָס לאַנד האָט זיך איבערגעשטאַלטיקט. מענטשן האָבן זיך געפֿילט פֿונדאָסנײַ געקומען אויף דער וועלט. די רעוואָלוציע האָט יעדן איינעם אויסגעהערט, איבערגעפּרעגט און עקזאַמענירט. און אַנשטאָט די לעצטע עקזאַמענס אויף יוריספּרודענץ, וואָס דער סטודענט וואָווסי האָט באַדאַרפֿט אָפּגעבן דעם אוניווערסיטעט, האָט ער אָפּגעגעבן די ערשטע עקזאַמענס אויף אַ פֿרײַען בירגער — דער רעוואָלוציע!

מענטשן האָבן זיך איבערבאַוואָפֿנט אין איין אָטעם. פֿון אינמיטן די אופֿגעוואַכטע פֿלעצער האָט מען זיך מאָביליזירט — ווער אין דער אַרמיי, ווער פֿאַר דער טריבונע, ווער פֿאַר דער פֿאָלקסקונסט. אַלעמען האָט זיי אופֿגעהויבן און געטראָגן ווי אויף צעבושעוועטע גרײַפֿנדיקע כוואַליעס — די רעוואָלוציע.

און גאָר ניט אומדערוואַרט איז געווען פֿאַר דעם טרוימער דעם סטודענט, וואָס האָט פּראַכטפֿול געזונגען די „דודע" און וואָס האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט דעקלאַמירט „דאָס לעצטע וואָרט", — דער קלונג אין טעלעפֿאָן, וואָס ער האָט אין איינעם אַ דעקאַבערדיקן פֿאַרנאַכט באַקומען און וואָס האָט אים אופֿגעפֿאָדערט זיך צו שטעלן אין קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע איניאָנים.

די רעוואָלוציע איז שוין אַלט געווען צוויי יאָר. אויף די פֿראָנטן איז געוואַקסן און זיך געצײַטיקט דער צוקינפֿטיקער גרויסער זיג. אין

די הײַזער האָבנ גערײכערט קלײנינקע קאנעצלעכ. ברויט האָט מענ געוויגנ אפ אפטײקערשע וואָגשאָלנ. אָבער דער יונגער רעוואָליוציאָנערער קונסט איז עס ניט אָנגעגאנגענ. זי האָט זיכ געשפּײַזט מיט אופּגעוואכטע קויכעס פונ גאנצע פעלקער, מיט געזאנג פונ פלעצער, מיט ריטמענ אונ מעכטיקע מארשנ. האָבנ זיכ מיט א וויכערישער שנעלקײט קאָמפּלעקטירט טעאטערס, סטודיעס, אגיטבאזעס אונ טריבונעס, דורכ וועלכע ס'האָט א שפּאר געטאָנ די רעוואָליוציאָנערע פאָלקס־קונסט.

לויטנ אדרעס, וואָס מ'האָט אימ אָנגעוויזנ דורכנ טעלעפאָנ, איז דער סטודענט געקומענ אינ דער געבײַדע פונעמ געוועזענעמ אינערנ־מיניסטעריומ. איצט איז עס געווענ די צײַטווײַליקע געבײַדע פונעמ קאָמיסאריאט פאר ייִדישע איניאָנימ. דער צימער, וואָס אינ אימ איז דער סטודענט ארײַנ, איז געווענ סטאָליפּינס געוועזענער קאבינעט. דאָס אלײנ איז שוינ קימאט געווענ טעאטער. באמ טיש איז געזעסנ א ייִדישער געלערנטער אונ אָפּגענומענ אנ אנקעטע באמ ארײַנגעקומענעמ.

דעמלט איז פונ אונטער די הענט אויסגעוואקסנ א בלאנק, אונ דעמ סטודענט, וואָס האָט שטודירט יוריספּרודענצ, איז פאָרגעלייגט געוואָרנ אונטערצושרײַבנ א האסקאָמע אפ שוישפּיל.

אונ דאָ האָט ער צומ ערשטנ מאָל אפ אנ אימפּראָוויזירטנ אויפנ אָפּגעשפּילט זײַנ נאָמענ.

דער סטודענט האָט זיכ אונטערגעשריבנ:

— סאָלאָמאָנ מיכײַלאָוויטש מיכאָעלס.

2

פונ לאטײַנ — אפ באלעט. פונ יוריסדיקציע — אפ טעאטראלער דיקציע. אונ פונ רוימישע רעכט — אפ ריעלע רעכט. אפ רעאלע לעבנס־רעכט פונ א באפרײַטנ מענטש אונ פונ א באפרײַטנ זונ פונ

פאָלק, מיט גרויסע אונ שטאָלצע רעכט אפ שאפנ פאר דער גרויסער
סאָוועטישער טעאטער-קונסט.

דער איבערגאנג איז ניט געווענ קיינ שווערער אונ ניט קיינ פיל-
בארער. די אויסגעזונגענע דודע אונ דאָס אויסגעוואָרעמטע וואָרט,
וואָס שלוימע וואָווסי האָט ארומגעטראָגנ אינ זיכ פארשפארט, ווי
אינ א שטיינ, האָט מיכאָעלס באפרייט, אונ מיט אָט די צוויי בא-
שטאנד-טיילנ פונ זיינ צוקינפטיקער גרויסער טעאטראלער קונסט איז
מיכאָעלס ארייננגעגאנגענ אינ טעאטער, ווי מיט זיינ געזעצלעכער יע-
רושע, וואָס ער האָט באקומענ פונעם פאָלק.

פאר מיכאָעלסנ האָט זיכ געשטעלט די פראגע, וויאזוי קינסטלע-
ריש אויסזינגענ די דודע פארנ פאָלק? אויסזינגענ זי אזוי, אז ס'זאָלנ
דורכ איר אופגיינ אלע זאפטנ פונעם פאָלק, זיינ פרייד אונ זיינ
פיינ, זיינ וויי אונ זיינ האָפענונג, זיינ כאָכמע אונ לעבנס-דאָרשט
אונ זיינ אלטער קלוגער סקעפסיס... פאר מיכאָעלסנ האָט זיכ גע-
שטעלט די פראגע, וויאזוי זאָלנ אָט די אלע פאָלקס-אייגנשאפטנ
דורכריזלענ ניט נאָר דורכנ „לעצטנ וואָרט" פונ זיינ נעכטנ, נאָר
דורכנ „ערשטנ וואָרט", וואָס דאָס פאָלק איז געגאנגענ שאפנ איינינעמ
מיט דער רעוואָליוציע. אונ אָט די אלע אייגנשאפטנ, וואָס זיינענ
נאכהער דעפינירט געוואָרנ ווי די נאציאָנאלע פאָרמ,—וויאזוי זאָלנ זיי
דורכבליצנ ניט נאָר אינעמ יידישנ וואָרט, נאָר אינעמ וואָרט פונ
דער וועלט-ליטעראטור, וואָס אימ איז פאָרגעשטאנענ קינסטלעריש
דורכגיינ דורכ דעמ, אונ ניט נאָר אינעמ וואָרט, נאָר אינ דער באווע-
גונג, אינ דער פלאסטיק. אונ צו לייזנ קינסטלעריש אָט די דאָזיקע
סאמע וויכטיקע פראָבלעמ איז מיכאָעלס צוגעטראָטנ פונ סאמע אָנ-
הייב, בא די ערשטע טריט זיינע, ווי נאָר ער האָט דערפילט, אז
דורכ זיינ דודע וועט דארפנ א רעד טאָנ דאָס פאָלק.

אונ נאָכ דעמלט, אינעמ אופגעברויזטנ רעוואָליוציאָנערנ פעטראָגראד,
אפ טשערנישאָוו-געסל, וואָס בא דער פאָנטאנקע, נאָכ דעמלט פאר-

טראכט זיכ מיכאָעלס איבער דער נויטווענדיקײַט פונ אנ אייגענעמ אינדיווידועלנ טעאטראַלנ אלעפבייס, וועגנ א נאציאָנאַלנ אלעפבייס פונ פלאסטיק אונ אויסדרוק, וואָס זאָל ארויסדריגנ דירעקט פונ פאָלק, פונ זײַנ אייגנארטיקײַט, פונ זײַנ ספעציפיק אונ וואָס זאָל אינ דער זעלבער צײַט קאָנענ זײַנ אינטערנאציאָנאַל אדאנק דעמ רעאַליס־טישנ עמעס, וואָס דער פאָלקס-אייגנארט, ווי אינדיווידועל ער זאָל ניט זײַנ, האָט אינ זיכ דאָכ געטראָגנ. אונ אפ אָט די זוכענישנ גייענ אוועק די ערשטע צוויי יאָר — דער אזוי גערופענער פעטראָגראדער פעריאָד. צווישנ צוויי גרויסע שטראָמענ פונ וואָרט שוינ בא די ער־שטע טריט — צווישנ דער וועלט־דראמאטורגיע אונ דער נאציאָנאַלער דראמאטורגיע — צווישנ אָט די צוויי שטראָמענ פונ וואָרט טראָגט זיכ מיכאָעלס, ביז ער קומט צו זײַנ צווייטער אימפּראָוויזאציע — צו אנ אייגענער פיעסע „דער בויער" אונ צו זײַנ גרויסער קינסט־לערישער רײַזע — אינאיינעמ מיט דער סטודיע — קיינ מאָסקווע.

דער מעהאַלעכ פונ טשערנישעווסקי־געסל [1] ביז קליינ־בראָנע איז אומגעפער פונ אָנדערהאַלבנ ביז צוויי קווארטאלנ. דורכגיינ קאָנ מענ אימ פאר פיר אָדער פינפ מינוט. בא מיכאָעלסנ, ווי בא דעמ טעא־טער אינגאנצנ גענומענ, האָט די דאָזיקע שטרעקע געדויערט אדורכ־גיינ קנאפע דרײַ יאָר. דאָס זײַנענ געווענ דרײַ יאָר פונ קינסטלעריש אויסשפירנ דעמ אייגענעמ וועג, וואָס האָט זיכ געצויגנ פונ טשער־נישעווסקי־געסל דורכ קליינ־בראָנע אינ דער גרויסער וועלט פונ טעאטראַלער קונסט. דאָס זײַנענ געווענ דרײַ יאָר פונ זוכנ דעמ איי־גענעמ גורל אונ אָנצייכענענ די גרויסע צוקונפט.

פונ די אומרויִקע מאָסקווער גאסנ, וואָס יאָגנ זיכ איינע נאָכ דער אנדערער אינ א מינ אייגנארטיקער טעאטראַלער פאנטאָמימע, איז

1 אפ טשערנישעווסקי־געסל איז די ערשטע צוויי א האלב יאָר געווענ די סטודיע פונעמ טעאטער.

דאָס קלײנע טשערנישעווסקי־געסל אָפּגעזונדערט אינ א זײט. ס'האָט זיכ ערגעצ פארכאפּט א ביסל גרינס, זיכ לײכט אונ דורכזיכטיק פארמאסקירט אונ היט דאָרטנ אויס א שעפּערישע שטילקײט. ווענ מע זאָל אפ דעמ דאָזיקנ אספאלטירטנ געסל אינ דער מיט אוועקשטעלנ א ראָיאל צומ אָנסטראָיענ, וואָלט דער ראָיאל־אָנשטעלער געוויס געקאָנט הערנ אונ כאפּנ דעמ אונטערשייד אינ א האלבנ אונ אינ א פערטל טאָנ. די גרויסע רוישיקע מאָסקווע מיט איר ווונדערלעכער פילקלאנגיקײט שטערט אימ ניט. אפ דער דאָזיקער שטילער גאס פונ דער רוישיקער מאָסקווע האָט מיכאָעלס נאָכאמאָל אָדער עפּשער צומ ערשטנ מאָל דורכגעפילט זײנ קינדהײט אונ די קינדהײט פונ זײנ דאָר. זי דורכגעפילט, אינ איר זיכ אײנגעהערט אונ זי גענומענ פונדאָסנײ אָנציענ אפ זיכ, ווי מע ציט אָנ סטרונעס אפ א הארפּע. אונ פונ וואָס פאר א שטאָפ האָט ער געקאָנט פלעכטנ זײנע סטרונעס אפ אויסזינגענ די קינדהײט, אויב ניט פונ די ווונדערלעכע זינגענדיקע שורעס, וואָס שאָלעמ־אלייכעמ האָט אויסגעוויינט אונ אויסגעשמייכלט מיטנ מויל פונעמ גאנצנ פאָלק?

מיכאָעלס האָט גוט פארשטאנענ, אז ס'האנדלט זיכ ניט וועגנ זײנ אייגענער קינדהײט, נאָר וועגנ דער קינדהײט פונעמ יאָרהונדערט. אונ קעדיי א שפּיל צו טאָנ אפ שאָלעמ־אלייכעמס טעקסטנ מיט אזא אויסזיכט, אז זיי זאָלנ דערהערט אונ פארשטאנענ ווערנ אינ דער גרויסער וועלט, האָט ער זיכ באדארפט באוואָפענענ מיט דער גרויסער קולטור פונ דער וועלט אונ דורכ איר אופהייבנ די אייגענע, די נאציאָנאלע קולטור. אונ ניט קיינ צופעליקײט איז דאָס, וואָס אָפּגעמענ בא שאָלעמ־אלייכעמענ מאזלטאָוו איז ער געקומענ נאָכ דעמ, ווי ער האָט אָפּגעשפּילט אוריִעל אקאָסטא, אונ נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ א באָד געטאָנ אינ די קוואלנ פונעמ וועלט־רעפּערטואר. אָבער דאָס זײנענ געווענ פרווונ יוגנטלעכע. פּונקט ווי אפ א האלבנ אָדער אפ א דרײפערטלדיקנ אינסטרומענט. נאָר איינס איז מיכאָעלסנ

שוין דעמלט געווען קלאָר: אז אופגראָבן און קינסטלעריש דערהייבן זיין אייגענע נאציאָנאלע קולטור וועט ער קאָנען מיט דער גאנצער פולקומקייט פון זיין באגאבונג בלויז דורך די וועגן פון דער גרויסער און אינטערנאציאָנאלער וועלט-קולטור. דעם דאָזיקן וועג האָט זיך מיכאָעלס פאָרגענומען.

נאָך א קורצער קינסטלערישער עקסקורסיע איבער דעם אייראָפּעיִשן רעפּערטואר אפּ דער קליינער סטודיע-בינע פונעם פּעטראָגראדער פּעריאָד און פונעם ערשטן מאָסקווער פּעריאָד האָט מיכאָעלס דערזען זיין אייגענע „דורע" פון א גאנץ אנדער און נייער פּערספּעקטיוו. ער האָט דערפילט מיט זיין גאנצער קינסטלערישער דאָרשטיקייט, וויאזוי דער פאָרגעשריטענער יידישער געדאנק איז אפּ דורך און דורך אדורכגעפלאָכטן מיט די סאמע פּראָגרעסיווע געדאנקען פון דער גאנצער וועלט-קולטור. ער האָט, אן אָפּגעפּרישטער אין דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָליוציע, דערזען דעם פאָרגעשריטענעם יידן אין זיין צווישנפעלקערלעכער לאגע. ער האָט אים פונדאָסניי דערזען אין דער טראגיק פון זיין געשיכטלעכער רעטראָספּעקציע, אין זיין שטענדיקן דראנג צו קאמפּ פאר פרייהייטס-אידעאלן פון דער מענטשהייט, און אזויארום האָט זיך קינסטלעריש געקאָנט שאפן דער פּראָטאָטיפּ פון דעם נייעם מענטשן אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. ער האָט לעבאטכילע, ווי נאָר ער איז אריבערגעטראָטן דעם ראנד פון דער טעאטראלער ראמפּע, זיך גלייך געוואָרפן צו דער פּראָבלעם, ניט צו דער „ראָל", וואָס איז אים געווען אויסגעטיילט אין טעקסט. אוריִעל אקאָסטא איז פאר אים ניט געווען קיין פראגע וועגן גוט אָפּשפּילן א ראָל אין גוצקאָווס טראגעדיע, נאָר פריִער פאר אלץ — קינסטלעריש, מיט טעאטראלע מיטלען, נאָכאמאָל אופדעקן א גרויסן פּראָצעס פון איידייִשן קאמפּ פאר מענטשלעכער פרייהייט און מענטשלעכן גייסט, ניט נאָר ווי אן אקטיאָר, נאָר ווי איינער פון די וויכטיקסטע מיט-

קעמפער אינ דער דאָזיקער הויכער גײַסטיקער שלאכט. ער איז אריבערגעטראָטנ דעמ ראנד פונ דער טעאטראלער ראמפע, ווי א דענקער, וואָס דארפ קינסטלעריש יארשענענ די אָנזאמלונג פונ מענטשלעכנ געדאנק אונ קינסטלעריש פאָרזעצנ דעמ קאמפ פאר זײַנ ענדגילטיקנ זיג אונ באפרײַונג. אונ בא אזא צוגאנג האָבנ זיכ שוינ פונ די ערשטע טעאטראלע טריט זײַנע אָנגעהויבנ פאָרמירנ זײַנע אייגענע אונ אייגנארטיקע קינסטלערישע מיטלענ. ער וועט ניט שפילנ בלויז דאָס וואָרט. ער וועט ניט שפילנ בלויז דעמ טעקסט, ווי זאפטיק דער טעקסט זאָל ניט זײַנ. ער וועט שפילנ פריִער פאר אלצ די קאוואָנע, דעמ געדאנק, דעמ דיִאלעקטישנ פראָצעס פונ דעמ אָדער יענעמ געשיכטלעכנ פאקט, פונ דער אָדער יענער געזעלשאפטלעכער אָדער פילאָסאָפישער אידיי. דאָ קומט בא אימ דער פראָצעס פונ קינסטלעריש פאָרמירנ זײַנע מעגלעכקײַטנ. אונ דאָ קומט ער גלײַכ צו דער נויטווענדיקײַט צו שאפנ אינ זײַנ שוישפיל די שפראכ פונ זײַנ פלאסטישער אפאָריסטיק אונ פאָרמולנ. קורצ, לאקאָניש אונ שנײַדיק, ווי א געזעצ. אזוי האָט ער אָפגעשפילט אקאָסטא. אונ פונ אקאָסטא האָט ער זיכ אומגעקערט צוריק צו דער יִדישער קלאסיק.

3

ווענ מיכאָעלס זיצט בא זיכ אינ ארטיסטנ־צימער אונ שרײַבט מיט זײַנע גרימ־בלײַערס אונ פענדזלענ אפ זײַנע בוילעטע, שארפע געזיכט־צוגנ דעמ עפאָס פונ דער יִדישער אָרעמשאפט אינ איר טרוימעריש־טראגישער פארגאנגענהײַט, קאָנ זיכ אויסדוכטנ, אז פונ איינ זײַט שטול זיצט בא אימ צוגאסט מענדעלע, פונ דער צווייטער זײַט — שאָלעמ־אלייכעמ, אונ מיט אנ עטאזש העכער, אפ די לייטערס, פרעגט זיכ אפ דעמ קליינעמ אונ באשיידענעמ ארטיסטנ־צימער י.־ל. פערעצ, וואָס זאָל האָבנ פונ עקספאנסיווער צעטראָגנקײַט אריבערגעהיפערט אנ עטאזש אונ קלאפט אלע ווײַלע אָנ אינ אנ אנדער טיר.

זיי זיצן, די קלאסיקער, און קוקן — איינער מיט בייזער גוט־מוטיקייט, דער אנדערער — מיט א טרויעריקן שמייכל, נאָר ביידע פארוואונדערט פון דעם, וואָס אומגעשטאנענע טכּיאס־האמייסים זיינען זיי גלייב בא די ערשטע טריט פון דער גרויסער רעוואָליוציע, וואָס די רעקוויזיטן פאר זייערע טעקסטן געפינען זיך צוזאמען מיט די רעקוויזיטן פאר די טעקסטן פון א גאנצער פאלאנגע יונגע סאָוועטישע דראמאטורגן.

זיי קוקן אף דעם, וויאזוי זיי ווערן געפורעמט און געשטאלטיקט פונעם ערשטן סאָוועטישן יאָרצענדליק. און מיכאָעלס דרייט זיך אלע ווייל אוים צו זיי מיט דער גרעסטער פארערונג און גרימירט זיך ווייטער.

אין שפיגל קוקט מיכאָעלס, ווי אין דער געשיכטע.

ער זעט דאָרטן דעם ניינצנטן יאָרהונדערט. אין דער צוואנציקסטער העלפט.

ער זעט אים אף זיין אָנגעגרימירט פּאָנעם.

ער זעט אים פארקערפּערט אין זיין אייגענער קולטור־ירושה.

ער זעט זיך אליין — א גייענדיקן אף די שפּיץ פינגער איבער די דעכער פון יענער קולטור.

— וועט ער אראָפּפאלן?

— ניין!

— וועט ער זיך אויסרייסן?

— אויב ניט!

די רעוואָליוציע וועט א פליץ טאָן, ווי א יאם־אויסגוס, ביז איבער די דעכער פון אָט דער אלטער קולטור, און ער וועט מיט דעם בעסטן טייל קינסטלערישער אינטעליגענץ זיך לאָזן שווימען און באלייבט ווערן מיט א נייעם פלאסט אינטערנאציאָנאלער קולטור.

אינ דער פארגאנגענהײט האָט ער גענזעלשאפטלעכ באלאנסירט איבער די דעכער פונעמ דעמלטיקנ שטײגער, פונקט װי שאגאל — מאָלעריש. זײ זײַנענ בײדע ארײַנ אינ דער קינסטלערישער קולטור, װי אינ א נאציאָנאל־ראָמאנטישער נעסיע, זײ זײַנענ ארײַנ „ביניאָ־מינדיק", אָבער מיט דעמ אונטערשײד, װאָס שאגאל האָט זיכ גע־לאָזט אונטערכאפנ אפ א שליופקע פונ דער אָפגײענדיקער מײַרעװ־קולטור און מיכאָעלס האָט אופגענומענ די גרױסע נעסיע פונ דער רעװאָליוציע אונ פונ איר נײַער קולטור.

דאָכ האָט מיכאָעלס געיארשנט פונ יענער „גײַסטיקײַט" די פאר־אלגעמײנערנדיקע אבסטראקטקײַט.

זי פילט זיכ גלײַכ אינ זײַנ גרימ.
ער איז זײער לאקאָניש אינ זײַנ גרימ, מיכאָעלס.
קימאט װי מיט געצײלטע שטריכנ.
קײנ אײנ צוג, װאָס זאָל פארשװערנ די הױפט־אידײ.

אונ זײַנ גרימ איז קײנמאָל ניט קײנ אָפשפיגלערישער. ער איז שטענדיק א פאראלגעמײנערטע אידײ.

װענ אײנ אױג איז שױנ בא אימ אינגאנצנ פארגרימירט, גיט ער מיט דעמ א קוק אפ די געסט, װאָס בא אימ אינ ארטיסטנ־צימער.

די פענדזלענ זײַנענ זײַנענ װי פינצעטנ.
ניט נאָר זײ נעמענ דעמ קאָליר פונ דער פארב, נאָר אױכ די נערװנ פונ דער פארב.
אונ ניט נאָר אינ פארבנ־שאָלעכלעכ גראָבנ זײ זיכ.

װענ די קלאסיקער לײגנ פאָר מיכאָעלסנ עפעס א שטריכ צו דער געשטאלט, װאָס ער פורעמט, הײבט ער זיכ אופ פונ זײַנ שטול מיט גרױס אָפשײַ אונ מיט געריורטקײַט. ער ענטפערט זײ אָבער פעסט אונ אנטשלאָסנ מיט זײערע אײגענע טעקסטנ:

— לעמײַ זאָלט איר זיכ מאטריעכ זײַנ?

מיכאָעלס אין דער ראָל פון רעב אלטער אין דער פיעסע
„מאזלטאָוו“ פון שאָלעם־אליכעם.

מיכאָעלס אין דער ראָל פון האָצמאַכן אין דער פּיעסע „די קישעפ־
מאַכערן״ פון א. גאָלדפאַדען.

דער גרימ איז געענדיקט.

די געשטאלט הייבט אָנ לעבנ.

די געשטאלט רײַסט זיכ באדינגלעכ אָפּ פונ דעמ איצט, ווי א שיפּ פונעמ ברעג, אונ הייבט אָנ איר קינסטלערישנ רייס.

די איבערשטע הויכע שארבנ־דעק זײַנע לאָזט מיכאָעלס פרײַ פונ יעטווידנ גרימ.

ער לאָזט זי רייננ, ווי א צייכנ פונ זײַנ אינטעלעקטועלער אומ־באַרירלעכקײַט.

אינ אָט דעמ סאמע העכסטנ עטאזש פונ זײַנ קינסטלערישנ וועזנ וועט מיכאָעלס אײַנשטעלנ גײַע דיסטאנצנ אונ באציִונגענ צו דער ווירקונג פונ זײַנע גרויסע געסט — די קלאסיקער.

דאָ איז ער — דער מענטש פונ אונדזער עפּאָכע.

דאָ בלײַבט ער קאלטער דענקער, קעדײ צו זײַנ וואכ אונ קאָנט־ראָלירנ דאָס הארצ בעשאס דער קינסטלערישער פארוואנדלונג.

דאָ איז מיכאָעלס אינגאנצנ טרײַ דעמ טעאטראלישנ פּרינציפּ פונ דידראָ. דאָ הערשט דער פּרימאט פונעמ אקטיאָרס דיסציפּלי־נירנדיקנ אינטעלעקט איבער זײַנ עמאָציִאָנעלער סטיכיִע — צוליב דעמ נײַעמ אינהאלט.

4

ס'איז אגעוו ניט קיינ צופעליקײַט, וואָס מיכאָעלס באנוצט זיכ בא דער געלעגנהײַט מיט רעב אלטערס פראזע פונ שאָלעמ־אליי־כעמס „מאזלטאָוו": „לעמײַ זאָלט איר זיכ מאטריִעכ זײַנ?".

בא יעדנ גרויסנ קינסטלער זײַנענ שטענדיק פאראנ טענדענצנ צו שעפּנ פארבנ פאר זײַנע קינסטלערישע פארוואנדלונגענ פונ דער קינדהײַט. ביז צו דער סאמע העכסטער רײַפקײַט גייענ זיי נאָכ, ווי געטרײַסטע באגלייטער, די ליכטיקע זעונגענ פונ דער קינדהײַט.

און מיכאָעלסעם גליקלעכע קינדהייט אין זיינע קינסטלערישער אויספאָרמירונג איז אָן צווייפל דער ספעקטאַקל „מאַזלטאָוו".

זי גייט אים נאָך, די קינסטלערישע קינדהייט, און רעפלעקטירט אַף אים מיט דער וואַרעמסטער ליכטיקייט איבער דער גאַנצער גאַ-לעריי כאַראַקטערן, וואָס ער האָט אויפגערופן צום לעבן אַף דער סצענע פונעם מאָסקווער יידישן מעלוכע-טעאַטער.

אין יעדער געשטאַלט האָט ער זיך געלאָזט אַ קליין קעמערל פאַר דער לירישער טראַגישקייט, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון דעם פאַראַלגעמיינערטן רעב אַלטער. אַפילע אין האָצמאַכן פון גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן" און אין בערגעלסאָנס „טויבן", וואָס שטייען ערגעץ אַף די סאַמע עקסטע פלאַנגען פון די פאַרשיי-דענע וואַריאַציעס איבער דער רעב-אַלטער-געשטאַלט, — איינער מיט אַן אויסגעלאַשענעם אויסזיכט צום מאַרק, און דער אַנדערער — מיט אָנגעצונדענע אויגן פון אופבערעכנדיקן מאַסן-צאָרן, אַפילע אין די דאָזיקע פאַרשיידענע סאָציאַל קעגנגעזעצטע געזעלשאַפטלעכע קאַ-טעגאָריעס האָט מיכאָעלס אויך געפונען אַן אָרט פאַר רעב אַלטערס לירישער טראַגיק.

מיכאָעלס איז דאָך אָן סאַמעך אַ קינסטלער מיט אַן אויסגע-שפּראָכענער וועלט-אָנשויונג, וואָס גייט בוילעט דורך דורך אַלע זיינע קינסטלערישע פאַרוואַנדלונגען. פון רעב אַלטערן הייבט ער זיי אָן אידעאָלאָגיש לאָקאַליזירן, זייער טאַקטפול, זייער סובטיל, מיט זייער אַ גרויסן כוש פאַר קענען קריטיש אופנעמען ירושע.

שוין אין רעב אַלטערן הייבט מיכאָעלס אָן קינסטלעריש ביט דערליידן... פונקט ווי ער וואָלט, זייענדיק אַף דער בינע, אָפּגעהיט שאָלעם-אַליכעמען פון אַן איבעריק וואָרט... ער בייט עס קינסטלע-ריש אויס, דאָס וואָרט, אַף דער שפּראַך פון זיינע אייגנטימלעכע פלאַסטישע פאָרמען, און דורך די פלאַסטישע טראַנספאָרמאַציעס אָטעמט ער אַריין אין דעם אַ נייע אידעאָלאָגיע...

און מיר באַקומען אין רעב אַלטערנ מיכאָעלסעם ערשטע סאָ־ציִאַל־פּלאַסטישע אינטערפּרעטאַציע פֿונ שאָלעמ־אַלייכעמענ — דעמ אויסגאַנג־פּונקט פֿאַר מיכאָעלסעם פּלאַסטישער אינטערפּרעטאַציע פֿונ דער גאַנצער ייִדישער קלאַסיק, וואָס האָט זיכ אונדז נאָכאַמאָל אַנט־פּלעקט דורכ דער סצענע פֿונעמ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאַטער.

5

ווענ מיכאָעלס לייענט די טעקסטנ, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ווענ ער לייענט די צייכנס פֿונ זײַנ דראַמאַטורגישנ שטאָפֿ, איז פּונקט אַזוי וויכטיק דאָס, וואָס ער לייענט פֿונ זיי אַרויס, ווי דאָס, וואָס אינ זיי איז נישטאָ.

דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס ער ברענגט אַרײַנ מיט זײַנ אייגענער סאָציִאַל־פֿילאָסאָפֿישער און קינסטלערישער באַציִונג צומ שטאָפֿ זײַנ קלוגנ און דורכדרינגלעכנ שטרײַט מיט אים.

אַלצייִנס — צי איז דער דאָזיקער שטאָפֿ מענדעלעס א נאַיִווער סאָציִאַלער צאָרנ, צי שאָלעמ־אַלייכעמס גוטמוטיקער טראַגיזמ, צי איז דער דאָזיקער שטאָפֿ פֿונ דער וועלט־קלאַסיק.

ער מישט זיכ אַרײַנ אינ די געגעבענע טעקסטנ מיט זײַנ אייגנ־אַרטיקער קינסטלערישער דייע, מיט זײַנ אייגענער סאָוועטישער וועלט־עמפֿינדונג.

ער שטעלט אָנ דעמ אָביעקטיוו אַפֿ די געגנשטאַנדנ אַזוי, אַז זיי זאָלנ באַקומענ דעמ אָפּגלאַנצ פֿונ זײַנ באַציִונג צו זיי, און קיינמאָל ניט צוליב דעמ, אַז ער זאָל ווערנ זייער פּינקטלעכער, נאַטוראַליסטי־שער אָפּשפּיגלער.

און ס'איז קלאָר:

אויב אַנ עכטער קינסטלער קומט אינ באַרירונג מיט קינסטלע־רישנ שטאָפֿ און זײַנ שעפֿערישער אַרבעט איבער אים, מוז פֿונ אַזא באַרירונג קומענ אינעמ שטאָפֿ א נײַע קינסטלערישע פֿאַרוואַנדלונג,

אזא, וואָס איז אייגנטימלעכ דער אינדיווידואַליטעט פונעמ קינסטלער.

עס מוז אנטפּלעקט ווערנ דער צוגעקומענער קינסטלער.

אָט אזוי איז זיכ מיכאָעלס נויהעג מיט זײַנ דראמאטישנ שטאָפ: פריִער פאר אלצ לייגט ער זיכ צו צומ געגעבענעמ מאטעריאל מיט זײַנ אייגענעמ קינסטלערישנ האָב-אונ-גוטס, מיט דעמ, וואָס ער האָט וועגנ דעמ שטאָפ צו זאָגנ. דערמיט ווערט דער שטאָפ אינ א געוויסנ זינ — זײַנער.

ער לאָזט זיכ אינ קיינ פאל ניט דיקטירנ פונעמ דראמאטורג, נאָר פונעמ גאנצנ קאָמפּלעקס סאָציִאלע אונ פּסיכאָלאָגישע באדינגונגענ, אינ וועלכע דער שטאָפ האָט זיכ קינסטלעריש פאָרמירט. ער געפינט פאר אימ אויס א גאנצנ רעגיסטער עקוויוואלענטנ, נאכהער באגייט ער זיכ מיט דעמ שטאָפ אזוי, ווי ס'דיקטירט אימ זײַנ קינסטלערישע באציִונג אונ געזעלשאפטלעכער באוווסטזײַנ.

אָט פונ אזעלכע שעפערישע פּאָזיציעס ענדערט ער דעמ שטאָפ אונ פאָרמירט אימ פונדאָסנײַ.

דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער שאפונג-פּראָצעס לאָזט אימ דערגרייכנ דעמ העכסטנ גראד קינסטלערישע זעלבשטענדיקײַט אונ פרײַהײַט אונ גיט אימ די מעגלעכקײַט צו מאניפעסטירנ דורכ דעמ אָביעקט זײַנ אייגענע קינסטלערישע אינדיווידואליטעט אונ די סאָציִאל-פילאָסאָפישע דערפארונג פונ צײַט אונ געזעלשאפט, אינ וועלכער ער לעבט.

ווענ ער דעמאָנסטרירט זי אינ זײַנ אייגענער קינסטלערישער טראנספאָרמאציע, בליאסקעט שוינ אפ איר די וויזע פונ דער צײַט, די וויזע פונ יענע אומגעבונגענ אונ פארהעלטענישנ, וואָס האָבנ פאָרמירט מיכאָעלסנ זעלבסט.

זי ווערט שוינ א קינסטלערישער פּראָדוקט פונ אונדזער עפּאָכע.

ס'וועט ניט זיינ איבערגעטריבנ צו זאָגנ, אז שימעלע סאָראָקער פונ „200.000" אינ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאטער איז מער א מיכאָעלס-געשטאלט איידער א שאָלעמ־אלייכעמדיקע.

ווענ מע זאָל ניט וויסנ, אז די אויסערגעוויינלעכע קינסטלערישע דערפינדערישקייט אונ טעאטראלע כאָכמע, וואָס ליגנ אריינגעבראָקט אינ דער שימעלע-געשטאלט, געהערנ מיכאָעלסנ, דעמ קינסטלער פונ אונדזער עפּאָכע, דעמ אידייִש אונ אידעאָלאָגיש רייפנ צייט־מענטש אונדזערנ, וואָלט מענ דאָכ געקאָנט מיינענ, אז די פּיעסע „200.000" („דאָס גרויסע געווינס"), אויב ניט ריידנ ווענג דער ספּעציפיק פונעמ געניאלנ שאָלעמ־אלייכעמישנ וואָרט, איז אָנגעשריבנ געוואָרנ פונ א סאָוועטישנ דראמאטורג.

אונ דאָ האָט מיכאָעלס באוויזנ אפ א ווונדערלעכנ אויפנ, וויאזוי עכטע טעאטראלע קונסט, וויאזוי עכטע שוישפּילערישע קאָמפּאָזיציע בא א קינסטלער, וואָס לאָזט ניט ארויס פונ די אויגנ דעמ געזעלשאפטלעכ־פּאָליטישנ קאמפ, קאָנ, ווענ ס'פאָדערט זיכ, לעבנ אפ איר אייגענעמ אידייִשנ אונ אידעאָלאָגישנ כעשבנ אפילע דעמלט, ווענ דער דראמאטורגישער טעקסט געפינט זיכ אינ א געוויסנ ווידערשפּרוכ צו איר אייגענער קאָנצעפּציע.

פאר א גלענצנדיקנ מוסטער קאָנ דאָ אילוסטרירט ווערנ די בארימטע פראזע פונ מיכאָעלס — גרעדאנ אינ לאבישס וואָדעוויל „מיליאָנער, דאנטיסט אונ אָרעמאנ": „אנטמוטיקט פונ די לעבנס-שלאכטנ...", ווו נאיִווער טראגיזמ ווערט בא אימ מייסטעריש דערפירט אינ אָנהייב — צו הומאָר, אונ שפּעטער — צו אָפענעמ כויזעק.

מיכאָעלס האָט אפ א מוסטערהאפטנ אויפנ דערוויזנ, וויאזוי דער אינהאלט פונעמ דראמאטורגישנ וואָרט טראנספאָרמירט זיכ, ווי דאָס וואָרט קאָנ ווערנ אילוסטראטיוו צו דער אידייִש אונ אידעאָלאָגיש אָנגעזעטיקטער פּלאסטישער באוועגונג, צו דער פארב, צו דעמ ריטמ,

צו דער צייכענונג, צו דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער שױשפּילערי־שער קונסט.

מיט זײַן שאַרף אָנגעשליפענע קינסטלערישע געװער פון גראָ־טעסק צעהאַקט מיכאָעלס דאָס װאָרט דעמלט, װען ס'איז אים נײ־טיק, אַז ס'זאָל ניט װירקן אין זײַן גאַנצקײט. דעמלט הייבט אָן שפּילן יעדער זילב באַזונדער. אײן זילב לאַכט אויס דעם אַנדערן. און דער נייטיקער עפעקט איז דערגרייכט.

דאָס זעלבע, װען ער באַדאַרף אַרויסציִען פונעם װאָרט א פאַזי־טיװן עפעקט אין גאַנג פון זײַן שױשפּילערישער אידײ.

דעמלט רײַסט ער עס אויך אַרויס פון יענער נאַטור, אין װעל־כער ס'האָט עס געגעבן דער דראַמאַטורג. און ער גיט עס א טראָג אויף צו דער גרעסטער הייך.

ער צינדט אַרום דעם אָן דאָס גאַנצע פֿײַער פון זײַן בושעװענ־דיקן טעמפּעראַמענט. ער װאַרפט זיך אָפּ דעם. און אויב מע דאַרף עס אויסטאַנצן, דאָס װאָרט, איז אויסגעטאַנצט! אויב מע דאַרף עס אויסזינגען, איז אויסגעזונגען!

און דאָס װאָרט — אַן אויסגעגליטס אין זײַן טעמפּעראַמענט, װאָס שטראַלט פון זיך אַרוים מוזיק, געזאַנג, פּלאַסטיק און גרעסטע אופּרײַסנדיקע שטילקײַט, — באַקומט א נײַעם אויסדרוק און עס װערט — זײַנס.

דאָס האָט א שײַכעס ניט נאָר צו דער פּאָליפאָנישער קאָמפּאָזי־ציע פון „200.000”, נאָר אויך צו דער מענאַכעם־מענדלשער גראָ־טעסק־געשטאַלט אין „לופט־מענטש”.

אויך דאָ איז פריִער פאַר אַלץ אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז אין דער דאָזיקער גראָטעסקאָװער געשטאַלט זעצט מיכאָעלס פאָר די טראַדיציע און דעם הויפּט־קינסטלערישן פּרינציפּ, װאָס איז בא אים אָנגעמערקט געװאָרן אין רעב אַלטערן.

אויך דאָ איז ער פֿריִער פֿאַר אַלץ קינסטלעריש מעפֿוירעש שאָ־לעם-אַלייכעמען, פּונקט ווי אין „מאָזלטאָוו“. אָבער מיט אַנדערע מיטלען. אין „מאָזלטאָוו“ לאָזט ער אָפּט ניט קומען שאָלעם-אַליי־כעמען אינגאַנצן צום וואָרט דורך ניט־דערליידן... דורך זײַן פֿלאַס־טישן אַרופֿוואַלגערן זיך אַפֿן וואָרט און עס מאַכן אומבאַוועגלעך... און אין מענאַכעם־מענדלען — פֿאַרקערט — דורך פֿאַרליידן שאָלעם־אַלייכעמען, דורך מולטיפּליצירן דעם טעקסט.

סע הייבט בוכשטעבלעך אָן שווינדלען אין די אויערן, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, ווען מיכאָעלס בינדט פֿאַנאַנדער דאָס וואָרט.

מע דערפֿילט, אַז דאָס רעדט ניט קיין איין מענטש, נאָר אַ גאַנצער פֿאָלקס־שיכט, און דערצו — אַ ספּעציפֿישער.

דאָס איז ביכלאַל איינע פֿון די גלענצנדיקסטע אייגנשאַפֿטן אין מיכאָעלסעס שוישפּילערישער קונסט.

אופֿהייבן די געשטאַלט צו דער גרעסטער פֿאַראַלגעמיינערונג — וואָס העכער און ברייטער — סײַ דעמלט, ווען ער דאַרף דעמאַס־קירן, סײַ דעמלט, ווען ער וויל עס דערהייבן און באַשטעטיקן.

און דאָרט, ווו דאָס וואָרט, אַלס אויסדרוק-מיטל, קאָן דורכקלינ־גען ווידערשפּרעכלעך, איז בלויז — אַן אָנדײַטונג פֿון וואָרט, דער שאָטן פֿון וואָרט, דער שווערפּונקט ווערט אַריבערגעטראָגן אין דער פּלאַסטיק.

און פֿאַרקערט:

ווען ס'איז קינסטלעריש מעגלעך אופֿרײַסן די „אָביעקטיווע ווירק־לעכקײַט“ דורכן וואָרט, איז ווערט דעמלט דעם אויער שווער זיך נאָכיאָגן נאָך דעם. דעמלט גייט בא אים דאָס וואָרט, ווי אַ האָגל.

ס'איז קעדײַ דערמאָנען דאָס אָרט אין „לופֿט-מענטש“, ווען מע־נאַכעם־מענדל, באַגײַסטערט פֿון זײַנע נײַע פֿאַרנאָסעס און פּלענער,

טראָגט זיכ איבער דער בינע ווי א בליצ, וואָס האָט דורכגעשטאָכנ א שווארצנ קאפעליוש אונ א גרינ כאלאט, אונ שרייט:

— איכ לויפ! איכ פלי! איכ קנאק!

מיט יעדנ וואָרט דערלאנגט מיכאָעלס איבער זיינ געשטאלט, ווי מיט א שטייג. יעדעס וואָרט גיט א בלישטש אינ דער לופט ווי א האק, א פארמאָסטענע אפ זיכ אליינ.

אזויארומ דערגרייכט ער מיט גראָטעסק-מיטלענ, צווישנ איינ לי־רישער פאוזע אונ דער צווייטער, דעמ העכסטנ גראד סאָציאלע באַ־זיניקטקייט אונ אָנגעזעטיקטקייט.

6

דורכ דעמ זעלבנ קינסטלערישנ פרינציפ איז מיכאָעלס געקומענ צו דער סינטעטישער, אויסערגעוויינלעכ לירישער געשטאלט פונ ביניאָמינ דעמ דריטנ, צומ סינטעז פונ זיינע טעאטראל־קינסטלערישע זשאנרענ אינ דער יידישער קלאסיק.

אויב אינ „200.000“ אונ אינ „מענאכעמ-מענדלענ“ באלאנסירט ער מיט ווירטואָזער מייסטערשאפט צווישנ גראָטעסק, ראָמאנטיק אונ ליריק, איז אינ מענדעלעס „ביניאָמינ דעמ דריטנ“ דערגרייכט ער דעמ געלייטערטנ, קימאט מייסעדיקנ שוישפילערישנ עפּאָס.

דאָ איז זיינ זעניט אינ דער יידישער קלאסיק.

דאָ איז גרויסע קינסטלערישע דערפארונג אונ קינסטלערישע באָכמע.

דאָ איז די רו פונ א ליכטיקנ בארג־שפיצ.

דאָ דערציילט זיינ יעדע באוועגונג מיט אזא מינ אופרייסנדיקער רויקייט, אז מע דערהערט דעמ פארטויבטנ ראש אונ געוויינ פונ גויראָלעס, וואָס גייענ פונ דער טיפ פונ יאָרהונדערטנ...

דאָ טרעפט זיכ זיינ קינדהייט מיט זיינ גרויסער קינסטלערישער רייפקייט, אונ ביידע צוזאמענ, ווי אינ א וואונדערלעכער סימפאָניע, גייענ זיי — איינס ארויסדרינגענדיק קינסטלעריש פונ צווייטנ.

אינ דער דאָזיקער געשטאַלט האָט מיכאָעלס געבראַכט די רײַפע פרוכטנ פונ זײַנ גאַנצנ אַקטיאָרישנ װעג אונ אַװעקגעשטעלט א גראַנדיעזנ דענקמאָל דעמ קלאַסישנ פעריאָד פונ דעמ מאָסקװער יידישנ מעלוכע-טעאַטער.

מערקװירדיק, װי קימאַט דעמ גאַנצנ ספעקטאַקל „מאַסאָעס בינ־יאָמינ האַשלישי" שפילט ער אינ פראָפיל.

די לאַקאָנישקײַט פונ דער דאָזיקער גרעסטער קאָמפאָזיציע זײַנער — אָנגעהױבנ פונ דעמ װאָרט, פונ דער באַװעגונג אונ פונ דער שטימ, מיט װעלכער ער אָפערירט װי דער גרעסטער גראַפיקער, דערפילט מענ שױנ אינ גרימ.

א האַלב-לענגלעכ בערדעלע. פאַר אײנ העלפט פּאָנעמ.

פאַר א פראָפיל.

דער דאָזיקער פראָפיל װעט זײַנ פיל אױסדריקלעכער װי דער אַנפאַס.

ס'װעט אַלצ קלאָר זײַנ בלױז פונ אַנ אָנדײַטונג.

פונ דעמ דאָזיקנ הױכ־באַזיניקטנ פראָפיל דרינגט אַרױס דער עטװאָס גערונדיקטער טאָרס, אונ פונ דעמ דאָזיקנ פראָפיל דרינגט אױכ אַרױס די סימבאָלישע פראָפאָרצ צו דעמ שטעקנ, װאָס מיט אימ זעט מיכאָעלס אױס — ניט אַלײנ...

דאָס שפילנ אַנפאַס װאָלט אינ דער דאָזיקער הױכער סימפאָנישער קאָמפאָזיציע, װו ס'איז ניט פאַראַנ קײנ אײנ צופעליקײַט, װו יעדע קלענסטע דעטאַל איז אַרױסגעפירט מיט אַזא קינסטלערישנ כעשבנ, אַז ס'זאָל זיכ אונטער איר אױכ פילנ די קײט פונ צײַטנ, װאָס אינ איר איז געװענ געקאָװעט דער גײַסט פונ די מאַסנ אינ די ענגע װענט פונ געטאָ, — אינ אַזא סינטעטישנ ספעקטאַקל, װו ניט נאָר די מיזאַנסצעניזאַציע, אַלס הױפט־שפראַכ פונ דער בינע, נאָר װו אַפילע די פונקטירונג איז דערהױבנ געװאָרנ צו א סימבאָל, װאָלט דאָס שפילנ אינ אַנפאַס פונ דער פירנדיקער געשטאַלט געװענ אופ־

געגעסן די אייגנאַרטיקע „מאָנומענטאַלקייט" פֿונעם הויקער, וואָס מיכאָעלס האָט זיך אָנגעצייכנט אויך מערער אַלס אַן אויסדרוק פֿון „גייסט", איידער אַ פּראָסטן, וואָכעדיקן, אַ ייִדישן רוקנבייג, אַן אויסגעבויגענעם אונטער דער לאַסט פֿון נויט און דערשלאָגנקייט; ס'וואָלט געווען צעשטערט געוואָרן די גאַנצע גראַפֿישע ליניע פֿון דער געשטאַלט און ס'וואָלט געווען פֿאַרקלענערט די אויסדריקלעכקייט פֿונעם לעגנדלעכן דאָן-קיכאָטישן טרוימער-געזיכט.

אַזוי איז אידייִש און קינסטלעריש גערעכטפֿאַרטיקט געבוירן געוואָרן די גראַפֿישע צייכענונג פֿון „בינימין".

עס איז צו באַווונדערן, ווי דער מיטלווקסיקער מיכאָעלס, ווי נאָר ער טראָגט זיך אַרײַן אויף דער בינע אין גורל פֿון זײַן געשטאַלט, ווערט זײַן פֿיזישע מעטריק, די אונטערגעוואָרפֿענע צו באַשטימטע געזעצן פֿון מאָס, — אַ באַדינגלעכע.

ס'עקזיסטירט ניט אויף דער בינע אַ פֿיזישע קאָמפּלעקציע, וואָס האָט אין דער לענג אַ באַשטימטע צאָל סאַנטימעטער, נאָר ס'באַוועגט זיך אויף דער בינע אַ געשטאַלט, וואָס צווינגט דעם צושויער זען זײַן גרייס לויט דער מאָס פֿונעם בילד, וואָס ער פֿאַרקערפּערט.

מע קאָן עס אויף אַ גלענצנדיקן אופֿן זען אין בערגעלסאָנס „טויבן", ווו אויף דער בינע באַוועגט זיך אַ גאַנצער מאַסיוו, ווו דער וווּקס און די פֿעסטקייט ווערן באַשטימט דורכן אײַנדרוק פֿון דער דערוואָרגענער שטים פֿון זײַנער, וואָס רײַסט ערגעץ זיך שלאָגן מיט דער גאַנצער פֿאַסקודנער וועלט.

אָט אַזוי גרויס, ווי דער אינערלעכער צושטאַנד פֿון זײַן געשטאַלט, איז מיכאָעלס שטענדיק אויף דער בינע.

באַזונדערס רעליעף ווערט דאָס באַשטעטיקט אין „בינימינען".

דורך דעם גאַנצן ספּעקטאַקל צווינגט מיכאָעלס דעם צושויער קוקן ניט אויף זיך, נאָר אין יענער „ווײַטער ווײַט", וווּהין ס'זײַנען געווענדט זײַנע אייגענע אויגן.

און אין דעם דאָזיקן קינסטלערישן אופשטייג איבערווינדעט ער די באַגריפן פונ וווּקס און פונ באַגרענעצטקייט אין דער מאָס.

ער איז דאָך אין ביניאָמינענ זייער אָפּגעציערט, דאַר־גופיק, קימאַט דורכזיכטיק, און דאָך זעט ער אויס באַדייטנדיקער פאַר סענדערל די יידענע, זיין וווּקס אין גאַנג פונ ספּעקטאַקל לאָזט זיך ניט אָפּטיש סטאַביליזירן.

אָט ווערט ער גרויס און נאָך גרעסער, לויט די עקספּרעסיעס פונ זיינע טרוימען און איבערלעבונגען.

און דאָ איז נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז די קאָנגעניאַלע שפּיל פונעם וווּנדערלעכן אַרטיסט זוסקין, זיין גלענצנדיקע קעגנגעשטעלטקייט צו דער גייסטיקער ביניאָמין־געשטאַלט, זיין יידענישע וויכקייט און צעשמאָלצנקייט, די האָריזאָנטאַלע ליניע, אין וועלכער ער האָט זיך איינגעפּאַסט, וואָס איז דורכגעטראַכט און דורכגעפירט מיט דעם גרעסטן קינסטלערישן עפעקט פאַר ביניאָמינס ווערטיקאַלער ליניע, שאַפט פאַר מיכאָעלסן די מאַקסימאַלסטע מעגלעכקייטן פאַר דער שטרענגסטער גייסטיקער לאַקאָנישקייט, ווו יעדעס פינטל מיטן אויג דערציילט, פאַרלאַנגט, באַגערט מיט דער גרעסטער שטילקייט, צו וועלכער מיכאָעלס איז געקומען בעהאַדראָגעדיק, וואָס העכער ער האָט זיך אופגעהויבן אין זיין שוישפּילערישער קונסט איבעם ערשטן פּעריאָד פונ זיינ אופאַקערן דעם קלאַסישן רעפּערטואַר אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער.

ביכלאַל איז דער אַזוי גערופענער קלאַסישער פּעריאָד פונעם טעאַטער געוואָרן אין אַ געוויסן זינ מיכאָעלסעס שוישפּילערישע און קינסטלערישע ביאָגראַפיע.

דאָס קינסטלערישע בלוט זיינס האָט ער זיך געלאָזט פּרוּוון אין „אוריעל אַקאָסטאַ".

מיט דעם דאָזיקן פּרוּוו איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער דיאַגנאָז:

— א גרויסער קוואל פונ אַנגעזאַמלטע קויכעס אונ פּאַטענצנ.

אונ ווענ דער דאָזיקער גרויסער קוואל פונ קויכעס אונ פּאַטענצנ האָט צוליב דעמ איינציקנ רעאַליסטישנ עמעס אינ דער קונסט געמוזט א שטראָמ טאָנ אינ דער ווײַט אונ אינ דער הייכ אונ מיט העלע בלאַנקענדע פאַרבנ דערציילנ וועגנ אײַנגעפאַלענע שוואַרצע יאָרהונדערטנ אונ וועגנ די גרויסע קויכעס פונ רעוואָליוציע, וואָס האָבנ יענע יאָרהונדערטנ געקעפּט, איז מיכאָעלסנ פאַר דעמ איינציק־ריכטיקנ אונ באַרעכטיקטנ רעאַליסטישנ אויסדרוק געקומענ צו הילפ די היפּערבאָלע.

די געקייפלטע בונטע פאַרביקײַט, דער פאַרגרעסערטער פּלאַנ, דער פאַרשאַרפטער זשעסט, דער פאַרשיידנפאַרביק־געמאָלטער קאָסטיומ, דאָס זילבאַרטיק צעטיילטע אונ אָפטמאָל אויסגעשריענע וואָרט, די באַוועגונג פונ האַנט, וואָס קייפלט זיכ אפ אלצ, וואָס האָט ענלעכקײַט צו א האַנט, די ליד דאָרט, ווו לויט דער קלוימערשטער לאָגיק קאָנ קלעקנ א פּאַשעטער געשפּרעכ, — אונ טענצ, אלס אָרגאַנישע פאָרזעצונגענ אונ פאַרשטאַרקונגענ פונ וואָרט, געדאַנק, עקספּרעסיע אונ פּאַשעטנ גאַנג, — דאָס אלצ איז יענע קינסטלערישע היפּערבאָלע, וואָס איז צוואַנציק יאָר געטראָגנ געוואָרנ אינ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאַטער דורכ זײַנ גרונט־קינסטלערישנ קערנ — דורכ דעמ רעאַליזמ, ווי א געשיכטלעכ־קינסטלערישער ענטפער פונ דער סאַמע טיפעניש פאַר גאַנצע דוירעס ארומגייענ מיט א שלאָס אפנ מויל.

אונ דורכ דער קינסטלערישער היפּערבאָלע פונעמ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאַטער איז גאַנצ איבערצײַגעוודיק אנטפּלעקט געוואָרנ דער רעאַליסטישער עמעס פונ יענע שיכטנ אונ פונ יענער צײַט, וואָס דער טעאַטער האָט אופגערופנ אפ קינסטלערישנ געריכט אינ אונדזער גרויסער סאָציאַליסטישער עפּאָכע.

אזוי־ארומ האָט מיכאָעלס, דער פירער אונ באַנײַסטערער פונ טעאַטער, מיט א גלענצנדיקער פאָרמ פונ היפּערבאָליק, אינ דער סימ־

טעמ אונ אפנ באָדנ פונ רעאליזמ זיכ קינסטלעריש אויסגעשריגנ אינ „200.000“, אינ „לופט־מענטש“, אינ פערעצעס „באנאכט אפנ אלטנ מארק“, ביז ער האָט זיכ אוועקגעלאָזט אינ זײַנ גרויסער עפּישער נעסיע פונ ביניאָמינ דעמ דריטנ.

אינ אלע פאָרשטעלונגענ, אינ אלע זײַנע געשטאלטנ, וואָס ער האָט באשאפנ, איז אומעטומ, בא דער סאמע שטארקער עמאָציאָנעלישקײַט, מיכאָעלס געבליבנ — דענקער.

ער האָט זיי אָפּגעגראָבנ, זײַנע געשטאלטנ, ווי מע גראָבט אָפּ די קינדהײַט.

ער האָט זיי אופגעשניטנ און פאנאנדערגעעפנט, ווי אייגענע טאָגביכער.

ער האָט זיי געמישפּעט מיט דער העכסטער קינסטלערישער מידע פונ כאָכמע.

אונ איז אליינ פאר זיי אָפּגעקומענ די שטראָף...

אונ ניט צופעליק.

אינ אלע פונ זיי האָבנ דורכגעבליצט מעזומענע קלינגענדיקע שטיק פונ זײַנ אייגנ לעבנ, וואָס ער האָט אינ זיי געלאָזט ארײַנפליסנ.

אונ ארײַנגעגאָסנ האָט ער אינ זיי זײַנ ענערגיע מיט דער ברייטסטער מאָס פונ זײַנ קינסטלערישער אשירעס. ער האָט זיי אופגעטראָגנ צו הייכנ פונ פולסטער פאראלגעמיינערונג. אונ אופגעטראָגנ האָט ער זיי צוליב דעמ, אז פונ דעמ העכסטנ קינסטלערישנ פונקט זאָל ער זיי קאָנענ אופרײַסנ. אופרײַסנ — פאר דוירעס, פונקט ווי זיי האָבנ זיכ אינ מעשעכ פונ דוירעס פאָרמירט.

אינ דעמ דאָזיקנ קינסטלערישנ אופשטײַג האָט זיכ מיכאָעלסעס שאפונג באגעגנט מיט געטעס האנאָכע, אז יעדער קינסטלער באדארפ ארײַנברענגענ אינ ווערק — פונ זיכ אליינ — זײַנ אייגענעמ זינ אונ באדײַט.

פֿון דעם דאָזיקן שעפּערישן מעטאָד ביז צו אַן אייגענעם סטיל איז מיכאָעלסן געבליבן אַזויפֿיל, וויפֿל ס'געדויערט פֿון־נעם דריטן קלונג ביז צום ארויסגיין פֿון הינטער די קוליסן אַף דער סצענע.

און מיכאָעלס האָט אַן אייגענעם סטיל אין דער שוישפּילערישער קונסט געשאפֿן.

דער סטיל פֿון אופֿרייסערישער ראָמאנטיק מיט די מיטלען פֿון טעאטראַלישקייט. טעאטראַלישקייט ביז די לעצטע גרענעצן. אָפּטמאָל מיט געפֿאַר פֿאַר פֿאָרמאַליזם.

און דאָ האָט מיכאָעלס איבערגעלעבט זיין קינסטלערישע „דראַמע" מיטן וואָרט.

ס'וועט ניט זיין קיין פּאַראַדאָקס צו זאָגן, אַז מיכאָעלסעס קינסטלערישער „קאַמף" מיטן וואָרט איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פֿון זיין ליבע און פֿאָדערונג צו דעם.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער „קאַמף"?

אין זיינע פֿאָדערונגען צום וואָרט האָט זיך געפֿילט די האַרבע טענה פֿון אונדזער צייט, פֿון אונדזערע שטרענגע אידייִשע קריטעריען — און דאָס האָט ער ניט שטענדיק געפֿונען אינעם טעקסט. דעריבער האָט ער זיך אָפֿט געמוזט ווענדן צו די אונטערטעקסטן, צו די סאָציאַלע אורקוואַלן פֿונעם וואָרט.

זיי האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שעפּן אין דער פֿולסטער מאָס פֿון די אָנגעזאַמלטע אַסאָציאַציעס, אין וועלכע ס'איז געוואַקסן זייער וואָרט, — מער ווי פֿונעם וואָרט אַליין. וואָרעם ווען מיכאָעלס זאָל זיך געווען לאָזן אַפּן וועג פֿון געטרייען טעאטראַלקינסטלערישן באַדינען די טעקסטן פֿון דער דראַמאַטורגיע אינעם ריינעם וואָרטלעכן זין זייערן, וואָלט ער געווים געקומען צו באַדייטנד קלענערע אידייִש־קינסטלערישע רעזולטאַטן.

די גרעסטע געפאר אינ דעמ דאָזיקנ זינ האָט אימ אָנ צווייפל געדראָט אינ זײַנ קרוינ-ראָל פונ דער יידישער קלאסיק — אינ „ביניאָמינענ”, ווו ער גייט אפ אזא הויכער קינסטלעריש-אידעאָלאָגישער שארפ, אז מאָמענטנווײַז קאָנ זיכ אויסדוכטנ, אז דער סוביעקט ווערט באהערשט פונעמ אָביעקט.

אונ דאָס לעצטע האָט מיכאָעלס ניט געקאָנט אונ ניט געטאָרט אײַנשטעלנ.

דעריבער האָט מיכאָעלס, באשעפטיקנדיק זיכ מיט זײַנ טעאט־ראלנ אָפּקלײַב פונ די קלאסישע טעקסטנ, ארויסגעפירט פונ זיי ניט סטאמ דאָס קאנאָניזירטע וואָרט, נאָר ער האָט זיכ קינסטלעריש אָפּגעקליבנ די אסאָציאציע.

די אסאָציאציע האָט ער קינסטלעריש באצווונגענ. ער האָט זי ארויסגעפירט, זי באטרונקענ מיט אלע זײַנע אידייִש-פילאָסאָפישע אונ קינסטלערישע זאפטנ. ווי א קינסטלער אזא, וואָס באהערשט אונ באפעלט, האָט זי אימ שוינ געטראָגנ דורכ יענע אידעאָלאָגישע וועגנ, ווי ס'האָט געפאָדערט זײַנ באוווסטזײַנ, דער אויסגעשלײַפטער אינ אונדזער צײַט.

אזא פאָרזיכטיקע אונ קלוג-באלאנסירנדיקע באציִונג צומ וואָרט האָט געקאָנט פאסירנ בלויז בענעגייע די טעקסטנ, וואָס האָבנ אינ זייער הוילער נאטור געקאָנט האָבנ א גאנצ ווידערשפרעכלעכע וויר־קונג, אָבער ניט צומ וואָרט ביכלאל.

אינ באצוג צו אזעלכע טעקסטנ האָט ער פונ געפאר פאר אידעאָ־לאָגישער שטרויכלונג זיכ געמוזט שאפנ א ספעציעל קינסטלערישע דיסטאנצ פונעמ וואָרט, אונ דאָס האָט בא אימ ארויסגערופנ א נויט-ווענדיקײַט צו פארברייטערנ די פלאסטישע שפראכ פונ זײַנע ריינ-שוישפילערישע מיטלענ אפנ כעשבנ פונ וואָרט.

וויאזוי זשע האָט ער „געקעמפט”, מיכאָעלס, מיטנ וואָרט?

די גאנצע אומגעוויינלעכע רײַכע נאָמענקלאַטור פון אלע זײַנע פּלאַסטישע אויסדרוק־מיטלען, אָנגעהויבן פון זײַן גוואלדיק שטילן אופּרײַסנדיקן אומרו, ווען פון יעדן קעמערל פון זײַנעם שפּאַרט מיט שטורעמדיקן טעמפּעראַמענט, ווען זײַן יעדער געזיכט־צוג לויפט אַף איינעם און דעם זעלבן אָרט אריבער די ווײַטסטע שטרעקעס — דאָס, וואָס מע רופט מימיק, — זײַנע אומגעהייערע עקספּרעסיוויקײַט און דינסטע גראַפישע צייכענונג פון זײַן באַוועגונג און פון דער שטים פון זײַנער — אַט די אלע רײַכע מיטלען האָט ער אָנגעווענדט, ווי אזא נארהאַפטע לופט־אַטמאָספער, ווי אזא מין אייגנאַרטיקן אראָמאַט פונעם וואָרט, אז פון אים אליין, פון דעם דאָזיקן אראָמאַט, זאָל שוין דער צושויער וויסן, וואָס פאַר א וואָרט סע וועט קומען.

און אַט דעם רײַכן פילפאַרביקן קינסטלערישן אַנטוראַזש ארום דעם אייגנאַרטיקן „קאַמף" פאַר דערוואַטערן דאָס וואָרט האָט מי־כאָעלס דערפירט צו אזא אויסדריקלעכקײַט, אז דער צושויער האָט אים שוין ווירקלעך געקאָנט טיילמאָל פאַרשפּאָרן עס ארויס־ברענגען.

מיכאָעלסן האָט אזא מעטאָד בענעגייע צום וואָרט א געוויסן פּעריִאָד באַפרידיקט.

ער האָט באַדאַרפט פריִער פאַר אלץ זיך אויסשעפּן און זיך אָנ־זעטיקן מיט דער שפּראַך פון זײַן אייגענער און אייגנטימלעכער שוישפּילערישער קונסט.

ער האָט אָבער אויך באַדאַרפט מיט זײַן אייגנטימלעכער שפּראַך פון שוישפּיל קומען צום דראַמאַטורגישן וואָרט ווי א נײַע סינטע־טישע שעפערישע מאַניפעסטאַציע. ביז דאָס דאָזיקע נײַע וואָרט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט זיך מיכאָעלס געטראָגן צום העכסטן פּונקט פון דער שוישפּילערישער קונסט, וואָס האָט אין איר רעשוס און אין איר נאַטור אלע מעגלעכקײַטן אַף אויסצופילן די פונקציעס פונעם וואָרט אויך.

מיכאָעלס אינ דער ראָל פונ שימעלע סאָראָקער אינ דער
פיעסע „200.000“ פונ שאָלעמ־אליכעמ.

מיכאָעלס אין דער ראָל פון מענאַכעם־מענדל אין דער פּיעסע
„לופטמענטש" לויט שאָלעם-אַלייכעמס „מענאַכעם־מענדל".

אזא מינ קאמפ מיטנ וואָרט האָט זיכ געקאָנט פארגינענ נאָר אזא גרויסער קינסטלער ווי מיכאָעלס, קעדיי ער זאָל אינ דער גאנצער גרייס אונ ברייט אנטפּלעקנ זײַנ אייגענע אונ אייגנארטיקע שוישפּילערישע אינדיווידואליטעט.

אינ דעמ דאָזיקנ „קאמפ“ איז מיכאָעלסנ, אויסער זײַנ גרויסנ אינטעלעקט אונ זײַנע רײַכע קינסטלערישע מעגלעכקײַטנ, צו הילפ געקומענ די שפּראכ פונ זײַנ „נאציאָנאלער פאָרמ“, די קימאט גע-ניאלע שפּראכ פונ זײַנע הענט.

זײַנ קאָנענ אויפדעקנ מיט דער שפּראכ פונ זײַנע הענט די פײַנסטע סאָציאלע אונ פּסיכאָלאָגישע ניואנסנ, וואָס ווערט אינ זײַנ פּלאסטישער פאראלגעמיינערונג בא אימ דערפירט קימאט צו א ניט קלענערער בוילעטקײַט ווי זײַנ וואָרט.

ביז צו א סימבאָל!

בא אזא גרויסנ קינסטלער, ווי מיכאָעלס, האָט דער מעטאָד פונ קושנ זיכ מיטנ וואָרט דורכ א טיכעלע, אפילע ווענ דאָס טיכעלע איז א זײַדנס, געקאָנט דויערנ ניט מער. ווי א גאנצ קורצנ פּעריאָד, לאנג זיכ פארהאלטנ אפ אימ האָט ער ניט געקאָנט. אונ אינ דעמ נײַ געבוירנ ווערנדיקנ וואָרט פונ אונדזער גרויסער סאָציאליסטישער עפּאָכע האָט ער דערפילט דעמ גוירל פונ דעמ אפּסנײַ געבוירנ ווערנדיקנ רעאליזמ אינ אונדזער טעאטער.

ער האָט אויכ דערפילט, אז די רײַכע דערפארונג פונעמ קלאסישנ רעפּערטואר אינ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער דארפ אונ מוז ביז צו גרונט אָפּגעגעבנ ווערנ פארנ נײַעמ סינטעטישנ אויסדרוק אינ טעאטער, פארנ נײַענ, נאָכ יונגנ וואָרט פונ סאָציאליסטישנ רעאליזמ.

אונ די דאָזיקע בעקאָוועדיקע אויפגאבע האָט מיכאָעלס פארווירקלעכט אונ פארקערפּערט אינ דרײַ סאָוועטישע פּיעסנ: אינ דאניעלס „יולים“, אינ דאָברושינס אונ נוסינאָווס „ספּעצ“ אונ אינ מארקישעס „אָוואדים“.

דער רײַכער צושלאָג פונ נײַע אסאָציאַציעס, וואָס ס'טראָגט מיט זיכ דאָס עכט-קינסטלערישע וואָרט פונ דער נײַער רעוואָליוציאָנערער אונ סאָציאַליסטישער טעמאטיק, האָט אימ ווידעראמאָל געפלעפט.

ס'איז נייטיק אונטערצושטרײַכנ, אז אינ די דערמאָנטע דרײַ ספעקטאקלענ איז מיכאָעלס דורכגעגאנגענ אי ווי א שוישפילער אי ווי א רעזשיסער. די יונגע סאָוועטישע טעמע, אויב ניט רעכֿענענ איינציקע אויסנאמענ, האָט מיכאָעלס בא זיכ אינ טעאטער קיינעמ ניט אָנגעטרויט. ער האָט גלענצנד פארשטאנענ, אז צו אָט דער נײַער אונ וויכטיקסטער טעמע פונ אונדזער עפּאָכע באדארפ מענ צוגיינ מיט א באזונדערער ליבע אונ פאראנטוואָרטלעכקײַט. ער האָט אליינ רעזשיסירט אונ אליינ געשפילט, אונ אינ דעמ דאָזיקנ שעפערישנ פראָצעס איז ער געבוירנ געוואָרנ אלס רעזשיסער, אינ דעמ דאָזיקנ זייער קאָמפליצירטנ צוזאמענטרעפ איז געבוירנ געוואָרנ די שעפערישע פארבינדונג פונעמ טעאטער מיט דער יונגער סאָוועטישער דראמאטורגיע.

זייער שווער אונ פאראנטוואָרטלעכ איז דאָס געווענ אויכ אונ עפשער הויפטזאכלעכ דערפאר, ווײַל די יונגע סאָוועטישע דראמאטורגיע האָט געמאכט דעמלט אירע ערשטע נאָכ ניט זיכערע טריט, נאָרוואָס אופגעעפנט די אויגנ, אונ מיכאָעלס איז עפשער געווענ דער ערשטער, וואָס האָט איר קינסטלעריש „אופגעפיקט די צונג“. אימ איז אינ די דאָזיקע פיעסנ אויסגעקומענ מיטצוארבעטנ לויט דער דראמאטורגישער ליניע ניט ווייניקער, ווי לויט דער רעזשיסערישער אונ דער שוישפילערישער. אָבער זײַנ קינסטלערישע אקשאָנעס אונ געפיל פונ אכרײַעס פאר דעמ נײַעמ סאָוועטישנ וואָרט אפ דער יידישער בינע האָט אופגעוועקט אינ אימ א גלענצנדיקנ סצענישנ קאָמפאָזיטאָר. שוינ אינ „יולים“ האָט ער באוויזנ מוסטערנ פונ עמעסער רעזשיסערישער מײַסטערשאפט אינ די מאסנ-סצענעס, אונ אויכ האָט ער זיכ אנטפלעקט פאר א פראכטפולנ גראפיקער אפ דער סצענע. די קראפט

אינ זינ פונ זײַנ מיזאנסצעניִרונג דערהייבט זיכ צו דער קראַפט פונ זײַנ שוישפּיל. ער האָט עמ גלענצנד דערוויזנ אינ דער סצענע, ווענ ער לערנט די כאַווײרימ האַלטנ א ביקס און וויאַזוי צו שיסנ אינ דער קאָנטררעוואָליוציע. און נאָכ מיט א מער אויסדריקלעכער קראַפט— אינ זײַנ סצענע מיט קאָפּאַטשנ. אינ דער סצענע מיט קאָפּאַטשנ האָט מיכאָעלס אַפּ א גלענצנדיקנ אויפנ דערוויזנ, וויאַזוי און אינ וועלכער מאָס מע קאָנ און מע דאַרפ יאַרשענענ די אייגענע דערפאַרונג, וויאַזוי מע זאָגט זיכ פונ אייגענער קולטור-יערושע ניט אָפּ. אינ דער דאָזיקער מיזאנסצענע האָט אַפּ א נײַעמ, אַפּ א סאָוועטישנ, אויפנ א בלענד געטאָנ דער טעאַטער מיט דעמ בעסטנ, וואָס אינ אימ איז געווענ אָנגעזאַמלט. אינ די דאָזיקע גליקלעכ געפונענע מיזאנסצענעס איז געבוירנ געוואָרנ דורכ רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיק דער סאָציאַליסטישער רעאַליזמ אינ מאָסקווער מעלוכישנ ייִדישנ טעאַטער. דאָס האָט מיכאָעלס געבראַכט די ערשטע גערעטעניש פונ זײַנ סאָוועטישנ פעריאָד.

דער דאָזיקער ספּעקטאַקל איז געווענ מיכאָעלסעס שוישפּילערישע און טעאַטראַלע ליד וועגנ בירגער־קריג, וועגנ דעמ זיגרײַכנ מאַרש פונ דער רעוואָליוציע. און סײַ שוישפּילעריש און סײַ רעזשיסעריש איז מיכאָעלס דאָ געבליבנ טרײַ זײַנע אייגענע קינסטלערישע פּרינציפּנ: דער פּאַרטייִשער פּסיכאָלאָגישער רעאַליזמ און די אַנטשפּרעכנדיקע צייכענונג, אָנ שרעק פאַר דעמ טראַגישנ, ווענ נאָר דאָס טראַגישע דעקט אופּ און אַנטפּלעקט דאָס גרויסע און גראַנדיעזע פונ דער עפּאָכע.

„ספּעצ“ איז געווענ פאַר מיכאָעלסנ א קינסטלערישע אויסשפּירונג אינ דער טעמע פונ דער סאָוועטישער אינטעליגענצ. עמעס, ער האָט דאָ געבלאָנדזשעט. אָבער בלאָנדזשענדיק, האָט ער געזוכט נײַע פאָרמענ און ער האָט זיי אָנגעטאַפּט. ער האָט זיי אָנגעטאַפּט רײַנ אידייִיש סײַ אינ זײַנ אייגענער שפּיל סײַ אינ דער שפּיל פונעמ

פיליסטער. די דערפארונג פונעם דאָזיקנ ספעקטאקל האָט ער דערנאָכ אויסגענוצט אינ א גאנצער ריי אנדערע ארבעטנ. אָבער דאָס געפיל פונ גרויסער קינסטלערישער אכרײַעס האָט אימ דאָ אויכ ניט פארלאָזט אפ קײנ אײנ אויגנבליק. ער אלײנ האָט דעמ ספעקטאקל געשטעלט, ער אלײנ האָט אינעמ ספעקטאקל געשפילט, ער אלײנ האָט אפ זיכ גענומענ אלע מעגלעכע אומדערווארטקײַטנ, וואָס פאסירנ, ווענ מע גײט אינ אויסשפיר.

אונ ענדלעכ — „אָוואדים“.

ניט געקוקט אפ די גרויסע קינסטלערישע ניסיוינעס, וואָס ער האָט געהאט דורכצוגײנ אינ זײַנע ארבעטנ איבער דער סאָוועטישער טעמאטיק, האָט זיכ מיכאָעלס אויכ אינ דעמ דאָזיקנ ספעקטאקל ארײַנגעוואָרפנ מיט זײַנ גאנצער פאראנטוואָרטלעכקײַט אונ טעמפעראמענט. ער האָט עפשער דאָ אויכ געוווּסט, אז דער דראמאטורגישער מאטעריאל איז נאָכ ניט אינגאנצנ קײנ רײַפער, אָבער די געפאר האָט אימ ניט אָפגעשטעלט. אונ ווי אנ אקטיאָר אונ א טעאטראלער קינסטלער, וואָס שפילט ניט בלויז די „ראָל“, וואָס אימ איז אויסגעטײלט אינ טעקסט, נאָר פריִער פאר אלצ — די אידײ, האָט ער אינ געוויסע ערטער איבערגעשלאָסנ דעמ דראמאטורגישנ מאטעריאל, ארופציִענדיק אימ צו דער גרונט-קאָנצעפציע פונעם ספעקטאקל. אזויארומ איז אויסגעוואקסנ דער „זײדע“, ווי די בארעכטיקטע נעסט, פונוואנענ עס זײַענ זיכ פאנאנדערגעגאנגענ זינ אונ אײניקלעכ. ער האָט אופגעשטעלט די פראָבלעמ פונ דוירעס. אונ ווי דאָס וועט זיכ ניט אויסווײַזנ פאראדאָקסאל, איז ארבעטנדיק אפ אָט דעמ דראמאטורגישנ שטאָפ, האָט ער זיכ אויסגעקוקט די פערספעקטיוונ צו זײַנ גרעסטנ שוישפילערישנ טרוימ — צו טעוויע דעמ מילכיקנ, מיט וועלכנ ער האָט נאכהער באקרוינט דעמ גאנצנ וועג זײַנעמ פונ אקטיאָרישער אונ רעזשיסערישער קונסט.

אונ ניט קײנ צופאל איז דאָס, וואָס נאָכ דעמ גרויסנ וועג, וואָס

מיכאָעלס האָט דורכגעמאכט אינ דער יידישער קלאסיק, אונ נאָכ דער דערפארונג, וואָס ער האָט אָנגעזאמלט אלס אקטיאָר, אונ באזונדערס אלס רעזשיסער, אינ א גאנצער ריי פיעסנ פונעמ יונגנ סאָוועטישנ רעפערטואר אונ אומגעקערט דעמ וואָרט די „בירגער-רעכט“ אפ דער בינע פונ יידישנ מעלוכע-טעאטער, — נאָכ דעמ, ווי ער אליינ האָט זיכ אידעאָלאָגיש מער פארפעסטיקט אינ זײַנ וועלט-עמפינדונג, — האָט ער זיכ געלאָזט אינ דער וועלט-קלאסיק מיט א נײַער קינסטלערישער נעסיע — צו שעקספירנ, ווי א קינסטלערישער שאָליעכ פונ אונדזער גרויסער סאָציאליסטישער עפאָכע, קעדיי מיט נײַע אָפּגעפרישטע מיטלענ פונ סאָציאליסטישנ רעאליזמ פונדאָסנײַ אופשנײַדנ דעמ XVI יאָרהונדערט אינ דער געשטאלט פונ קיניג ליר.

8

מיטנ „קיניג ליר“ איז דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאטער באשטימט ארײַנ אינ דער געשיכטע פונ די שעקספיר-ספעקטאקלענ, ווי א פולווערטיקער פארטניאָר פונעמ גרויסנ דראמאטורג.

אָבער ניט נאָר אינ פראכט פונעמ קיניגלעכנ פאלאצ, ניט נאָר אינעמ קלינגענדיקנ מעש פונ די שלאכט-אוניפאָרמענ, מיט וועלכע ס'זײַנענ באהאנגענ די הויפ-לײַט פונ שעקספירס „ליר“, איז געווענ פארבאָרגנ דער גוירל פונ אָט דעמ גרויסנ קינסטלערישנ דערפאָלג. דער דאָזיקער גרויסער דערפאָלג פונעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאטער איז ארויסגעוואקסנ פונ די אָרעמע שטעטלדיקע שטיבלעכ — די אָרעמע שטעטלדיקע שטיבלעכ פונ דער יידישער קלאסישער ליטעראטור.

אפ אָט די דאָזיקע אָרעמע שטיבלעכ האָט דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאטער אויסגעשלײַפט זײַנ געווער.

אונ דער גרויסער קינסטלערישער דערפאָלג פונ „קיניג ליר“,

זײַנ עכטקײַט און דערשיטערנדיקע קראפט איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאטער האָט אפ א ריכטיקנ אויפנ, מיט קינסטלערישער נויטווענדיקײַט און געזעצמעסיקײַט געקאָנט יארשענענ זיכ אליינ. די גאנצע פופצניאָריקע דערפארונג, וואָס האָט זיכ בא אימ אָנגעזאמלט פארנ פעריאָד פונ זײַנע גרויסע קינסטלערישע אופשטײַגנ אפנ קלאסישנ רעפערטואר, איז געווענ דיסקאָנטירט און באוווסטזיניק אָדער אומבאוווסטזיניק ארײַנגעבראכט אינ אָט דער קרוינ-ארבעט פונ טעאטער.

און בא דער גאנצער קעגנגעזעצטקײַט פונ די טראגעדיעס, וואָס עס שטעלט מיט זיכ פאָר די געטאָ און דער קיניגלעכער פאלאץ, — בא דער אבסאָליוטער אומעגלעכקײַט צו שטעלנ אינ א וועלכנ-ניט-איז פארגלײַכ דעמ גורל פונ ביניאָמינ דעמ דריטנ און פונעמ קיניג ליר, קרייצנ זיכ פאָרמעל, קינסטלעריש דאָכ איבער אייניקע ליניעס אינ די דאָזיקע צוויי פארשיידענע טעאטראלע אָביעקטנ.

די פרעכטיקע צייכענונג פונ דעמ קיניג מיטנ לעצ אינ סטעפ, בעשאס דער שטורעמ ווערט אפ אנ אויגנבליק פארשטילט און א ביסל שטרוי ווײַזט זיכ אויס די פאריאָגטע פארנ אידעאל פונ מענטשלעכנ קאָמפאָרט, — איז פלאסטיש אויסגעוואקסנ פונ דער מיזאנסצענע אינ דער קרעטשמע אינ „ביניאָמינ דעמ דריטנ“, ווו די צוויי „קרוינ-זוכער“ טרוימענ וועגנ א קארטאָפל. אויכ די מיזאנסצענע פונ קיניג בא די טעכטער אינ צווייטנ אקט רופט זיכ פלאסטיש איבער מיט דער מיזאנסצענע פונ „200.000“, ווענ שימעלע ווערט געוואָר, אז ער איז אָפגענארט...

אָט די דאָזיקע קרויוועשאפט פונ מיזאנסצענישע לאגעס אינ אזעלכע קעגנגעזעצטע ספעקטאקלענ — אלס קינסטלערישער צײַגער פונ געזעצמעסיקער זעלבסט-יערושע, האָט געגעבנ דעמ טעאטער ביכלאל און מיכאָעלסנ באזונדערס די מעגלעכקײַט, אז מיט אָנגעזאמלטע מיטלענ, נאציאָנאלע לויט דער פאָרמ, זאָל ער אפ א גלענ-

צנדיקנ אויפנ קאָנענ אויסלאַכנ דעמ געקרוינטנ לעצ, וואָס צעשנײַדט די קאַרטע פונ די ערדישע גיטער אַפ זײַנ אייגנ לײַב, פּונקט ווי אַפנ לײַב פונעמ אָפּגעיענדיקנ פעאָדאַליזמ.

אַפ אויסצוקנעטנ די געשטאַלט פונ קיניג ליר האָט מיכאָעלס גלענצנד אויסגענוצט אַלע קינסטלערישע אָנשיכטונגענ, וואָס האָבנ זיכ אינ זײַנ קינסטלערישנ פאַרמעגנ אָפּגעלייגט פאַר פופצנ יאָר אָקטיאַבערישער אַרבעט.

ער האָט אויסגענוצט די גאַנצע קינסטלערישע קולטור, וואָס ער האָט אינ זיכ אַרײַנגעזאַפּט, ביז צו די דערציילונגענ פונעמ ביבלישנ עפּאָס.

מיכאָעלסנ האָט דאָ געוויס געהאָלפנ אויספאָרמירנ די סצענע, ווו ער שפּילט, זײַנ אייגענע אונ דעמ פאָלקס באַציִונג צו דעמ בוכ איִוו.

אָבער די גרונט־פאַרבנ פונ אָט דער אויסערגעוויינלעכער שעקספּיר־געשטאַלט האָט ער הויפּטזאַכלעכ געשעפּט פונ דער רײַכער דערפאַרונג, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, פונ דער ספּעציפיק פונ זײַנ סטיל אונ אייגנאַרט. ער האָט זיי געשעפּט, די פאַרבנ זײַנע, אינ דער קולטור פונ אַ טעאַטער, ווו ס'זײַנענ אָפּדאָסנײַ געבוירנ געוואָרנ די יידישע קלאַסיקער אונ ווו דורכ די לעצטע איז דערהויבנ געוואָרנ דער טעאַטער אַלס אַ פולווערטיקער אויסדרוק פונ דער סאָוועטישער קונסט, וואָס איז נאַציאָנאַל לויט דער פאָרמ אונ סאָציאַליסטיש לויטנ אינהאַלט.

9

די טראַגעדיע פונ „ליר" אינ מיכאָעלסעס טראַקטירונג איז די טראַגעדיע פונ אַ קיניגלעכנ קאָפּ, וואָס איז ניט אַראָפּגעפלויגנ איינעמ מיט דער קרוינ.

די טראַגעדיע איז אויסגעוואַקסנ דערפונ, וואָס דער קיניג, ווענ ער האָט פאַנאַנדערגעטיילט די קרוינ צווישנ די רויבער, וואָס זײַנענ פונ אימ אַרויסגעקומענ אַלס אַ נײַע, מער מאָדערנע פאָרמאַציע פונ

רויב, איז אים ניט איינגעפאלן צעהאקן די קרוין אף זיין אייגענעם קאָפּ.

דערפאר איז ער פארמישפּעט געוואָרן צו אויסניכטערונג.

נאָר אין דער זעלבער צייט איז ער אויך באלוינט געוואָרן. ער איז באלוינט געוואָרן מיט דערזען דעם נאקעטן עמעס, וואָס ער האָט פריער אליין אָפּגעשטויסן אין געשטאלט פון זיין באליבטער קאָרדעליע. ער איז באלוינט געוואָרן מיט פארזוכן דעם עכטן מענטשלעכן צאר. אָט דעם דאָזיקן צאר האָט מיכאָעלס געשפּילט. און מיט דעם דאָזיקן צאר, אן אריבערגעוואָרפענעם אריבער דער פּלייצע ווי א טאָרבע, שטארבט ער, דער קיניג, אין מיכאָעלסעס טראקטירונג.

און ס'איז קיין ווונדער ניט, וואָס ניט געקוקט אף דער טראדיציע ארומצוהענגען דעם קיניג מיט פארשיידענער בוטאפּאָריע פון פּאטריארכאלער גרויסקייט, ווי, צום ביישפּיל, א באָרד מיט א פּאריק און אנד., שפּילט מיכאָעלס די דאָזיקע געשטאלט קימאט אָן גרים, אָן דעם געקלימפּער פון קיניגלעכע און קריגערישע אטריבוטן, נאָר ער איז אָנגעטאָן אין א גאנץ באשיידענער האלבאָשע, וואָס דורך איר לויכט זיך אין צווייטן אקט דורך זיין לייב.

אָבער גראָד אָט די פּראָסטקייט מאכט זיין טראגישע געשטאלט מאקסימאל נאטירלעך. די דאָזיקע פּראָסטקייט מאכט זיין וואָרט טאָפּלט שארף און שניידנדיק. זי דערלויבט יעדער באוועגונג זיין עכט. און דאָס געלעכטערל, וואָס כאזערט זיך איבער אין אלע פיר אקטן א מאָל פינף—זעקס, ווערט א לייטמאָטיוו פון עמעסן שיגאָען און טויט.

און ווען ער טראָגט צו די פינגער צו זיינע אויגן, פארשטעלנדיק דעם וועג פאר די טרערן און איינרעדנדיק זיך, אז ער וויינט ניט, דערפילט זיי דער צושויער, די טרערן, אף דעם אייגענעם פּאָנעם.

ער האָט ניט באדארפט אָנקומען, מיכאָעלס, צו אויסערלעכע באהילפיקע זאכן, וואָס זאָלן דערציילן וועגן זיין קיניגלעכן וועזן און

מיכאַעלס אין דער ראָל פון בּיניאָמין אין דער פּיעסע „מאסאָעס
בּיניאָמין השלישי“ לויט מענדעלע מויכער־ספאָרים.

וועגנ דער גרויסקײַט פונ זײַנ פײַנ. די דאָזיקע „קיניגלעכקײַט" האָט מיכאָעלס אנטפלעקט דורכנ געשפילטנ וואָרט.

אונ מיט דעמ דאָזיקנ מיטל דערהייבט ער זיכ צו דער גרויס־קײַט פונ שעקספירס געניאלנ דראמאטורגישנ טעקסט.

ס'פארשווינדט זײַנ, מיכאָעלסעס, „ניט־קיניגלעכער" וווקס. עס שפילט דער אומבאגרענעצטער וווקס פונ שעקספירס לײַדנשאפטנ אונ טיפקײַט.

אונ אינ דער ערשטער סצענע פונ שטורעמ אינ סטעפ פילט זיכ דער בראָכ אונ דער אומבײַט פונ געזעלשאפטלעכע פאָרמאציעס: עס פאלט דער אלטער דעמב פונ פעאָדאליזמ אונטער דעמ דונערנ אונ קנאלנ פונעמ אופשטײַגנדיקנ קאפיטאליזמ.

אונ דער אומגעוואלגערטער בוימ ליגט אפ דער בינע, ווי דער גוירל פונעמ קיניג.

אונ דעמ קיניג בלײַבט איבער צעהאקנ דעמ פארשטאנד זײַנעמ, פונקט ווי ער האָט צעהאקט די קרוינ.

די הויכע פאטעטישע לײַדנשאפט פונ דער דאָזיקער טראגעדיע האָט זיכ אפ אנ אויסערגעוויינלעכנ אופנ געפונענ אינ דעמ דאָזיקנ טעאטער אונ זיכ וווּנדערבאר אסימילירט אינ מיכאָעלסעס אָנגעגליטנ טעמפעראמענט, אונ מיכאָעלס האָט אָפּגעשפילט דעמ קיניג מיט דער זעלבער קויהעלעס־כאָכמע, מיט וועלכער ער האָט געשפילט אלע זײַנע געטאָ־פיגורנ, ניט פארענדערנדיק זײַנ פאָנעמ אונ ניט בא־לעסטנדיק אימ מיט ספעציעלנ קיניגלעכנ גרימ. ער האָט זיי קינסט־לעריש אוועקגעשטעלט באנאנד, ווי ער וואָלט אפ זיי אלע געוויזנ מיט שעקספירס האנט, אז אָנ דער קרוינ, וואָס ווערט דורכ דער גע־שיכטע אָנגעטאָנ אונ וואָס ווערט דורכ איר אלײנ אראָפגענומענ צוזאמענ מיטנ קאָפ, — אונטערשיידנ זיי זיכ ניט איינער פונעמ אנ־דערנ, סײַ דער נאיִוו טרוימענדיקער וועגנ א „קרוינ" ביניאָמינ דער

דריטער, סיי דער נאָוו טרויערנדיקער נאָך דער פאַרלוירענער קרויגלער.

אין דעם באַשטייט דאָס וווּנדערלעכע נײַס, וואָס מיכאָעלס האָט מיט מיטלען פֿון אָנגעזאַמלטער נאַציאָנאַלער פֿאָרם אַרײַנגעטראָגן אין דער טראַקטירונג פֿון שעקספּירס טראַגעדיע.

פֿון געשטאַלט צו געשטאַלט, ווי פֿון טרעפּ צו טרעפּ איבער דער לייטער פֿון דער קלאַסישער גאַלעריי, האָט זיך מיכאָעלס אױפֿגעהויבן צו זײַן ליר.

ער איז געגאַנגען צו אים מיט פֿולע הויפֿנס ליריק און דראַמאַטישער קראַפֿט, ער איז געגאַנגען צו אים מיטן אויסגעשליפֿטסטן געווער פֿון גראָטעסק און מיט דער גרויסער עפּישער שטילקייט, וואָס ער האָט זיך „אָפּגעשפּאָרט" אויף זײַן גאַלעריי געשטאַלטן פֿון דער יידישער קלאַסיק, און געמאַכט די ליר־געשטאַלט פֿאַר אַ סומירנדיקער, אַ סאַכאַקלענדיקער פֿון אַלע זײַנע פֿריערדיקע אַרבעטן.

און ס'איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס דורך אַזאַ גײַסטרײַכן וועג האָט מיכאָעלס צום צוואַנציקיאָריקן יוביליי פֿונעם טעאַטער געקאָנט קומען מיט אַזאַ רײַפֿער פֿולקומער אַרבעט, ווי טעוויע דער מילכיקער, וואָס לויט איר קינסטלערישער קראַפֿט, געדאַנק און מײַסטערשאַפֿט איז זי אַרײַן אין דעם גאָלדענעם פֿאָנד פֿון דער טעאַטראַלער קולטור אין גאַנצן פֿאַרבאַנד.

10

צען יאָר נאָכאַנאַנד האָט מיכאָעלס זיך דערווײַטערט פֿון שאָלעם־אַליכעמען, קעדיי צו שאַפֿן זיך פֿאַר אים די ריכטיקע קינסטלערישע פּערספּעקטיוו. און וואָס ווײַטער ער איז אָפּגעגאַנגען, אַלץ העכער האָט זיך אױפֿגעהויבן פֿאַר אים אין דער פּערספּעקטיוו דער געניאַלער שאָלעם־אַליכעם, וואָס האָט אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אויפֿן פֿאַרקערפּערט אין זיך דאָס פֿאָלק. די ערשטע שעפֿערישע באַגעגע-

ניש מיט שאָלעמ-אלייכעמענ האָט מיכאָעלס געהאט באמ סאמע אנטשטיינ פונעמ טעאטער. אינ דער האָזיקער ערשטער גליקלעכער באגעגעניש איז געווענ באשטימט דער גורל פונ אונדזער מאָסקווער יידישנ מעלוכישנ טעאטער, וואָס האָט זיכ שטאפלווייז פארוואנדלט אינ איינעמ פונ די באדייטנדיקסטע אינעמ פארבאנד. אָבער דעמלט איז די שפעטערישע טרעפונג געווענ מער א טעאטראל־אויסערלעכע. אפ דער ערשטער באגעגעניש האָט דער טעאטער באקומענ זיינ קוואליפיקאציע. אונ נאָכ צענ יאָר פארטיפטסטנ רעאליסטישנ וווקס באקומט דער טעאטער דורכ שאָלעמ־אלייכעמענ די טיפע אנטפלעקונג פונעמ פאָלק.

מיכאָעלס האָט באדארפט דורכמאכנ נאָכ צענ יאָר אָנגעשטרענגטע זוכענישנ, אינ וועלכע ער האָט, אגעוו, אויכ ניט אויסגעמיטנ קיינ שטרויכלונגענ, ביז ער איז אָנגעקומענ אינ זיינ ווייטערדיקנ בלי־פעריאָד. די האָזיקע צענ יאָר זיינענ געווענ יאָרנ פונ וווקס אפ דער וועלט-קלאסיק אונ אפ דער סאָוועטישער דראמאטורגיע. אזוי איז מיכאָעלס געקומענ צו דער נייער שאָלעמ-אלייכעמ-ארבעט, וואָס האָט קינסטלעריש אונ אידייִש באקרוינט דעמ צוואנציקיאָריקנ וועג פונ זיינ שעפערישער ארבעט.

מיכאָעלס האָט אפסניי איבערגעלייענט שאָלעמ־אלייכעמענ. איבערגעלייענט אימ מיט יענער פארטיפטקייט אונ ליבע, וואָס די פארטיי האָט בא אונדז אלעמענ אופגעוועקט צומ פאָלק, צו זיינ אומשטערבלעכקייט אונ צו זיינע גרויסע ניט אויסשעפבארע קוואלנ. אונ אינ שאָלעמ־אלייכעמענ דעמ גרויסנ הומאָריסט, וואָס האָט אינ זיכ פארקערפערט די טראגיק פונעמ פאָלק איינייִנעמ מיט דער כאָכמע, האָט מיכאָעלס געפונענ דעמ שטילנ פראָטעסט פונעמ פראָסטנ פאָלקס־מענטשנ קעגנ דער סאָציאלער אומגערעכטיקייט פונ דעמ אלטנ צארישנ רוסלאנד.

II

„אכ, טי ריבוינע-שעל-אוילעמ!“ — אזוי גוטברודעריש, א ביסל פאריבלדיק אונ א ביסל פארציַיענדיק, זאָגט טעוויע בא זיַינ ערשטנ אופטריט. דאָס זיַינענ ביכלאל די ערשטע ווערטער פונעמ ספּעקטאַקל (לויט דער אינסצעניִרונג פונ אויסלענדער אונ דאָברושינ), וואָס מיכאָעלס האָט געפורעמט אזוי פעסט, אזוי גראָדליניק אונ אזוי איבערציַיגט אינ זיַינ קינסטלערישנ עמעס.

מיט אָט דער דאָזיקער פאָלקסטימלעכער ווענדונג צומ „ריבוינע-שעל-אוילעמ“ אפ „טי“ ווערט גליַיכ אנטפּלעקט טעוויעס וויזיט-קארטל אינ מיכאָעלסעס אינטערפּרעטאציע — דער טאָכ פונ זיַינ פאָלקס-כאָכמע. אונ סע ווערט גליַיכ קלאָר, אז ס'וועט אויסוואקסנ א קאָנפליקט צווישנ טעוויע דעמ מילכיקנ מיטנ ריבוינע-שעל-אוילעמ אונ מיטנ ריבוינע-שעל-אוילעמס וועלט; אונ ס'הייבט זיכ אָנ אויס-דאכטנ, אז, אייגנטלעכ, וואָלט ער מיט אימ א רעד געטאָנ פּונקט ווי מיט לייזער-וואָלפ דעמ קאצעוו. וויַיל, אייגנטלעכ, האָט טעוויע אפּנ ריבוינע-שעל-אוילעמ די זעלבע קריוודע, ווי אפ לייזער-וואָלפ דעמ קאצעוו. דעריבער, ווענ טעוויע טרעפט זיכ מיט אָט דעמ שטעטלדיקנ קאצעוו, מיט אָט דער „גראָבער זאכ“, אונ הייבט אימ אָנ ארויַינזינגענ אפ זיַינ טעוויעדיק-כאָכמעדיקנ אויפנ: „עכ, טי מיקיטקא, מי-קיטקא, שטשאָ טי בודעש דעלאט, קאָגדא בודעש פאָמיראטי“, — דאכט זיכ אויס, אז דאָס זינגט ער ניט דעמ קאצעוו, נאָר טאקע דעמ ריבוינע-שעל-אוילעמ אליינ.

בא טעוויענ איז דאָכ „מיקיטקא, מיקיטקא“ אויכ א מעדרעש, אונ דעמ ריבוינע-שעל-אוילעמ זאָגנ א מעדרעש איז דאָכ, אדעראבע, אפילע א מיצווע... נאָר וואָס זשע דענ? טעוויע זאָגט עס אימ ניט דירעקט, נאָר דורכ זיַינס א שטיקל „קלייקוידעש“ — דורכ דעמ קאצעוו.

אונ אינ דעמ ערשטנ בילד דערפילט מענ גליַיכ אונ מיטאמאָל די שניַידנדיקע שארפ פונ מיכאָעלסעס קאָנצעפּציע. דאָס לידעלע

„מיקיטקא" איז אינ טעקסט פונ דער פיעסע ניט פאראנ. אָבער פונ טעוויעס קאָנפליקט מיט דער וועלט דרינגט עס ארויס, פונקט ווי עס דרינגט ארויס פונעם פאָלק. האָט מיכאָעלס אזוי פּאָלקסטימלעכ געלאָזט א שפּיל טאָנ אָט די פארב, אונ וויבאלד טעוויע דער מיל־כיקער קאָנפליקטירט מיטנ ריבוינע־שעל־אוילעם, ווערט פסיכאָלאָגיש אזוי קלאָר אונ בארעכטיקט זיינ פארבאהאלטענע סימפּאטיע צו דעם באָכערל, וואָס שטודירט אינ די קלאסנ, וואָס וויל איינפירנ אינ דער וועלט דעמ „שעלי־שעלאָב אונ שעלאָב־שעלי", אונ פארוואָס ער דערלויבט זיכ אימ אזוי פאמיליאר — צווישנ יאָ אונ ניינ, — ווענ ער דערזעט אימ ארומגענומענ מיט זיינ האָדלענ, וואָס איז שוינ, דאכט זיכ, א קאלע פארנ קאצעוו, — אזוי פּאָטערלעכ־צארט אונ שטרענג א זאָג טאָנ:

— איינ, א פּעפּערל!

אונ נאָכ ווערט אזוי עכט אונ רעאליסטיש בארעכטיקט טעוויעס גרויס פאָטערלעכ געפיל, ווענ בא אימ אפ די הענט, ווי אפ וואָג־שאָלנ, וועגט זיכ אינ א טראגישער אויסוועגלאָזיקייט האָדלס ליבע, האָדלס ערשטע אופגעוואכטע מיידל־געפילנ, אופגעטראָגענע אפ די פליגל פונ די ביכלעכ, וואָס פערטשיק ברענגט איר, אונ האָדלס „גליק", וואָס דער קאצעוו זאָגט איר צו, — מיט לאָקש, אונ מיט בוידעמ, אונ מיט ציבעלע, אונ מיט א פּוטער פונ קעז, אונ מיט א פלאטיע מיט שליארעס...

ער וועגט, טעוויע, ער וועגט, אונ ס'צאפּט זיכ פונ אימ בלוט. ער פארשטייט גאָרניט. ער פילט. וואָס פילט ער? האָדלס הארצ, האָדלס אויגנ, האָדלס פיבער, וואָס די פארדינסטפולע ארטיסטקע כ־טע ראָטבאומ האָט מיט אנ איבערראשנדיקער פרישקייט אונ נייקייט אנטפלעקט אינ זיכ אינ אָט דעמ נייעמ שאָלעמ־אליינעמ־ספּעקטאקל. אונ טעוויע ווערט יונג. טעוויע ווערט האָדלס ניט נאָר א טאטע, נאָר האָדלס א געטרייער כאווער, אונ ער באשליסט מיט א קונצ, מיט

אַנ אָפּגעטאָקטנ ליגנ ראטעוועג זײַנ בריליאַנטענע האָדל פונעמ גראָבנ קאצעוו און מיט זײַנע אייגענע הענט זי אָפּגעבנ אָט דעמ גרויסנ פײַער, וואָס פּערטשיק צעלייגט ערגעצ אינײַנעמ מיט די רעוואָליוציאָנערנ.

און אַזוי, דורכ טעוויעס שטוב און שטאָל און טעוויעס אָרעמער באַלעבאַטישקײַט, דערפילט מענ די עכטע טראַגיק פונעמ פאָלק, וואָס האָט זיכ געריסנ פונ דער פינצטערניש, פונעמ גרויל פונ דער טעמפּער עקספּלואַטאַטאָרישער קאצעוו־וועלט, — מע דערפילט דעמ גרויסנ קינסטלערישנ עמעס פונעמ פאָלק.

א שטיק יִידיש לעבנ פונ סאָפ XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט אינ א רויִק אוקראַיִניש דאָרפ. ס'איז פּאַרטאָג. ס'איז שטיל. אָבער אינ דער דאָזיקער שטילקײַט, אינ שוימ פונ אָט דער וווּנדערלעכער אוקראַיִנישער נאַטור צײַטיקט זיכ דער לעצטער אקט פונ דער רוסלענדישער קנעכטשאַפט און פונ דער יִדישער פאַרורטײלטקײַט.

— מע דאַרפ עס פאַרשטײנ מיטנ האַרצנ, טאַטע!

די דאָזיקע שלומ-פּראָזע פונעמ צווייטנ בילד זאָגט האָדל. סע ווערט שטיל, עפּעס ווי ניט מיטאַמאָל. לאַנגזאַמ, ערגעצ אינ דער הייכ, אויפ יענער הייכ, וואָס אַפ איר האָט זיכ א טראָג געטאָנ דער מאָסקווער יִדישער מעלוכע-טעאַטער, און אָט די דאָזיקע ווערטער שטראַלנ זיכ אויכ אַרויס פונ מיכאָעלסנ, ווי א שטילע פאָטערלעכע בראָכע.

אַרומ דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכ אינטערעסאַנטער און פּילפאַרביקער געשטאַלט, וואָס מיכאָעלס האָט געשאַפנ, איז זייער אינטערעסאַנט זיכ אָפּשטעלנ אַפ דער פּראָבלעמ פונ געלעכטער, וואָס שאָלעמ-אַליײכעמ טראָגט ביכלאַל אינ זײַנ קישעפדיק וואָרט.

ס'וועט ניט זײַנ איבערגעטריבנ, ווענ מירנ זאָגנ, אַז שאָלעמ־אַלייכעמ האָט ניט געלאָזט, ס'זאָל אַטראָפירט ווערנ באַמ יִדישנ

פאָלק אינ יענע טרויעריקע צײַטנ דער רעפלעקס פונ לאכנ. אָבער אינ דער נאטור פונ שאָלעמ-אליכעמס געלעכטער דארפנ מיר זיכ גרינטלעכ פאנאנדערקלײַבנ. צי האָט שאָלעמ-אליכעמ געשריבנ קאָמישע געשיכטעס, אָדער שאָלעמ-אליכעמ האָט לאָקאליזירט דעמ ווייטעק אונ אָפטמאָל די שאנד פונ זײַנע אָביעקטנ מיט געלעכטער, ווי מיט א קינסטלעריש מיטל?

ער איז באמ ראנד פונ אָפגרונט. ס'איז טראגיק.

א מענטש גייט אָפ מיט בלוט. די רעאקציע בא דעמ, וואָס זעט אָט דעמ מענטשנ, דארפ אומבאדינגט זײַנ א גאנצ באשטימטע. שטעלט שאָלעמ-אליכעמ אימ אוועק אינ אזא ראקורס, ער געפינט אינ אימ אליינ אויס נאָכ אזא אטריבוט, אָדער ער פארגרעסערט אינ אימ אזא אייגנשאפט, א קאָמישע, וואָס ווענדט אָפ דאָס טראגישע.

אָט גייט ארומ טעוויע, אָנגעשטאָפט מיט צאָרעס, ווי א מילגרוימ מיט קערלעכ. דער גרונט-טראקט, איבער וועלכנ שאָלעמ-אליכעמ פירט אימ, איז דורכויס טראגיק. פונ זײַנ שוועל, וואָס פירט אינווייניק אינ שטוב אונ וואָס פירט אינ דרויסנ אינ דער וועלט, טרעט דער אומגליק ניט אָפ אפ קיינ איינ מינוט. אָט אזוי זעט אימ דער צושויער אינ מעשעכ פונעמ גאנצנ ספעקטאקל. אונ ער לאכט! וואָס זשע רופט בא אימ ארויס דעמ געלעכטער? שיקט זיכ, אז דאָס טראגישע? געוויס ניינ! פארשטייט זיכ, אז ווענ טעוויע, דער אָרעמער אונ דערשלאָגענער מילכיקער, שלאָגט זיכ מיט דעמ לעבנ איינס אפ איינס, איז עס אויסערלעכ קאָמיש אונ אינערלעכ — הונדערט מאָל מער טראגיש. פאר אזוינעמ, וואָס האָט האנאָע פונ קיצלענ אונ פונ ענלעכע „שארפע איבערלעבונגענ", געפינט זיכ א שמאלציק ביסעלע געלעכטער אינ יעדנ אומגליק, וואָס איז נאָכ א ביסל אויסערגעוויינלעכ, אונ איבערהויפט — אָנשוילעכ. בא שאָלעמ-אליכעמענ איז געלעכטער א מיטל אפ אָפצומינטערנ זײַנ צאר,

וואָס שלאָגט זיכ מיט דער וועלט איינס אפ איינס, אימ אָפּמינטערנ
פונ די קלעפּ, וואָס ער באקומט פונעמ לעבנ... אָט אינ דער זעלבער
מאָס באנוצט זיכ מיטנ קאָמישנ עלעמענט מיכאָעלס אינ דער גע־
שטאַלט פונ טעוויענ, ווענ ער מינטערט זײַנע בניי־באָים מיט א ניט
געשטויגענעמ כאָלעמ, מיט אנ אויסגעטראכטנ ליגנ, מיט א פּילי־
זשאנקע וואסער. אָבער דער טאָכ איז דאָ א טראגישער. הויכע
מענטשלעכע טראגיק. אונ קיינ איינ עמעסער קינסטלער וועט זיכ ניט
דערוועגנ אונ זיכ ניט דערלויבנ אָפּווישנ די טראגעדיע מיט דעמ
שוימ פונ געלעכטער אונ אזויארומ פארווישנ דעמ סאָציאלנ אונ גע־
שיכטלעכנ עמעס פונעמ פאָלק! בא שאָלעמ־אליימעמענ איז דאָס
געווענ אמשווערסטנ צו דערגרייכנ, ווײַל בלויז באמ ארויסריידנ דאָס
וואָרט „שאָלעמ־אליימעמ“ ווערט גלײַכ ארויסגערופנ דער רעפלעקס
פונ געלעכטער. אונ דערפאר איז דאָ מיכאָעלס געגאנגענ אפנ וועג
פונ גרעסטנ ווידערשטאנד אונ דערגרייכט אזא אומגעהייערע קינסט־
לערישע הייכ אינ זײַנ שוישפּיל אויכ אינ זינ פונ דערקלערנ שאָלעמ־
אליימעמס טעקסט.

ס'איז זייער גוט, ווענ דער צושויער לאכט, פריילעכ אונ לעבעדיק
רעאגירנדיק אפ דעמ, וואָס עס טוט דער אקטיאָר. אָבער א קינסט־
לער דארפ קאָנענ ניט נאָר פריילעכ מאכנ דעמ צושויער, נאָר —
קינסטלעריש רעאגירנ מיט זײַנ באוווסטזײַנ אונ פסיכיק, אימ האלטנ
אינ זײַנ קינסטלערישנ רעשומ, הערשנ איבער אימ אונ ארויסבאקו־
מענ פונ אימ די איינציק ריכטיקע רעאקציע, וואָס די קאָנצעפּציע
אונ די אידייִשע אָנלאָדונג פונעמ גאנצנ ספּעקטאקל פאָדערט. אָט
וואָס עס ווערט מיט דער מאקסימאלער קינסטלערישער קראפט אונ
איבערצײַגונג דערגרייכט בא מיכאָעלסנ. ווײַל מיכאָעלס צווינגט דעמ
צושויער זיכ האלטנ אפ דער הייכ פונ זײַנ אייגענער איבערלעבונג,
ער לאָזט אימ ניט ארונטערפאלנ אונטער דעמ רייִנ ביאָלאָגישנ

רעפלעקס, נאָר — אָנטייל נעמענ אינעמ געדאנקלעכנ פּראָצעס. דע-
ריבער איז די רעאקציע פונעמ צושויער אפ מיכאָעלסעס שפּילנ, בא
די סאמע קאָמישע סיטואציעס, אנ עמאָציאָנעל-באטראכטנדיקע. אי-
בערהויפּט בא שאָלעמ-אליכעמענ, וואָס מ'האָט אימ א קנאפּנ האלבנ
יאָרהונדערט שלעכט געלייענט אונ נאָכ ערגער „פּאָרגעלייענט",
העלפט מיכאָעלס דורכ נייע אקטיאָרישע מיטלענ דער ליטעראטור
צו באפרייענ שאָלעמ-אליכעמס טעקסט פונ די שלעכטע קאנאָנענ,
וואָס זיינענ דורכ פארשיידענע „פּאָרלייענער" ארופגעלייגט געוואָרנ
אפ זיינ גרויסנ טראגישנ אינהאלט.

אינ וואָס זשע באשטייט דאָכ דאָס נייע, וואָס מיכאָעלס האָט
אריינגעטראָגנ אינ זיינ קינסטלערישנ אינטערפּרעטירנ שאָלעמ-אליי-
כעמענ? פארוואָס האָט שאָלעמ-אליכעמ דורכגעקלונגענ בא מי-
כאָעלסנ א סאכ טיפער אונ טראגישער, ווי מ'איז ביז איצט געווינט
געוועננ אופנעמענ אונ פארשטיינ אָט דעמ גרעסטנ שרייבער פונעמ
יידישנ פאָלק?

דאָס לאָזט זיכ דערקלערנ פריער פאר אלצ מיט דער גייסטיקער
קאָנסטיטוציע פונ מיכאָעלסנ זעלבסט. מיכאָעלסעס גייסטיקער קאָמ-
פּלעקס שטעלט מיט זיכ אָנ צווייפל פאָר א סינטעז פונעמ פּערעציאַ-
נישנ אונ פונעמ שאָלעמ-אליכעמישנ אינייינעמ. אפ אָט די צוויי
קינסטלער אונ דענקער האָט זיכ פאָרמירט מיכאָעלסעס וועלט-עמפּינ-
דונג לויט דער ליניע פונ דער יידישער קלאסיק אונ נאָכ אפ איינ
קאָמפּאָנענט, וואָס האָט געלויכטנ אינ דער פּערספּעקטיוו, — דאָס
איז מענדעלעס סאטירע.

מיכאָעלס איז קיינמאָל ניט צוגעגאנגענ צו שאָלעמ-אליכעמס
טעקסט, ווי צו אנ איזאָלירטנ פונ פּערעצנ אונ מאָמענטנווייז פונ
מענדעלענ. ער האָט שטענדיק געפילט די אידייישקייט, די הומאניס-
טיש-קעמפערישע איינהייט פונ די יידישע קלאסיקער, וואָס האָבנ
פּאקטיש איינער דעמ צווייטנ מעמאלע געוועננ אונ דערגאנצט. ער

האָט שטענדיק געפֿירט דעם קינסטלערישן דיסקאָנט פֿון אַלע דרײַ — פֿון פּערעצן, מענדעלען און שאָלעם-עליכעמען, און ער האָט זיי קינסטלעריש אַסימילירט. דאָס האָט אים געהאָלפֿן אין דעם באַרבן פֿון פּערעצעס „באַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" לאָקאַליזירן דאָס טראַגישע, געפֿינען פֿאַר אים אָפּט שאָלעם-עליכעמישע מיטלען און אויך באַלאַנסירן אין שאָלעם-עליכעמס געשטאַלטן מיט דער רעאַליסטישער הייך פֿונעם טראַגישן, וואָס ריזלט בײַ אַלע דרײַ קלאַסיקער. שוין אין איינער פֿון די ערשטע געשטאַלטן, וואָס מיכאָעלס האָט געבראַכט אויף דער בינע, אין שאָלעם-עליכעמס ר׳ עבֿ אַלטערן, האָט מיכאָעלס אײַנגעשלאָסן דעם קאָנטאַקט פֿון פּערעציאַנישן גײַסט. עפּעס ווי פֿון דער ווײַט און אַרום אים שוועבט דאָס פּערעציאַנישע און לאָזט אים ניט בלײַבן אין קיך, כאָטש אין קיין אַנדער אָרט איז ר׳ עבֿ אַלטער קיינמאָל ניט געזעסן... מיכאָעלס דערגרייכט עס אָן טעקסט, נאָר בלויז מיט שטילער און וואָכעדיקער פּאָלקסטימלעכער טאַלמיד-כאָכמישקײַט, מיט דער טאַלמיד-כאָכמישער שפּיל פֿון אַ פּראָסטן און וואָכעדיקן ר׳ עבֿ אַלטער. דאָסגלײַכן האָט מיכאָעלס אין קיין איין געשטאַלט פֿון שאָלעם-עליכעמען ניט אויסגעשלאָסן דעם טראַגיש-לירישן שטראָם פֿון פּערעצעס קלעזמער יויעל פֿון „וואָס אין פֿידעלע שטעקט". און ווי אַ שאָטן צו דעם גרעסטן טייל אין זײַנע געשטאַלטן אין דער ייִדישער קלאַסיק, גייט אים נאָך די שטילע און איידעלע ראָמאַנטיק פֿון מענדעלעס בינימינן דעם דריטן. אָט אַזוי האָט מיכאָעלס געוועבט זײַן קינסטלעריש געוועב פֿון די ייִדישע קלאַסיקער, אַנטדעקנדיק איינעם אין דעם אַנדערן און ברענגענדיק אַזוי־אַרום זיי אַלע צו איין אידייִשער איינהײַט. און מיט אָט דעם סינטעטישן געפֿיל פֿאַר דער ייִדישער קלאַסיק האָט מיכאָעלס טעאַטראַל אויפֿגעוועקט און פֿאַרקערפּערט דעם זעלבן זוניקן, דעם זעלבן פֿאָלקסטימלעכן פֿון זיי און דעם זעלבן באַליבטן — שאָלעם-עליכעמען!

אינ צוזאמענהאנג מיט דעם טעוויע-ספּעקטאקל איז עפשער צום ערשטנ מאָל ווי ס'געהער צו זײַנ געשטעלט געוואָרנ אינ טעאטער די פּראָבלעם פונ רעזשי אונ אקטיאָרישער שוישפּיל. איינצײַטיק, ווי דאָס איז אויסגעקומענ דעם אווטאָר פונעם ספּעקטאקל — מיכאָעלסנ.

אינ דעם דאָזיקנ ספּעקטאקל איז באשטעטיקט געוואָרנ, אז דער טעאטער האָט אינ דער פּערזאָנ פונ מיכאָעלסנ באקומענ א גלענצנדיקנ מײַסטער פונ רעזשי. מיכאָעלס האָט אָנגעטאפּט די נאַציאָנאלע פאָרמ סײַ דורכ דער פּלאסטיק פונ וואָרט סײַ דורכ דער מוזיק אונ אויכ דורכ דער מאָראלישער קונסט, וואָס זײַנענ שטענדיק באשטאנד-טיילנ פונ מיכאָעלסעס רעזשיסערישער קאָמפּאָזיציע. אָבער דאָס סאמע וויכטיקסטע באשטייט אינ דעם, וואָס ער באמיט זיכ שטענדיק אונטערצוווארפנ אלע קינסטלערישע קאָמפּאָנענטנ פונעמ ספּעקטאקל איינ פירנדיקער גרונט-אידיי. עס זײַנענ אינ ספּעקטאקל ניט פאראנ קיינ געלונגענע מיזאנסצענעס סתם פאר זיכ. יעדער שטריכ, יעדעס ברעקל פארב, וואָס פארנעמט אנ אָרט אפ אָט דעם פּרעכטיקנ לײַוונט, האָט, פריִער פאר אלצ, אנ אידייִשע אָנלאָדונג אונ א גרונט-פונקציע, וואָס דינט דער צענטראלער אידיי פונעמ ספּעקטאקל. דעריבער וואקסט ארויס די לעצטע מיזאנסצענע, ווענ טעוויע מיט די טעכטער זעצנ זיכ צו אפ די קלומקעס, איידער זיי פארלאָזנ דאָס דאָרפ, וואָס פונ דעם טרײַבט מענ זיי ארויס, אונ לייענענ דערבײַ האָדלס בריוו פונ סיביר, אז ס'וועט אופגיינ די זונ, — וואקסט עס ארויס אונ דערהייבט זיכ צו א פּאראלגעמיינערט טראגיש בילד פונ רעדיפעס ניט נאָר אפ ייִדנ, נאָר אפ אלדאָס פּראָגרעסיווע אינ די פינצטערע צײַטנ.

אינ אָט דער קליינינקער מיזאנסצענע, וואָס איז אויסגעבויט מיט זייער באשיידענע אונ פּאָשעטע מיטלענ, דערפילנ מיר געשיכטע; די טראגישע געשיכטע פונ א פאָלק, וואָס לאָזט זיכ פונ קיינ שום

טראַגעדיע ניט צעבראָכנ, פונ א פאָלק, וואָס שטעלט זיכ קעגנ די סאַמע פינצטערע באַדינגונגענ, ווי שווער אָט די קעגנשטעלונג זאָל ניט זײַנ. אָט אַזוי בויט מיכאָעלס מיזאַנסצענעס. יעדע איינציקע שאַפט אַרומ זיכ א גרויסנ קרײַז פונ אַסאָציאַציעס, וואָס אייניקע פונ זיי שטאַמענ פונ דער פאַרגאַנגענהײַט, און אייניקע רײַסנ זיכ אַרײַנ דורכ דער קעגנוואַרט אינ דער צוקונפט. אַזוי־אַרומ לאָזט ער אַרויס־שטראַלנ דאָס שטענדיקע, דאָס דויערהאַפטיקע, דאָס עפּישע פונעמ פאָלק. דעריבער איז אָט דער ספּעקטאַקל געוואָרנ פאַרנ צושויער א מינ אייגנאַרטיקער בוכ פונ גוירלעס, א בוכ פונ יִדישנ עפּאָס, וואָס דערציילט וועגנ איינעמ פונ די סאַמע פינצטערע פּעריאָדנ אינ דער געשיכטע פונ די יִדנ אינעמ צאַרישנ רוסלאַנד. דעריבער איז ער געוואָרנ איינער פונ די סאַמע באַליבטע ספּעקטאַקלענ אינ טעאַטער.

אינ דעמ פּראַט האָט דער טעאַטער, אויסער די גענִיאַלע פאָלקס־טימלעכע טעקסטנ פונ שאָלעמ־אַלייכעמענ, צו פאַרדאַנקענ דער אײַ־דיִיענפולער און מײַסטערישער רעזשי פונ מיכאָעלסנ.

13

מיכאָעלס באַמ רעזשיסער־טישל. אַפ א העלפט אָנגעטאָנ אינ טעוויעס קאָסטיומ זיצט ער באַמ רעזשיסער־טישל אינאיינעמ מיט דעמ קינסטלער ראַבינאָוויטש, און זיי קאָרעגירנ די באַלויכטונג. שטראָמענ ליכט פונ די פּראָזשעקטאָרס ציִענ זיכ, ווי לאַנגע פענדז־לענ, און וואַרפנ אָנ די נייטיקע ניואַנסנ אַפ דעמ גרויסנ מאָנומענ־טאַלנ לײַוונט פונעמ מאָסקווער יִדישנ מעלוכע־טעאַטער, וואָס גייט שוינ צומ סאָפ, וואָס וואַרפט אַפ זיכ אַרויפ די לעצטע איינצלהײַטנ, די לעצטע דעטאַלנ און וואָס הייסט „טעוויע דער מילכיקער”.

מיכאָעלס באַמ רעזשיסער־טישל. האַלב־אָנגעטאָנ אינ טעוויעס

קאָסטיומ. דאָ זעענ מיר די ריזיקע געשטאַלט פונ מיכאָעלסנ בא זײַנ וואַרשטאַט. ריכטיקער — בא זײַנע וואַרשטאַטנ. אי דעמ אקטיאָר אי דעמ רעזשיסער. מיר זעענ אימ אינ דער וווּנדערלעכער האַרמאָניע פונ בײדע עלעמענטנ, וואָס ער האָט אינ זיכ אַזוי גרויסאַרטיק־קינסטלעריש פאַרײניקט. זײַנ פּאָנעמ איז נאָכ ניט גרימירט. אינ זײַנ הויכנ שטערנ שפּיגלט זיכ אָפּ דאָס ליכט פונ די פּראָזשעקטאָרס. אונ ווי א סימבאָל וואַקסט פאַר אונדז אויס די נײַע שאָלעמ-אליי-כעמ-געשטאַלט, וואָס מיכאָעלס ברענגט ווי א גליקלעכע גערעטעניש פונ זײַנ גרויסנ אקטיאָרנ-וועג. דאָס שטאַרקע געזיכט מיכאָעלסעס, דאָס ראָדעניש־אויסגעהאַקטע אונ אויסדרוקפולע, אונטער דעמ הויכנ ליכטנדיקנ שטערנ, וואָס רעדט וועגנ גרויסער אונ רויִקער פאָלקס-כאָכמע, — אונ טעוויעס קאָסטיומ. אַזוי האָט מיכאָעלס אײַנגעטײלט די צוזאַמענשאַפט מיט טעוויענ דורכ דעמ הויכנ געני פונ שאָלעמ-אלײכעמענ.

טעוויעס פאָלקס-עמאָציע אונ מיכאָעלסעס פאָלקס־אינטעלעקט!
אינ זאַל איז אויסגעלאָשנ דאָס ליכט.

אומבאַמערקט בלײַבט ניט מיכאָעלס. ער איז שוינ באַמ אָרקעס-טער. עפּעס זאָגט ער זײער שטיל פּולווערנ:

— אַנ איבעריקער טאַקט.

פּולווער דרײט אויס דעמ קאָפּ צו מיכאָעלסנ. אונ אַזוי אַפּנ ווונק — מיט אײנ אויג צומ אָרקעסטער אונ מיט דעמ צווײטנ צו מיכאָעלסנ — ווערט געבוירנ די אײַנשטימיקײַט, אונ עס עפנט זיכ אוּפ דער פאָרהאַנג.

איצטער זעענ מיר מיכאָעלסנ דעמ גרויסנ אקטיאָר, דעמ אָפּגע-שוווּמענעמ פונ זײַנ רעזשיסור, ווי פונ א גרויסנ וווּנדערלעכנ האַפנ. מיר זעענ אימ אַפּ טעוויע דעמ מילכיקנס אָרעמענ פערד־אונ־וואָגנ. וואָס אַפּ אימ איז ער נאָרוואָס אָנגעקומענ פונ יעהופּעצ, אָנגעשטאָפּט מיט נײַס, מיט נײַס פונעמ קײסערס מאַניפעסט.

א װאָגנ מיט נײַעמ אונ מיט צאָרעס!

נאָר נישקאָשע... טעװיע װעט שױנ װי-ניט-איז באשטאטנ דעמ װאָגנ צאָרעס, װאָס ער האָט געבראכט פונ דער װעלט... ער װײסט נאָר בלױז ניט װעגנ די צאָרעס, װאָס װארטנ אפ אימ אינ דער הײמ... די טעכטער אונ דער „לעכ-לעכאָ"...

אונ דאָ הײבט זיכ אָנ מיכאָעלס. דאָ הײבט זיכ אָנ די גרױסע געלײַטערטקײַט פונ דוירעס, װאָס שאָלעמ-אלײכעמ האָט געלאָזט דורכלױכטנ דורכ טעװיעג אונ װאָס מיכאָעלס האָט אזױ גליקלעכ-קינסטלעריש ארױסגעפירט פונ טעװיעס הױז, פונ טעװיעס מיש-פּאָכע, פונ טעװיעס פּאָטערלעכנ צאר אונ עס דערהױבנ צו דעמ צאר פונ א פאָלק אונ דעריבער צו דעמ צאר פונ דער װעלט. אױב אינ אלע אנדערע שאָלעמ-אלײכעמ-ספּעקטאקלענ האָט מיכאָעלס, פּונקט װי זײַנ װונדערלעכער פּארטניאָר זוסקינ, באשאפנ די פּלאס-טישע אײגנשאפטנ פונ דער יידישער נאציאָנאלער פאָרמ, איז אינ טעװיענ אנטפּלעקט געװאָרנ די הײכ אונ די טיפ פונעמ יידישנ פאָלקס-מענטש, פונ זײַנ אינסטינקטיװער נעטיע צו פרײַהײַט, דיק-טירט פונ העכסטנ הומאניזמ.

דורכ טעװיענ האָט אונדז מיכאָעלס דערטראָגנ דאָס גרױסע הארצ פונעמ פאָלק. א געלײַטערטס אינ א סאכ דוירעס פּײַנ. אָבער אזױ װערט פּײַנ אופגענומענ פונ גרױסער פאָלקס-כאָכמע. טעװיעס פּײַנ װערט דורכ מיכאָעלסנ דערהױבנ צו גרױסער דערקענטעניש-פרײד, אינ מיר דערזעענ פאר זיכ דאָס פאָלק. ער װערט דערהױבנ צו דער העכסטער מאדרײגע פונ גלײבנ אינ דער גערעכטיקײַט פונ „טעװיעס טעכטער", װאָס װילנ ניט, ס'זאָל זײַנ א פאָלק װעגנ ייד אונ ניט-ייד, װעגנ אָרעמ אונ װעגנ רײַכ. דאָס אלצ דערגרײכט מיכאָעלס אינ דער װונדערלעכער מיזאנסצענע פונ געזעגענונגענ זיכ מיט האָדלענ, װאָס גײט אװעק מער אינ דער רעװאָליוציע אײדער צו פערטשיקנ, דערמיט, װאָס ער פארטעמפּט אינ זיכ דעמ װײטעק מיט אנ אױסרופ:

„גאָלדע“. ווײַל גאָלדע ווייסט שוין אויך, אז ניט נאָר טעוויע זאָגט א פּאָסעק, נאָר איר טאָכטער האָדל אויך... און דער פּאָסעק איז: און אז די קוואָקע קוואָקעט, זאָלן די קאָטשקעלעך ניט שווימען?..

און דאָ ווערט אנטפּלעקט דאָס פאָלק, דאָס האָרעפּאשנע פאָלק, וואָס האָט געבענקט נאָך פרײַהײַט און האָט פאר אָט דער בענק־שאפט אָפּגעגעבן דאָס בעסטע, וואָס ס'האָט פארמאָגט, — די קינ־דער!..

— כאוועך! — שרײַט אויס טעוויע צו האָדלען, ווען זי איבער־צײַגט אים מיט אירן א פּאָסעק, וואָס ווײַזט זיך ארויס ניט ערגער, אויב ניט בעסער פון א סאך פּסוקים, וואָס טעוויע האָט זיי גע־יארשנט פון דוירעס, אָדער ריכטיקער, וואָס דרינגט ארויס פון דער פאָלקס־כאָכמע, וואָס מיט איר איז אזוי איבערגעפולט טעוויע דער מילכיקער...

און דעם דאָזיקן „כאוועך“ מיט האָדלען האָט מיכאָעלס געשלאָסן שוין ניט בלויז ווי טעוויע, נאָר ווי דער גרויסער פאָלקס־ארטיסט פון דעם פארבאנד און ווי דער בירגער פון אונדזער גליקלעכן היימלאנד, געשלאָסן מיט פרייד און מיט באלויבונג פון איין און צוואנציק יאָר סאָציאליסטיש גליק פון פעלקער, מיט גרויסער קינסט־לערישער פּערספּעקטיוו פון גלייבן אין אָט דער כאוועךשאפט און פון רעאלן פילן, אז די כאוועךשאפט האָט געמוזט קומען און איז געקומען — ניט נאָר צווישן טאטע און טאָכטער, נאָר צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק, אזוי ווי ס'איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער מישפּאָכע פון פעלקער, וואָס טראָגט דעם גליקלעכן נאָמען — פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקן!

און ווײַל טעוויע האָט געהאט דעם גרויסן פאָלקס־מוט ארויס־באגלייטן זײַנע טעכטער אין דער רעוואָליוציע מיט א פריש־אָפּגע־באקענעם ליגן פאר גאָלדען ווען „יערושע“, פונקט ווי ער האָט אָפּ־געבאקן דעם ליגן האגאָדל האגיבער ווערהאנוירע פאר גאָלדען, ווען

ער האָט האָדלען מיט זײַנע הענט געדאַרפט אַרויסרײַסן פון לייזער־
וואָלף דעם קאַצעוו, ווו ס'זײַנען איר פאָרגעשטאַנען פולע ספּיזשאַר-
ניעם מיט שמאַלץ און א בורנעם מיט קעץ און א בורנעם מיט
שליאַמעס, — פון אָט דעם גאַנצן מאַיאָנטעק קליינשטעטלדיקן האָב-
און־גוטס, וואָס וואָלט איר סערווירט געוואָרן מיט פּייסעכדיקן
שמאַלץ, און זי אָוועקשיקן נאָך איר געליבטן קיין סיביר, וואָס קומט
אָפּ זײַן שטראָף און וואָס פון דאָרט איז דער וועג אין דער רעוואָ-
ליוציע געווען א דירעקטער, — ווײַל טעוויע האָט אַזוי פּאָטערלעכ-
צאַרט אַרויסבאַגלייט זײַנע טעכטער, באַגיסנדיק איבערוויניק זיך מיט
בלוט, אָבער קיינער זאָל ניט זען, און האָדל זאָל ניט זען, ס'זאָל
איר גרויסער טרויעריקער וועג ניט פאַרשטערט ווערן, — מיט דעם
האָט ער זיי אָפּגעגעבן דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין האָרעפּאַש-
נעם פאָלק, און זיי, די טעכטער, האָבן מיט שטאָלץ און מיט מע-
סיראַס־נעפעש געקאָנט אַריבערטראָגן אַלץ, וואָס ס'איז נאָכהער
פאָרגעשטאַנען צו אַריבערטראָגן פאַר דער רעוואָליוציע.

אָט אַזוי האָט מיכאָעלס אויפגעשטעלט די קאָנצעפּציע פון טע-
וויען. אָט אַזוי האָט ער זײַן קאָנצעפּציע געלאָזט באַוואַקסן ווערן מיט
לײַב און מיט בלוט פון אַלע אָנטיילנעמער אין ספּעקטאַקל, אַזוי איז
געקומען צום קינסטלערישן אויסדרוק די גרונט־אידיי פון זײַן
רעזשי — דאָס פאָלק! די אייגנאַרטיקײַט פון זײַן טראַגישער געשיכטע.

14

פון אַזאַ מין פאַרשטייען די יידישע געשיכטע און די וועגן, דורך
וועלכע זי גייט, דרינגט אַרוים דער כאַראַקטער פון מיכאָעלסעס
שוישפּילערישער קונסט.

עס גייט ביז איצט נאָך אָן א שעפערישער שטרײַט, צי איז מי-
כאָעלס א טראַגישער אַרטיסט אָדער אן אַרטיסט א קאָמיקער. מע מוז
זיך וואָס גיכער פון אָט דעם שטרײַט אָפּזאָגן און פעסטשטעלן, אַז מי-



מיכאָעלס אינ דער ראָל פונ דעמ טויבנ אינ דער פיעסע
„דער טויבער" פונ ד. בערגעלסאָנ.

כאָעלס איז פריִער פאַר אַלצ אַ קינסטלער אַ שוישפּילער, וואָס האָט אינ זיכ אַרײַנגעזאַפּט דאָס אומגעהייער־טראַגישע אונ די אומגע־הייערע לעבנספעיִקײַט אונ לעבנסדאָרשטיקײַט פונ זײַנ פאָלק. אונ דאָס האָט פריִער פאַר אַלצ באַשטימט זײַנ וועלט־אָנשויונג אונ וועלט־עמפּינדונג, אונ פונדאַנענ האָט זיכ אויסגעשטראַלט זײַנ „אַמפּלואַ”, דער קינסטלערישער טאָכ אונ כאַראַקטער פונ זײַנ שוישפּילערישער קונסט אַלס אַ טעאַטראַל־קינסטלערישער אינטערפּרעטאַטאָר פונ דער יִדישער געשיכטע, וואָס מיט איר איז ער אומיטלבאַר פאַרבונדנ, ווי אַ בירגער אונ ווי אַנ אָנטיילנעמער אינ אירע געשעענישנ. אונ אַלס העכסטער נאַציאָנאַלער קינסטלער אַקטיאָר האָט ער, פאַרשטענ־דלעכ, פריִער פאַר אַלצ אָפּגעשפּיגלט אינ זײַנ קונסט די געשטאַלט פונ זײַנ פאָלק, אונ דאָס אַליינ גיט אַנ אויסשעפּנדיקנ ענט־פער אַפ דעמ שטרײַט, צו וועלכנ זשאַנר געהערט מיכאָעלס אַלס אַקטיאָר.

אונ אינ דער טעוויע־געשטאַלט האָט מיכאָעלס עס באַשטעטיקט מיט דער מאַקסימאַלער קראַפט פונ זײַנ קינסטלערישער אַנזאַמבלונג אינ טעאַטער אינ פאַרלויפ פונ די ערשטע צוואַנציק יאָר. יעדע איינציקע געשטאַלט, וואָס מיכאָעלס האָט אָפּגעשפּילט אינ מעשעכ פונ אָט די צוואַנציק יאָר, איז געקומענ נאָכאַמאָל אופגעלעבט צו ווערנ דורכ אָט דער צענטראַלער טעוויע־געשטאַלט, איז געקומענ ווי אַ לעבעדיקער צושטײַער, איז געקומענ ווי אַ לעבעדיקער איידעס פונ זײַנ גרויסנ אַקטיאָרישנ וועג. אָבער מיכאָעלס האָט פונ זיי אַלע־מענ גענומענ בלויז דאָס, וואָס האָט זיכ אינ פאַרלויפ פונ יאָרנ אויסגעלײַטערט אונ דעסטילירט, אונ עס קינסטלעריש פאַרווענדט אינ אָט דער גענעראַלער געשטאַלט זײַנער פונ זײַנ גרויסער אונ רײַכער גאַלעריי.

צי האָט מיכאָעלס ניט געהאַט קיינ גרעסערע קינסטלערישע ניסיונעס אַפ זײַנ קינסטלערישנ וועג? יאָ! ער האָט געהאַט! אונ

דאָס איז געווענ דער קיניג ליר, וואָס ער האָט מיט אזא אומגעהייערער דרייסט אונ געוואגטקײט באוויזנ. דאָרט, אינ קיניג ליר, האָט מיכאָעלס באדארפט אופגיינ אפ א בארג, אפ א הויכנ בארג פונ די גרעסטע מענטשלעכע לײדנ. אונ ער איז אופגעגאנגענ — מיט גרויסער קינסטלערישער זיכערקײט אונ געוואגטקײט. אינ טעוויענ איז דער גרויסער בארג פונ מענטשלעכע אונ נאציאָנאלע לײדנ אונטערגעגאנגענ אלײנ אונטער מיכאָעלסעס פיס. אימ איז נאָר אויסגעקומענ צעלײגנ אפ אימ א פײער, מע זאָל נאָכאמאָל דערזענ, אז אָט דער אומגעהייערער בארג פונ מענטשלעכע אונ נאציאָנאלע לײדנ לײכט זיכ, אז פונ זײנ טיפ זעצט א שײנ. אונ דאָס האָט מיכאָעלס אָפגעטאָנ בישלימעס אונ מיט גרויסנ פאָלקס־בארופ. ער האָט אָט די שײנ באוויזנ אינ טעוויענ, ווי א טאטע, ווי א ייד אונ ווי א ביהגער.

15

נאָכ טעוויענ, מיט וועלכנ מיכאָעלס האָט באקרוינט זײנ גאלעריי געשטאלטנ פונ דער יידישער קלאסיק, אונ נאָכ קיניג ליר, מיט וועלכנ ער האָט אזוי הערשיטערנדיק אָנגעהויבנ די גאלעריי געשטאלטנ פונ דער וועלט־קלאסיק, האָט זיכ געקאָנט אויסדאכטנ, אז אָט דער מערקווירדיקער בינע־קינסטלער האָט ניט וואוהינ צו גײנ ווײטער.

אינ די דאָזיקע צוויי געשטאלטנ האָט ער דערגרייכט אזא קינסטלערישע הייכ, אזא שלימעס אינ די פסיכאָלאָגישע צייכענונגענ זײנע, אזא ווונדערלעכע הארמאָניע פונ אלע זײנע קאָמפאָנענטנ, אז ער האָט געמוזט לויט אלע ווארשײנלעכקײטנ אנטדעקנ אינ זיכ א נײע קוואליטעט אפ אריבערשפאנענ דעמ רוביקאָנ, דעמ ראנד, צו וועלכנ ער איז דערגאנגענ אינ זײנ שוישפיל.

א נײע קוואליטעט אָדער א נײע אמפלוא.

אין ביידע פאלן זאָל זי זײַן אדעקוואט צו זײַן אקטיאָרישער קונסט.

נעענטער פון אלץ איז געלעגן — נעבן אים — די רעזשי, פּאראלעל מיט וועלכער ער איז דורכגעגאנגען דעם גאנצן אקטיאָרישן וועג זײַנעם.

אָבער אין אים האָט געריַפט און זיך געצײַטיקט דער געזעל־שאַפטלעכער טוער, דער גרויסער בירגער, דער טריבון.

און אין די דראמאטישע יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן אויסוואל:

דורך וועלכע קאנאלן אויסלאָדן די ברויזנדיקע ענערגיע?

דורך דער בינע צי דורך דער טריבונע?

דורך ביידע! דאָס איז געווען דער קאטעגאָרישער אימפּעראטיוו פונעם קינסטלער, בא וועלכן דער בירגער וואקסט פון דער קונסט און די קונסט — פונעם בירגער. די דאָזיקע איינהײַט האָט זיך נאָך קינסטלעריש דעמאָנסטרירט אין „טעוויען".

און דאָך האָט אין טעוויען מיכאָעלס באוויזן ניט מער, ווי די קינדהײַט פונעם יאָרהונדערט. ערשט דעמלט איז אים פאָרגעשטאנען ווידעראמאָל אופגיין אַפ א בארג. אים איז פאָרגעשטאנען אופגיין אין דעם אָנהייב מיטעלע יאָרן פונעם גרויסן סאָציאַליסטישן יאָר־הונדערט, אין דער פאָרמאציע פונעם נײַעם סאָציאַליסטישן מענטשן. שוין ניט אין טעוויע דעם מילכיקן, נאָר אין טעוויעס זין, אין די ווידערגעבוירענע זין פונעם יידישן פאָלק, וואָס האָבן צוזאמען מיט די בעסטע זין פון אלע פעלקער אויסגעפילט און פארווירקלעכט דעם טרוים פון זייערע האָרעפּאַשנע טאטעס, פון די געיאָגטע און געפּלאָג־טע פאָלקס־מאסן. אים איז פאָרגעשטאנען קינסטלעריש אופגיין אין דער פאָרמאציע פונעם נײַעם סאָציאַליסטישן מענטשן, דעם בויער, דעם פּאטריאָט, דעם רויטארמייער, דעם העראָלד פון קאָמוניזם, דעם אנטיפאשיסטישן קעמפער — און דאָ האָט זיך זײַן קינסטלערישער

און געזעלשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט שוין ניט געקאָנט אַריינלייגן אין די ראַמען פון דער טעאַטראַלער סצענע.

און זיין שעפערישער גייסט האָט אַ שוועב געטאָן ווייט אַריבער דער סצענישער ראַמפּע.

און מיט דער גאַנצער באַוואָפענונג פון אַ גרויסן קינסטלער, מיט דעם גאַנצן אַרסענאַל פון זיין פאַרשיידנאַרטיקן געווער, מיט דער וווּנדערלעכער מייסטערשאַפט פון אַ באַגאַבטן טריבון און אין דער ערשטער ריי מיט זיין גרויסער בירגערלעכער כאַכמע האָט ער אין זיין אייגענער פערזאָן, אָן אַ סופליאָר און ניט אויף דער סצענע אָנגעהויבן — ניט שפּילן, נאָר לעבן דאָס לעבן פונעם נייעם סאָציאַליסטישן מענטש פון אונדזער לאַנד, ניט אין אַרויסגעלייענטע פון דראַמאַטורגישן טעקסט, נאָר דירעקט פון לעבן.

דעם דאָזיקן נייעם מענטש האָט מיכאָעלס פאַרקערפּערט מיט זיך אויף הונדערטער טריבונעס פונעם לאַנד, אָנהייבנדיק פון קינסטלערישע און טעאַטראַלע ביז די סאַמע אומדערוואַרטסטע — אין מיליטערישע גאַרניזאָנען, אויף זאַוואָדן, צווישן געלערנטע, בײַ דער יוגנט און אומעטום — מיט זיין אייגענעם און אייגנשאַפטלעכן גלאַנץ. אומעטום — באַגייסטערט און מיטרייסנדיק, אומעטום — באַפליגלט.

דער נייער מענטש איז נאָך ניט רייף אין דער דראַמאַטורגיע, נאָר ער איז שוין רייף מיט טאַט און טראַדיציעס אין נייעם סאָציאַליסטישן שטייגער, אין לעבן; איז דירעקט — צום לעבן.

אַזוי איז אין מיכאָעלסן דעם קינסטלער אַנטפּלעקט געוואָרן מיכאָעלס דער געזעלשאַפטלעכער טוער, מיכאָעלס דער טריבון.

אנ אויסגעכאָוועטער פונ דער רעוואָליוציע אונ א פארפעסטיק-טער פונ אירע שלאכט-טראדיציעס, האָט מיכאָעלס פארשטאנענ די קונסט, ווי א שלאכט, וואָס מע מוז געווינענ, ניט נאָר אפ דער בי-נע, נאָר אינ לעבנ.

ער האָט פארשטאנענ דראמאטורגיע ניט נאָר ווי פארטיקנ טעקסט פונעם אווטאָר, נאָר ווי קויכעס, וואָס באוועגנ דאָס לעבנ, אינ וועל-כע ער איז זיכ מעכויעוו ארײַנמישנ מיט זײַנ דייע, ווי א צאר; אק-טיוו, ווי איינער פונ די דאָזיקע באוועגנדיקע קויכעס. אונ פונ דאָרט, פונעם לעבעדיקנ לעבנ, זיכ אריבערטראָגנ אינײַנעם מיטנ אווטאָר אפ דער בינע.

אזוי איז, צום בײַשפּיל, פריער אויסגעוואקסנ זײַנ אנטיפאשיסטי-שע טעטיקײַט אונ נאכהער — זײַנע אנטיפאשיסטישע ספעקטאקלענ.

איינער פונ די סאמע פאָרגעשריטענע אנטיפאשיסטישע שלאכט-לײַט, וואָס האָט האנט-בא-האנט מיט די בעסטע זינ פונ רוסלאנד זיכ געשלאָגנ אינ דער צײַט פונ דער גרויסער פאָטערלענדישער מיל-כאָמע, איז ער אזויארום אויסגעוואקסנ אינ דעמ אָנפירער פונעמ יידישנ אנטיפאשיסטישנ קאָמיטעט, בעראָש פונ וועלכנ ער איז גע-שטאנענ פונעמ ערשטנ טאָג פונ זײַנ עקזיסטענצ, אונ ווי זײַנ פאָר-זיצער, האָט ער אינ זײַנ הויכנ, נאָבעלנ דינענ דעמ פאָלק אָפגעגעבנ פאר דעמ פאָלק דאָס לעבנ.

ביז איצטער קלינגט נאָכ זײַנ לײַדנשאפטלעכ קאָל, אָנגעזוע-טיקט מיט וויי אונ מוט, מיט פײַנ אונ צאָרנ, וואָס האָט דורכגע-שניטנ דעמ אָנהייב-הארבסטיקנ אָוונט — אווגוסט 1941 אפנ ערשטנ יידישנ אנטיפאשיסטישנ מיטינג אינ מאָסקווע.

זײַנ קאָל האָט זיכ דעמלט געווענדט צו די יידנ פונ דער גאנ-צער וועלט, ווי פונ א פולבארעכטיקטנ פאָרשטייער פונעמ פאָלק:

„יידנ, ברידער מײַנע!

מיכאָעלס שרײַבט אונטער די ווענדונג „צו די ייִדן פון דער גאנצער וועלט“

אף אײַך און אף די צאפּלדיקע לײַבער פון אײַערע זין און טעכ־טער האָט היטלער געשארפט זײַנ מערדערישנ כאלעפ.

אפּנ גוירל פון צענדליקער און טויזנטער ייִדן האָט היטלער אויסגעפּרוווט די קראפט פון זײַנ גיפט, אנטוויקלט און באשטעטיקט זײַנ באַרוף פון א קאניבאל.

די וועלט קרעכצט און גרוילט צוליב דער שיקערער וואקכאנא־ליע פון די דאָזיקע בלוטיקע הענקער.

און הײַנט, ווענ דאָס גרויסע סאָוועטישע פאָלק שטייט אינ שלאכט קעגנ דער באוואָפנטער באנדע פאשיסטישע מערדער; הײַנט,

ווען די גאנצע וועלט האָט באשלאָסן נעמען אונטער איר שוץ די פארשקלאפטע, אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע פלאָגן זיך אונטערן יאָך פונעם צעיושעטן פאשיזם, — היינט האָט געשלאָגן די שאָ אויך פאר דיר, אלט מארטירער־פאָלק, אין וועלכע עקן וועלט דיינע זין זאָלן ניט זיין צעזייט. איז הער אונ פארנעם! א סאָף! גענוג שוין צו זיין א קאָרבן, שוין צייט אופהערן ארויסשטעלן פאר דער וועלט די אָפענע וווּנד און דערמיט וועקן צו זיך מיטלייד און ראכמאָנעס".

אין די דאָזיקע ווערטער דערגייט מיכאָעלסעס בירגערלעכער פאַ־טאָס צו דער העכסטער מאדרייגע.

דאָ זעען מיר אין אים דעם טרעגער פון דער גאָלדענער יערושע פון די סאמע אוראלטע צייטן, א דערטראָגענע אין זויבערע פאָרמען און פארוועגדטע ווי א ווונדערלעך געוועב פונעם סאמע מאָדער־נעם קעמפער.

דאָס ליידנשאפטלעכע וואָרט זיינס, געווענדט צו די געיאָגטע יידן, איז אין דער זעלבער צייט צו אלע געיאָגטע פון דער וועלט. עס רייסט זיך ארויס פון די נאציאָנאלע ראמען. די נאציאָנאלע פאָרם העלפט אים בלויז קומען צו דער העכסטער קינסטלערישער שליימעס.

און ווייטער:

„אין אונדזער פרייען ראטנלאנד איז אויסגעוואקסן א נייער, א שטאָלצער דאָר — א דאָר, וואָס האָט איינגעזאפט אין זיך די גרוי־סע פראָגרעסיווע אידייען פון דער מענטשהייט; א דאָר, וואָס האָט געיארשנט די רייכסטע קולטור־אוצרעס פון זיין אייגן פאָלק, ווי אויך פון דער גאנצער מענטשהייט; א דאָר, וואָס האָט מיטן גאנצן וועזן באגריפן, וואָס הייסט היימלאנד, ווייל דאָס ראטנלאנד איז גע־וואָרן דאָס פאָטערלאנד פאר אלע פעלקער, וואָס באוווינען אים.

אזא דאָר ווייסט ניט פון קיין שרעק!

אזא דאָר קאָן זיך ניט פילן ווי א קאָרבן!"

דעם האַזיקן מערקווירדיקן טעקסט האָט מיכאָעלס ניט אויס־געלייענט אין דער דראמאטורגיע, נאָר אין זײַן פלאמענדיק הארץ פון א ייִד, פון א בירגער פונעם גרויסן ראטן־פארבאנד, ווי א גרויסער סאָוועטישער קינסטלער, בא וועלכן די קונסט איז ניט אָפּגעטיילט פונעם לעבן, וועלכער שעפּט זײַן באגײַסטערונג אין לעבעדיקן קאמף פאר די אידייען פון זײַן צײַט.

אזוי האָט מיכאָעלס דער אקטיאָר, וואָס אף דער סצענע האָט ער פלאסטיש פארקערפּערט די סענטענצן פון די קלאסיקער, זיך פארוואנדלט אין א קלאסישן אָראטאָר און טריבון, ווען ער האָט בעשאס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אויסגעביטן דעם דראמאטישן טעאטער אף דעם שלאכט־טעאטער.

דאָ האָבן מיר אין אים דערזען זײַן נײַע וווּנדערלעכע געזעלשאפטלעכע פארוואנדלונג: מיכאָעלס דער אקטיאָר אין דער ראָל פון מיכאָעלס דעם בירגער, דעם סאָוועטישן פאטריאָט, דעם פלאמיקן אנטיפאשיסט, דעם פאָרשטייער פון דער נײַער סאָציאליסטישער געזעלשאפט; אָן רעקוויזיטן און אָן גרים; ניט בא זיך אין ארטיסטנצימער, נאָר אף די גרויסע סאָוועטישע טריבונעס און אף די טריבונעס פון אייראָפּע און אמעריקע.

און דאָ איז פאר אונדז אינעם קינסטלער מיכאָעלס אנטשטאנען א לײַדנשאפטלעכער, א טאלאנטפולער קעמפער פאר דער מענטשהײַט, פאר דער קולטור, וואָס ווערט כאָרעוו־וועגעכרעוו דורך די פאשיסטישע קאניבאלן.

און בלויז דערפאר, וואָס זײַן הארץ האָט געברענט מיט לײַדנשאפטלעכן קאמף פאר דעם מענטשלעכן עמעס, פאר דער סאָציאַלער גערעכטיקײַט, האָט מיט אזא דערשיטערנדיקן עמעס אדורכגעקלונגען זײַן וואָרט אף דער בינע. און דערפאר איז דאָס וואָרט זײַנס אזוי טרעפלעך דערגאנגען צום הארץ פון צושויער — סײַ בא אונדז

מיכאָעלס אין דער ראָל פון קיניג ליר אין דער פּיעסע
„קיניג ליר״ פון וו. שעקספּיר.



מיכאָעלס אין דער ראָל פון יוליס אין דער פיעסע „פיר טעג״
פון מ. דאניִעל.

אינ לאנד סײַ אינ אמעריקע אונ אינ אנדערע לענדער, וווהינ ער איז געשיקט געוואָרנ אינ 1943־טנ יאָר אלס פאָרשטייער פונעמ סאָוועטישנ ייִדנטומ.

פונ ביניאָמינ האשלישיס ראָמאנטישער נעסיע אינעמ ייִדישנ עפּאָס, אינ דעמ טרויט וועגנ א היימלאנד, וואָס מיכאָעלס האָט מיט אזויפיל גלאנצ אָפּגעשפּילט אפ דער בינע פונעמ ייִדישנ מעלוכע־טעאטער, ביז זײַנ געזעלשאפטלעכ־פּאָליטישער רײַזע קיינ אמעריקע, קעדײַ צו עפענענ פאר די פעלקער פונ די פארייניקטע שטאטנ דעמ טרוימ אונ דעמ עמעס וועגנ דעמ ראטנ־פארבאנד, וואָס ער, ווי א זונ פונעמ ייִדישנ פאָלק, האָט מיט זײַנ פאָלק אינאיינעמ דערוואָרבנ, ווי דאָס איינציקע פאָטערלאנד פונ אלע געפלאָגטע פעלקער אינ דער וועלט.

אונ אָט אזוי, אינ זײַנ אייגענער געשטאלט, האָט ער זיכ בירגער־לעכ אונ קינסטלעריש אנטפלעקט אפ די שלאכט־פּאָזיציעס פונ אנ־טיפאשיסטישנ קאמפ, ווו ער האָט מיט גרויס באגײַסטערונג אונ מיט גלענצנדיקנ געדאנק, מיט הארצ אונ מיט כאָכמע, מיט ראציאָנאליסטישער באדאכטקײט אונ מיט איבערראשנדיקער עמאָציאָנעלקײט ביזנ לעצטנ אָטעמ אונ מיטנ לעצטנ הויכ געדינט דעמ סאָוועטישנ פאָלק אונ זײַנ היימלאנד אינ די יאָרנ פונ דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, ביז ער איז געפאלנ אפנ פּאָסטנ פונ א סאָלדאט, אנ אנטיפאשיסטישנ קעמפער.

אזוי האָט מיכאָעלס געפונענ דעמ סינטעז פונ טרוימ אונ ווירקלעכקײט. פונ לעבנ אונ קונסט.

אזוי האָט ער אימ ארופגעטראָגנ אפ דער בינע.

פונקט ווי זײַנ וואָרט איז דערגאנגענ צומ הארצ פונ אלע זײַנע אודיטאָריעס, אזוי איז אויכ דערגאנגענ צומ הארצ פונ פאָלק זײַנ פלאסטישער זשעסט, זײַנ געוויגענע באוועגונג, זײַנ קינסטלערישער רעמעז.

און מיט אַט די וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן האָט ער באַלעבט די ספּעקטאַקלען, אין וועלכע ער האָט געשפּילט, און אויך יענע, וואָס ער האָט אַליין געשטעלט.

דאָ מוז געזאָגט ווערן, אַז פון ספּעקטאַקל צו ספּעקטאַקל איז מיכאָעלס געוואַקסן אַלס רעזשיסער. פאַר די לעצטע צען יאָר געהערן אַלע גאָסעטישע דערפאָלגן אַפן געביט פון רעזשיסור אויסשליסלעך אים אַליין.

17

שוין אין „מאַלצײַט" האָט זיך אָנגעמערקט זײַן אייגנאַרטיקער צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון רעזשי.

דאָס לעצטע בילד אין „מאַלצײַט" איז לויט דער קאָמפּאָזיציע, לויט דער עקספּרעסיע, לויט דער סטרוקטוראַרטיקער אויסדריקלעכקייט און, ענדלעך, לויט דער מיטרײַסנדיקער ווירקונג, וואָס סע האָט אַפן צושויער, — אַ שעדעווער פון רעזשיסערישער קונסט.

דאָס זעלבע קאָן מען אין דער גאַנצער מאָס זאָגן וועגן דעם בילד „בײַ די טויערן פון בערלין" אין דער פּיעסע „שלומיע מײַמאָן" פון דאַניעל.

די פּלאַסטיק פון דעם דאָזיקן מיזאַנסצענישן שעדעווער דערפירט די באַוועגונג ביז צו דער מאָדרייגע פון מוזיק. יעדער דעטאַל אין דער דאָזיקער קאָמפּאָזיציע איז באַזינט און ציל-געווענדט און פלעכט זיך האַרמאָניש איבער מיט דער צווייטער דעטאַל און מיט דעם גאַנצן געמעל, און עס דאַכט זיך, אַז יעדער אויסגעשליפענער שטריך האָט שפּראַך און קלאַנג.

אָבער דאָס זײַנען בלויז געווען די טיילווײַזע דערפאָלגן אין מיכאָעלסעס רעזשי, די צוגרייטונגען צו זײַנע גרויסע סצענישע קאָמפּאָזיציעס, אין וועלכע ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער גאַנצער גרייס פון זײַן אייגנאַרטיקער רעזשי-קונסט.

און דאָ דאַרפֿן אָנגערופֿן ווערן דרײַ ספּעקטאַקלען, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר עטאַפּן אין דער קולטור פֿון די גאָסטישע שטעלונגען.

דאָס זײַנען „בלאָנדזשענדע שטערן", „פֿרײלעכס" און „וועלדער רוישן". אין די „בלאָנדזשענדע שטערן" איז מיכאָעלס אַרײַנגעגאַנגען ווי אין זײַן אייגן לעבן. ער איז אַרײַנגעגאַנגען שטיל, ווי מע קומט אַרײַן אין שטוב פֿון טאַטע-מאַמע: נאָך אַ גרויסן איבערײַס, מע קוקט זיך אַרום, וואָס האָט זיך דאָרט געענדערט, ווי זעט אויס די פֿאַרטרויטע אָרעמקײַט, און אַלץ איז מיט אַ דיסטאַנץ, און אַלץ איז דורכגעלײַטערט.

מע דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז מיכאָעלס איז קינסטלעריש אַדורכגעגאַנגען דורך דעם גאַנצן שאָלעם-אַלייכעם-רעפּערטואַר, דורך זײַן גאַנצער דראַמאַטורגיע, פֿון די ערשטע גאָסטישע טריט ביזן טעוויע-אַפּאָטעאָז.

און אומקערנדיק זיך נאָכאַמאָל אַף אַ שעפֿערישער באַגעגעניש מיט שאָלעם-אַלייכעמען, האָט מיכאָעלס געמוזט זוכן אַ נײַעם ראַקורס סײַ אין דעם אופֿשניט פֿון טעקסט סײַ אין דער סצענישער לייזונג.

און אַזאַ נײַעם ראַקורס האָט מיכאָעלס געפֿונען.

דאָס נײַס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיכאָעלס האָט אין די „בלאָנדזשענדע שטערן" אויסגעשטעלט אַלס אַקצענטן סײַ די סאָציאַלע סײַ די פּסיכאָלאָגישע — נישט אַף דעם ראָמאַן פֿון רייזעלע מיט ראַפֿאַלעסקאָן, נאָר אַף דער טראַגעדיע פֿונעם פֿאָלקס-קינסטלער האָצמאַך.

און מיט דעם דאָזיקן געוואַגטן טראָט רײַסט מיכאָעלס אַרויס די טעמע פֿון ענג נאַציאָנאַלע שטייגער און וואַרפֿט זי אין דער טראַגעדיע פֿונעם קינסטלער בכלל אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

האָצמאַכ איז דער הויפּט-העלד פונ די „בלאָנדזשענדע שטערנ“.

ניט דאָס בלאָנדזשענ פונ רייזעלענ מיט ראַפּאַלעסקאָנ איז באַ מיכאָעלסנ דער איקער, נאָר די בלאָנדזשענדיקע בעשאָמע פונעמ אַקטיאָר האָצמאַכ, וואָס איז געפאַנגענ און פאַרמאַשקנט באַ דעמ הענדלערישנ אַנטרעפּרעניאָר אַלבערט שטשופּאַק; די טראַגעדיע פונ דעמ, ווי האָצמאַכ צאַפּלט זיכ אינ די אַנטרעפּרעניאָרישע נעגל; האָצמאַכס אַנמאַכט זיכ קעגנשטעלנ אָט די נעגל. און ענדלעכ — האָצמאַכס טויט.

מיט דער דאָזיקער נײַער קאָנצעפּציע פונ די „בלאָנדזשענדע שטערנ“ איז מיכאָעלס געקומענ נאָכ טעוויענ אַפ א נײַער באַגעגעניש מיט שאָלעמ-אַליכעמענ.

פאָרמעל איז דער ספּעקטאַקל אויסגעבויט, ווי א וויזיע פונ דער ווײַטער קינדהײַט. ווי אונטער א שלייער גייט אַדורכ די גאַנצע האַנדלונג. מיט זייער דינע שטריכנ איז געצייכנט די גאַנצע קאָמפּאָזיציע. עס דוכט, אַז די גאַנצע שפּיל קומט פאָר אַפ א הינטער-פּלאַנ; ערגעצ ווײַט, הינטער די קוליסנ. און דאָס גיט צו דעמ ספּעקטאַקל אַזא אַראָמאַט, ווי דאָס גאַנצע פאָרקומענדיקע אַפ דער בינע וואָלט זיכ געכאָלעמט דעמ צושויער. א שרעקלעכער כאָלעמ פונ דער ווײַטער פינצטערער פאַרגאַנגענהײַט. אָט אַזוי האָט מיכאָעלס סצעניש געלייזט דעמ ספּעקטאַקל „בלאָנדזשענדע שטערנ“, און מיט דעמ האָט ער פאַרענדיקט זײַנ סצענישנ שאָלעמ-אַליכעמ-ציקל, וואָס בלײַבט דער סאַמע פרוידיקסטער און כאַראַקטעריסטישער פאַרנ „גאָסעט“.

דעמ דאָזיקנ ספּעקטאַקל האָט מיכאָעלס געענדיקט שוינ אינ די ערשטע וואָכנ פונ דער מילכאָמע, אינ וועלכער דעמ קינסטלער איז באַגעשטאַנענ פאַרנעמענ גאָר א באַזונדער און אַנ אייגנאַרטיק אָרט — אַלס אָנפירער פונ דער ייִדישער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג.

1

אָנגעזאפט מיט וויטעק פונ דער גרויסער פאָלקס-טראגעדיע, צו וועלכער דער פאשיזמ האָט פארמישפעט מיליאָנענ אינ די קרעמא־טאָריעס, אפ די שײַטער־הויפנס אונ אינ די גריבער, אונ, ווי דאָס גאנצע לאנד, געטרייסט פונ די לעגענדארע זיגנ, וואָס די רויטע אר־מיי האָט אָפגעהאלטנ איבער די דײַטשע קאניבאלנ, — האָט מיכאָ־עלס באשאפנ די צויבערהאפטע פאָרשטעלונג „פריילעכס", אינ וועל־כער עס זײַנענ געקומענ צומ אויסדרוק די לעבנס־דאָרשטיקײַט אונ לעבנס־פעיִקײַט פונ פאָלק. ניט נאָר זײַנ קאָנענ טרוימענ, נאָר זײַנ אקשאָנעסדיקע ניט־אונטערגעבעוודיקײַט. זײַנ — אפ צעזעצעניש די סאָנימ — פריילעכ זײַנ! א יאמ מיט מוזיק האָט מיכאָעלס אויסגע-גראָבנ פונעמ פאָלקס-זיקאָרנ, א גאנצער קאסקאד פונ פאָלקס־טענצ אונ פאָלקס־לידער, אָנגעזויגענע מיט כאָכמע אונ מיט סקעפסיס, מיט פרייד אונ מיט איבערווינדונג, אונ פונ דעמ אלעמענ האָט ער בא־שאפנ א מינ סימפאָנישנ ספעקטאקל, א מינ נאציאָנאלנ קארנאוואל. פונ יעדער מיזאנסצענע האָט געשפריצט מיט בלענדיקער פארביקײַט אונ פרייד, אינ יעדנ אופטריט — א קוואל מיט אומדערווארטער רעגנדיקער פלאסטיק.

אינ דעמ דאָזיקנ ספעקטאקל האָט דער צושויער זיכ אָנגעטרונ־קענ ביז איבער דעמ האלדז מיט פרייד, מיט געזאנג אונ מיט ליכט, אינ וועלכע עס האָט אויכ ניט געפעלט קיינ טרער. פאר דעמ דאָ־זיקנ ספעקטאקל איז דער טעאטער מיט מיכאָעלסנ בעראָש באערט געוואָרנ מיט דער סטאלינ־פרעמיע.

מיט דעמ ספעקטאקל „די זונ פארגייט ניט" פונ אי. פעפער האָט מי־כאָעלס אָנגעהויבנ זײַנ ציקל געטאָ־פאָרשטעלונגענ, צו וועלכע ער האָט זיכ זייער לאנג געגרייט אונ האָט, צומ גרויסנ אומגליק פונ טעאטער, זיי ניט באוויזנ פארווירקלעכנ. ער האָט זיכ געגרייט צו א געטאָ־פיעסע פונ האלקינענ אונ צומ „אלטנ לערער" פונ וואסילי גראסמאנ.

נאָך ס'האָט זיך שוין געגעענטערט די דאטע פונעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליו־ציע.

מיכאָעלס האָט דאן אָפּגעלייגט אַלע זײַנע פּלענער און זיך גענו־מען צו זײַן אָקטיאבערישער פאָרשטעלונג, צו זײַן לעצטער סצעני־שער שאפונג „וועלדער רוישן", וואָס איז געוואָרן דאָס שוואַנ־ליד פון זײַן גרויס אקטיאָרישן און רעזשיסערישן לעבן.

און אין דער דאָזיקער לעצטער שאפונג זײַנער האָט מיכאָעלס ווידער א בלענד געטאָן מיט אן אומגעהייערער רײַכער פּאַליטרע פון א רעאַליסטישן קינסטלער.

צו אזא אָרגאַנישקײַט, צו אזא קלאָרקײַט און הויכער פּאַשטעס איז מיכאָעלס געקומען, ווי צו דעם העכסטן שטאַפּל פון זײַן קינסט־לערישער אייגנארטיקײַט.

אין דער דאָזיקער לעצטער ארבעט זײַנער האָט זיך געפילט, ווי מיכאָעלס האָט געלערנט און ווי קינסטלעריש ער האָט פארדײַט דאָס סאמע העכסטע און דערהויבנסטע, וואָס עס האָט געשאפן דער גרוי־סער רוסישער טעאטער.

דער עמעס, מיט וועלכן דער רוסישער טעאטער האָט איבערראשט די וועלט און אָנגעפילט מיט נײַעם אינהאלט די טעאטער־קונסט ביכלאַל, — אָט מיט דעם האָט זיך מיכאָעלס ארומגעטראָגן, צו־טרעטנדיק צו זײַנע לעצטע פאָרשטעלונגען.

דעריבער האָט ער אומבעראכמאָנעסדיק געטריבן פון דער דרא־מאטורגיע אַלץ, וואָס האָט אים געשטערט קומען אף דער בינע מיט אָט דעם עמעס. באזונדערס איז דאָס אים אויסגעקומען צו טאָן אין דער פּיעסע „וועלדער רוישן", קעדיי זי זאָל זײַן ריין פון דראמאטור־גישע פאָקוסן, ווי די דאָזיקע פאָקוסן זאָלן אן און פאר זיך ניט זײַן בינע־רייצנדיק.

ער האָט זיי ארויסגעטריבנ. ער האָט קימאט איבערגעארבעט דעמ גאנצנ טעקסט. ער האָט צו דעמ מאָביליזירט זיינ גאנצע דערפארונג פונ א מייסטער, ער האָט געשאפנ פריער פאר אלצ צו דער פיעסע אנ אונטערטעקסט. עס זאָל פונ איר פאלנ א שאָטנ. ער האָט אָנגעפילט דעמ טעקסט מיט זיינ אייגענעמ אָטעמ. ער האָט אימ דערווארעמט מיט זיינ קינסטלערישנ הויכ אונ האָט זיכ דערשלאָגנ, אז ווענ מע הייבט אופ דעמ פאָרהאנג, גיט אפ אייכ אנ אָטעמ מיט רוסלאנד, מיט רוסישע וועלדער, מיט זייער לעגענדארישקייט אונ שטילקייט, מיט זייער ווונדערלעכער שיינקייט פונ דער רוסישער פאָלקסמייסע. אָט אהער אינ אָט דעמ וואלד קאָנ קומענ צו לויפנ דער „קאָניאָק־גאָרבונאָק“. אהער קאָנ קומענ די הערלעכע אונ ריינע „שטיפטאָכטער“, ערגעצ דאָ אפ א פניאָק קאָנ זיכ אוועקזעצנ אליאָנושקא. דאָ קאָנ עפעס דערציילנ דער פיקהאָלצ דער כאָכעמ.

אָט דאָ, אינ די וועלדער, אינ זייער שטילקייט, אינ זייער פייערלעכקייט ווערט געבוירנ פאָלקס־גוורע. דאָ איז די גרויסקייט פונ דער נאטור אינ דער גרויסקייט פונעמ רוסישנ פאָלק. דער מענטש באוועגט זיכ דאָ, ווי ס'באוועגט זיכ א דעמב. די פארטיזאנער זיינענ דאָ אינ די וועלדער ניט קיינ געקומענע, נאָר אָרגאנישע טיילנ פונ אָט די וועלדער — לויט זייער פארב, לויט זייער שפראכ, לויט זייער געזאנג. זיי זיינענ היגע, אָרטיקע, אונ איר גלייבט, אז ווענ ס'וועלנ זיכ אופהייבנ די פארטיזאנער, וועלנ זיכ די הונדערטיאָריקע ביימער אופהייבנ מיט זיי. צו אָט דעמ דאָזיקנ עמעס פונ אָרגאניק האָט מיכאָעלס דערפירט דעמ סצענישנ פלאצדארמ פאר זיינ ראָמאנטישער פאָרשטעלונג וועגנ די פארטיזאנער אונ זייער לעגענדארנ קאמפ קעגנ די פאשיסטישע קאניבאלנ באמ סוינע אינ הינטערלאנד — אינ די „וועלדער רוישנ“.

אונ אז מיכאָעלס בויט דאָ אויס א מאסנ־סצענע, זעט זי אויס אזוי אָרגאניש, אזוי נאטירלעכ, ווי עס זעט אויס א טשאטשע שוואלבנ

אפ די דראָטנ, ווענ זי גיט א פלי אָנ און זעצט זיכ אויס. אפ אזא נאטירלעכנ אויפנ אנטשטייענ די מאסנ־סצענעס אינעם ספעקטאקל „וועלדער רוישנ”.

מערקווירדיק, ווי די אידייִשע און געדאנקלעכע מאָמענטנ אינ דער פאָרשטעלונג קומענ מער פונ דער פלאסטיק איידער ווי פונעם וואָרט.

דאָ האָט זיכ מיכאָעלס דער רעזשיסער פארמאָסטנ אינ זײַנ רעזשיסערישער קונסט מיטנ דראמאטורג. דאָ האָט מיכאָעלס דערוויזנ, אז טעאטער איז ניט קיינ „אויספילנדיקע קונסט”, וואָס גייט אײַנגעשפאנט אינ דעם דראמאטורגישנ וואָגנ, ווארפט זיכ אונטער די אָדער יענע קאפריזנ פונעם דראמאטורג, — טעאטער האָט זײַנ אייגענע פלאסטישע שפראכ, זייער אנ אויסדריקלעכע.

און דאָ, אינ דעם דאָזיקנ ספעקטאקל, האָט מיכאָעלס אינ דער פולסטער מאָס געקאָנט אנטפלעקנ זײַנ אקטיווע ארײַנמישונג אינעם וואָרט. דאָ האָט ער אפ א גלענצנדיקנ אויפנ געהאט די מעגלעכקייט מאניפעסטירנ דעם טעאטער, ווי א זעלבשטענדיקע קונסט; איר גלייבט אים, ווענ ער לייזט פלאסטיש א פסיכאָלאָגישנ מאָמענט. איר גלייבט אים, ווענ ער באווײַזט העלדישקייט, ווײַל זי ליגט ניט אָפגעריסנ, ניט איזאָלירט פונ דעם, אפ וועמענ ס'פאלט אויס די דאָזיקע העלדישקייט, נאָר אינ דעם גאנצנ סצענישנ געוועב, אינ דעם פלאסטישנ צווישנ־טעקסט. איר גלייבט אים, ווי איר גלייבט דער מוזיק.

אינ דעם דאָזיקנ ספעקטאקל האָט מיכאָעלס דערגרייכט די איינהייט פונ אלע פלאסטישע קאָמפאָנענטנ. דער געדאנק דרינגט אינ דעם דאָזיקנ ספעקטאקל ארויס פונ זיי — פונ דער מיזאנסצענע, פונ דער פאקטור, פונ דער מאָלערײַ, פונ דער מוזיק. און ערגעצ אפ אָט די דערגרייכטע קינסטלערישע הייכנ גייט ארומ דאָס וואָרט אונטער דער סורדינקע. ווײַל ס'איז ניט נייטיק קיינ פאָרטע. די פאָרטע איז — דאָס טעאטראל־פלאסטישע. אָט אזוי האָט מיכאָעלס געבויט זײַנ לעצטע סצענישע קאָמפאָזיציע.

אונ דעריבער גייט מענ אוועק פונעמ ספעקטאקל, ווי פונ א יאָמטעוו. א יאָמטעוו פונ קונסט, ווּ ס'איז דערצייַלט געוואָרנ מיט די סאמע איבערצייַגנדיקסטע טעאטער־מיטלענ די גרויסקייַט פונ סאָוועטישע פארטיזאנער אינ דער צייַט פונ דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

דאָס איז געווענ דאָס לעצטע וואָרט, וואָס מיכאָעלס האָט געזאָגט אפ דער בינע פונעמ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער. דאָס לעצטע וואָרט, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ מיט ליבע אונ פאטאָס, מיט דערהויבנקייַט אונ מיט ייִראס־האקאָווער, וועלכנ ער האָט געהאט צו אונדזער לאנד אונ צו דער גרויסער סאָציִאליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

דורכ אָט די לעגענדארע וועלדער מיט זייערע עפּישע שלאכטנ, וואָס זייַנענ קינסטלעריש פארקערפערט געוואָרנ אפ דער בינע פונ „גאָסעט“ צו דער גרויסער היסטאָרישער דאטע פונ דער רעוואָליוציע, קוקט אדורכ מיכאָעלסעס גרענעצלאָזע ליבע צומ גרויסנ סאָציִאליסטישנ פאָטערלאנד — די גרענעצלאָזע ליבע פונ א פאטריִאָט אונ דאנקבארנ זונ פונעמ ייִדישנ פאָלק צומ ראטנ־פארבאנד, וואָס האָט אויסגעכאָוועט דעמ געוועזענעמ רעכטלאָזנ ייִדישנ באָכער אינ איינעמ פונ די סאמע מערקווירדיקסטע קינסטלער פונ דער סאָציִאליסטישער עפּאָכע, אינ א פאָלקס־טריבונ אונ אינ א קעמפער פאר די סאמע פאָרגעשריטענע אידייענ פונ אונדזער יאָרהונדערט, פאר וועלכע ער האָט אָפּגעגעבנ זייַנ וווּנדערלעכ לעבנ.

* * *

מיר וועלנ מער קיינמאָל ניט אָנקלאפּנ אינ דער טיר פונ זייַנ באשיידענעמ ארטיסטנ־צימער, ווּ ער, זיצנדיק פארטיפט באמ טיש אונ קוקנדיק אינ שפּיגל, ווי אינ דער געשיכטע, האָט ער פונ איר, פונ דער געשיכטע, ארויסבאקומענ קלאנגענ אונ פארבנ, קעדיי פלאס־

טיש אויסדריקנ אפ זײַנ קלוגנ אונ שטארקנ געזיכט די מעגילע פונ פארגאנגענע דוירעס. אָבער מיר וועלנ קיינמאָל זיכ ניט צעשיידנ מיט זײַנ ביניאָמינ דעמ דריטנ, מיט זײַנ קיניג ליר, מיט זײַנ טעוויע, וועלכע ער האָט אזוי פעסט אונ גרינטלעכ באזעצט אינ אונדזערע הערצער.

מיר וועלנ מער קיינמאָל ניט ווארטנ מיט פארטײַעטנ אָטעמ אפ דעמ פאָרהאנג, אונטער וועלכנ העכער א פערטל יאָרהונדערט האָט געבלענדט זײַנ וווּנדערלעכער טאלאנט פונ קינסטלערישע פארוואנדלונגענ. אָבער זײַנ טרוימערישקײַט, זײַנ באפליגלטקײַט, די זוכערישקײַט פונ זײַנ אומרויִקנ גײַסט וועט אונדז קיינמאָל ניט פארלאָזנ.

מיר וועלנ מער קיינמאָל ניט אָנקלאפנ אינ זײַנ ארבעט־צימער, וואָס איז פארוואלגערט מיט צײַטונגענ, ביכער, זשורנאלנ אונ בריוו פונ אלע עקנ וועלט, נאָר אָנ א קלאפ וועלנ מיר ארײַנגיינ אינ זײַנ ברייט, אָפנ אונ גרויס הארצ פונ א וווּנדערלעכנ סאָוועטישנ בירגער אונ קינסטלער, וואָס עס האָט זיכ ניט צעשיידט מיטנ פאָלק.

איציק פעפער

דער זונ פונעמ פאָלק

צו ווייטעקדיק איז נאָכ די וואונד, אז מיר זאָלנ קאָנענ מיט א ניכטער אויג א קוק טאָנ אפ דעמ לאנגנ און רייכנ וועג, וואָס שלוימע מיכאָעלס האָט דורכגעמאכט פאר זיינ קורצ לעבנ. מיכאָעלס האָט געלעבט ווי א שטערנ, וואָס לויכט הויכ און שטאָלצ, און איז גע־פאלנ ווי א שטערנ, פלוצעמ און אומדערווארט.

מיכאָעלס איז געקומענ פונעמ פאָלק, געלעבט מיטנ פאָלק און וועט אפ אייביק פארבלייבנ אינ פאָלק. מיכאָעלס האָט שטענדיק גע־זוכט דאָס פאָלק, און ס'איז ניט קיינ צופאל, וואָס ער האָט זיכ צומ אלעמ ערשטנ אנטפלעקט פארנ פאָלק אפ דער טעאטער־בינע. ער האָט געזוכט א טריבונע, און ער האָט זי געפונענ.

מיכאָעלס האָט אָנגעהויבנ זיינ „געשפרעכ" מיט די פאָלקס־מאסנ מיט אוריִעל אקאָסטאס ווערטער, ער האָט אָנגעהויבנ מיט שימעלע סאָראָקערס ווערטער. דאָס וואָרט „אמכאָ" האָט בא קיינעמ ניט געפונענ אזא פאראלגעמיינערונגס-קראפט, ווי בא מיכאָעלסנ. אינ וואָס פאר א געשטאלט ער האָט זיכ ניט באוויזנ אפ דער בינע, איז ער געווענ מיכאָעלס, דער זונ פונעמ פאָלק.

מיכאָעלס איז געווענ א ביז גאָר הארמאָנישע פערזענלעכקייט. די טעאטער־בינע איז פאר אימ געווענ די זעלבע טריבונע, פונ וועל־כער ער האָט גערעדט מיטנ פאָלק. אקצענטירנדיק אינ „קיניג ליר"

די הומאַניסטישע אידייע, וואָס שעקספּיר האָט אַזוי גענוצט אין זײַן פֿינצטערער צײַט, האָט זיך מיכאָעלס ווי געווענדעט צום גענעראַלן אוטאָר און געזאָגט צו אים: „דײַנע מיטצײַטלער האָבן דיך ניט פֿאַרשטאַנען, אין ענגלאַנד פֿאַרשטייט מען דיך ניט ביז הײַנטיקן טאָג, נאָר מיר, סאָוועטישע מענטשן, פֿאַרשטייען, וועהין דו האָסט געצילט"...

און פּונקט ווי ער איז געקומען מיט אַ נײַעם אוריעל אַקאָסטאַ, איז ער געקומען מיט אַ נײַעם קיניג ליר, מיט אַ נײַעם טעוויע. ביז מיכאָעלסן האָט קיינער ניט באַוויזן אַזוי די טראַגישקײַט פֿון דער טעוויע־געשטאַלט. אייניקע קריטיקער האָבן אַפֿילו געהאַט טענות צו מיכאָעלסן, וואָס ער האָט צופֿיל „פֿאַרלירעוועט" טעוויען און האָט אים שיִער ניט אַרויסגעריסן פֿון דער קאָמעדיע־אַטמאָספֿער. מיכאָעלס האָט אָבער ניט געקאָנט, ווי זײַנע פֿאָרגייער, שפּילן אַ „פֿריילעכן ייִדל", וואָס האַנדלט מיט מילכיקס. רייִדנדיק פֿון דער בינע מיטן פֿאָלק, באַטראַכטנדיק זיך אומעטום ווי דער זון פֿונעם פֿאָלק, ווי זײַן שאָליעך, האָט ער באַוויזן זײַן טעוויען אַלס טיפֿע, לײַדנדיקע פֿאָלקס־געשטאַלט, וואָס ראַנגלט זיך ניט נאָר מיט דער וועלט, נאָר אויך מיט זיך אַליין, אַ טעוויע, וואָס טרוימט וועגן אַ בעסערער וועלט.

אומעטום, צו וואָס מיכאָעלס האָט זיך ניט צוגערירט, האָט זיך געפֿילט זײַן גרויסער צושטײַער. ער האָט זיך ניט געשאַנעוועט, ער איז געווען, ווי ער האָט זיך אָפּט אויסגעדריקט, „אַן אַכזער בענע־גייע צו זיך אַליין", ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פֿאָלק, וועגן היימלאַנד. מיכאָעלס האָט ליב געהאַט זײַן פֿאָלק מיט אַן אויסער־געוויינלעכער און ריינער ליבע, אים איז אָבער פֿרעמד געווען נאַ־ציאָנאַלע באַגרענעצטקײַט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס לעבן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק איז ענג פֿאַרבונדן מיטן לעבן פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעלקער. אין זײַן נעשאָמע האָבן זיך אָרגאַניש צונויפֿגעגאָסן

די נאַציִאָנאַלע אינטערעסנ פונעמ יידישנ פאָלק מיט די אינטערעסנ פונ אַלע ברידערלעכע פעלקער. מיט א באַזונדערער ליבע האָט ער זיכ באַצויגנ צו דעמ גרויסנ רוסישנ פאָלק, מיט א באַזונדערער אַכטונג — צו די שעפער פונ דער גרויסער רוסישער קולטור. ער איז געווענ נאָענט באַפריינדעט מיט אַלעקסיי טאָלסטאָי אונ איז געווענ מיט אינטימע פעדעמ פאַרבונדנ מיט וואַלערי טשקאַלאָוו. ער איז געווענ איבעראַשט פונ גאָגאָלס אייגנאַרט אונ האָט מיט גרויס אָפּשיי גערעדט וועגנ סטאַניסלאַווסקינ, מיט וועמענ ער איז געווענ אַנ עמעסער גוטער־פריינט. מיכאָעלס האָט פאַרשטאַנענ, אַז שאָלעמ־אַלייכעמ האָט ניט צופעליק מיט אַזויפיל ערע גערעדט וועגנ טאָלסטאָיענ, אונ ניט צופעליק האָט אינ „טעוויע" געקלונגענ מאַקסימ גאָרקיס נאָמענ... אונ אויכ ניט צופעליק איז אָפּ מיכאָעלסעס לעווייע געקומענ דער פאָלקס־אַרטיסט פונעמ סאָוועטנפאַרבאַנד דער זאָקנ מיכאַיִל טאַרכאַנאָוו אונ איז קראַנקערהייט אָפּגעשטאַנענ עטלעכע שאָ בא מיכאָעלסעס אָרנ, געזעגנענדיק זיכ מיט אימ.

מיכאָעלס איז געווענ אַנ אַלזייטיקער מענטש. ער האָט געשטרעבט צו ברייטקייט, צו פריינטשאַפט אינ טיפסטנ זינ פונעמ וואָרט. א געטרייער זונ פונעמ יידישנ פאָלק, האָט ער גערעדט וועגנ זײַנ פאָלק, ווי וועגנ „טאַטע־מאַמע". אונ עס איז אימ ניט ענג געווענ אָפּ דער יידישער בינע, ווייל אינעמ סאָוועטנפאַרבאַנד איז דער יידישער טעאַטער געוואָרנ א טעאַטער א גלייכבאַרעכטיקטער, א הויכ־קולטורעלער, א הויכ־אידייִשער, א הויכ־קינסטלערישער, אונ מיכאָעלס איז געוואָרנ זײַנ פאָנענ־טרעגער. מיכאָעלס איז געווענ דער פאָנענ־טרעגער פונ דער סאָוועטישער יידישער קולטור. ער האָט הויכ געהאַלטנ די פאָנ פונ אַלדעמ סאָוועטישנ אינ אונדזער לעבנ. ער איז געווענ א מוסטערהאַפטער סאָוועטישער מענטש.

ווענ מיכאָעלס איז געווענ אינ אוזבעקיסטאַנ אונ האָט דערפילט, אַז ער קאָנ מיט עפּעס העלפנ דעמ אוזבעקישנ טעאַטער, האָט ער זיכ

מיט דער גאנצער קראפט פונ זײַנ טעמפעראמענט אָפגעגעבנ דערצו און האָט געשאפנ א גלענצנדיקנ ספעקטאקל אינעמ אוזבעקישנ טעאטער.

מיכאָעלס איז געווענ ענג פארבונדנ מיט די ברייטסטע שיכטנ פונעמ פאָלק. ער פלעגט באקומענ הונדערטער בריוו. צו אימ פלעגנ קומענ פיל מענטשנ ניט בלויז פונ מאָסקווע, נאָר אויכ פונ אנדערע שטעט פונ סאָוועטנפארבאנד. אלעמענ פלעגט ער אויסהערנ, אונ מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער מיטגעהאָלפנ. איינעמ מיט א טרייסט-וואָרט, א צווייטנ — מיט אנ אייצע, א דריטנ — מיט טאט. עפעס האָט אינ זיכ מיכאָעלס פארמאָגט פונ מענדעלע מוכער־ספאָרימ, וואָס האָט זיכ צוגעהערט צו דעמ פולס פונעמ פאָלק אונ צו זײַנע נעשאָמע־באדערפענישנ. מיכאָעלס האָט אפ א וווּנדערלעכנ אויפנ געטראָגנ אינ זיכ דעמ „אָמאר מענדעלע“. אונ ניט נאָר מענ־דעלע האָט געלייגט אפ אימ זײַנ שטעמפל. ער האָט געהאט פערע־צעס שווונג. ער איז געווענ אנ עמעסער ליריקער, אונ זײַנ ליריזמ איז, ווי בא שאָלעמ־אלייכעמענ, געווענ באלויכטנ מיט הומאָר, עפעס איז געווענ בא אימ פונ נעוויִישנ, דיכטערישנ טעמפעראמענט. אונ געפילט האָט זיכ עס ניט נאָר אינ טעוויעס שטורעמדיקע מאָנאָלאָגנ, נאָר אויכ אפ דער טריבונע, ווענ מיכאָעלס איז ארויסגעטראָטנ ווי א פלאמיקער אנטיפאשיסט. מיכאָעלס האָט זייער ליב געהאט די רוסישע נאטור, אונ דאָ האָט ער געהאט א סאכ געמיינזאמס מיט איסאק לעוויטאנ, כאָטש אימ איז פרעמד געווענ לעוויטאנס רויִקײַט. מיכאָעלס איז שטענדיק געווענ — אומרו, ער איז אָבער געווענ א פײַנט פונ סטיכישקײַט. ער האָט געטאָקט זײַנע אייגענע געשטאלטנ אונ די געשטאלטנ, וואָס זײַנע קאָלעגנ האָבנ געשאפנ. ער האָט, ווי דער גרויסער סקולפטאָר אנטאָקאָלסקי, געוווּסט דעמ סאָד פונ „אָפ־האקנ דאָס איבעריקע“. מיכאָעלס האָט אײַנגעזאפט אינ זיכ דאָס שענסטע, וואָס דאָס יִדישע פאָלק האָט געשאפנ, וואָס דאָס גרויסע

רוסישע פּאָלק האָט געשאפנ. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געיארשנט בלינדערהייט. ער האָט אלצ פילטרירט דורכ זײַנ מעכטיקנ מויעכ, דורכ זײַנ ווּנדערלעכ מענטשלעכ הארצ. פונ די ערשטע באווּסטזיניקע טריט זײַנע ביזנ לעצטנ אָטעמ איז ער געווענ דער צילגעווענדטער, טעמפּעראמענטפולער, דער לײַדנשאפטלעכער מיכאָעלס.

איכ האָב געזענ מיכאָעלסנ א פּאָר שאָ פארנ אומגליקלעכנ צופאל — דאָס איז געווענ מאָנטיק, דעמ 12 יאנוואר, ארומ 4 אזייגער. ער איז געווענ פול מיט לעבנ אונ מיט אומרו. מיר זײַנענ געזעסנ באמ מיטיק־טיש, אונ ווער האָט זיכ עס געקענט פאָרשטעלנ, אז ס'איז זײַנ לעצטער מיטיק, דער לעצטער געשפּרעכ מיכאָעלסעס וועגנ טעאטער, וועגנ אונדזער ארבעט, וועגנ אונדזערע אופגאבעס. ווענ איכ האָב זיכ דערוווּסט, אז מיכאָעלס איז די פאָריקע נאכט אָפּגעזעסנ מיט די אקטיאָרנ פונעמ ווײַסרוסישנ יידישנ טעאטער בא א שעפערישנ שמועס, האָב איכ ארויסגעשטעלט צו אימ א טענה, אז ער שאָנעוועט זיכ ניט, אז ער טאָר אזוי ניט צעפּאטערנ זײַנע קויכעס. נאָר מיכאָעלס האָט מיט א שמייכל א קוק געטאָנ אופ מיר אונ געזאָגט: „עס איז נייטיק געווענ, ס'איז א טעאטער מיט טאלאנטפולע אקטיאָרנ, אונ איכ האָב געהאט א נויטווענדיקייט זיכ דורכשמועסנ מיט זיי".

ער האָט א סאכ דערציילט וועגנ דעמ ווײַסרוסישנ טעאטער. מיכאָעלס איז געפאָרנ קיינ מינסק לויטנ אופטראָג פונעמ קאָמיטעט פאר סטאלינ־פרעמיעס אונ האָט זיכ באקאנט מיט איניקע ספעקטאקלענ אינ דער ווײַסרוסישער אָפּערע אונ אינעמ ווײַסרוסישנ דראמאטישנ טעאטער אפ יאנקאָ קופּאלאס נאָמענ. דערציילט האָט ער וועגנ ווײַסרוסישנ טעאטער, ווי וועגנ א זייער נאָענטנ איניענ. די ווײַסרוסישע קינסטלער האָבנ גלײַכ דערפילט, אז זיי האָבנ צו טאָנ ניט מיט קיינ באאָבאכטער, נאָר מיט זייערנ א גרויסנ פרײַנט. אזא איז געווענ מיכאָעלס.

די לעצטע פּאָר שאָ, וואָס מיר האָבנ פּאַרבראַכט מיט מיכאָעלסנ, האָט ער .א סאַך גערעדט וועגנ דעמ, אז מיר מוזנ זײַנ אקטיווער, אז אונדזער געזעלשאַפטלעכקײַט דאַרפ זײַנ אָנגרײַפנדיקער בענעגייע דער אויסלענדישער רעאקציע. אונ מיכאָעלס איז אלעמאָל געווענ קאָנ־קרעט. ער האָט אָנגעוואָרפנ פּלענער, ער האָט געזוכט, וויאַזוי צו פאַרבינדנ דאָס וואָרט מיטנ טאַט. אזא איז געווענ דער זונ פונעמ פאָלק שלוימע מיכאָעלס.

ארומ 6 אינ אָוונט האָבנ מיר זיכ געזעגנט, אונ מיר האָבנ זיכ באַדאַרפט זענ נאָכאמאָל, קעדיי פאַרענדיקנ דעמ געשפּרעכ. מער האָבנ מיר זיכ ניט געזענ, דעמ געשפּרעכ האָבנ מיר ניט פאַרענ־דיקט. אינ א פּאָר שאָ ארומ האָט אופגעהערט שלאָגנ דאָס אומרויִקע האַרצ פונעמ גרויסנ קינסטלער, פונעמ גרויסנ סאָוועטישנ פּאַטריאָט, פונעמ ווירדיקנ זונ פונעמ ייִדישנ פאָלק.

פאַר אונדזערע אויגנ שוועבנ פאַרשיידענע עפּיזאָדנ פונ זײַנ לעבנ. זיי טראָגנ זיכ פאַר אונדז ווי אפ אנ עקראַנ. אָט זעענ מיר אימ אפנ ערשטנ מאָסקווער אנטיפאַשיסטישנ מיטינג פונ די פאָר־שטייער פונעמ ייִדישנ פאָלק, ווענ עס קלינגט דורכ איבער דער גאנ־צער וועלט זײַנ לייבנ־שטימ אונ זײַנ מעכטיקער רופ צומ קאַמפ. אָט זעענ מיר אימ אינ שרײַבער-קלוב, ווו ער טיילט זיכ מיט זײַנע זיכ־רוינעס וועגנ וולאדימיר מאַיאַקאָווסקי אונ רעדט וועגנ זײַנ, מיכאָ־עלסעס, אָנטייל אינעמ ספּעקטאַקל „מיסטעריע בופ". אָט זעענ מיר אימ אפ א מיטינג אינ ניו־יאָרק, ווו ער שטורעמט אופ א 50-טויזנט־קעפּיקנ אוילעמ מיט זײַנ דערציילונג וועגנ דעמ קאַמפ פונעמ סאָוועטישנ פאָלק קעגנ דעמ פאַשיזמ, וועגנ סטאַלינס אָנפירנדיקער ראָל אינעמ קאַמפ קעגנ די היטלעריסטישע האָרדעס. אונ אָט זעענ מיר אימ אפ א באַשיידענעמ אָוונט, געווידמעט דער שרײַבערנ אנע סטעלמאַכ, ווענעמס אייגנאַרטיקנ טאַלאַנט ער האָט זייער הויכ גע־שעצט. אָט זעענ מיר אימ אפ אנ אָוונט, געווידמעט טשקאַלאָווס

מיכאָעלס און דער נעגערישער זינגער פּאָל ראָבסאָן.

אָנדענק, אונ אָט זענענ מיר אימ אפ דער בינע פונעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאטער. אָט זענענ מיר אימ אנ אופגעליגטנ אונ א יאָמטעווודיקנ דעמ 9-טנ מײַ 1945, אונ אָט זענענ מיר אימ מיט אנ אראָפגעלאָזטנ קאָפ בא באבי-יאר... מיכאָעלסעס אויגנ זײַנענ פול מיט טיפנ טרויער. ער האָט זיכ אָבער דעמ טרויער ניט אונ-טערגעגעבנ. ניט פארצווייפלונג האָט ער געשעפט פונעמ באבי-יאר, נאָר נעקאָמע-פלאמ. דאָ איז ער ענלעכ געווענ אפ א שלאכט-מאנ.

מיכאָעלס איז געווענ א שלאכטמאנ. א נײַער ספעקטאקל איז געווענ פאר מיכאָעלסנ א שלאכט פאר נײַע הייכנ אינ דער טעאטער-קונסט. א טעאטער-דיספוט איז געווענ פאר אימ א שלאכט פאר נײַער קוואליטעט פונ דער קונסט. אנ ארויסטרעטונג אפ א מיטינג האָט באדײַט פאר אימ — א שלאכט, א שלאכט פאר עפעס אונ קעגנ עפעס. ער האָט ניט אָנערקענט קיינ „שיינ-ריידערײַ” צוליב „שיינ-ריידערײַ”. אינ דער צײַט פונ אונדזער רײַזע איבער אמעריקע, ענגלאנד, מעקסיקע אונ קאנאדע איז מיר אויסגעקומענ צו זענ מיכאָעלסנ אינ סאמע ברענ פונ דער שלאכט קעגנ פאשיזמ. „מיר זײַנענ ווי צוויי פאראשוטיסטנ, וואָס געפינענ זיכ אינ דער ארומ-רינגלונג פונ די פרעסע-גענגסטערס”, — פלעגט ער זאָגנ. צו יעדער פרעס-קאָנפערענצ אינ אויסלאנד האָט ער געגרייט אונ געשליפנ זײַנ געווער. אפ איינער א פרעס-קאָנפערענצ — דוכט זיכ, אינ טשי-קאגאָ — איז געקומענ א היפשע גרופע פאָרשטייער פונ דער רעאק-ציאָנערער פרעסע. זיי האָבנ זיכ געפרווט פארווארפנ אונדז מיט אזעלכע קלאָצ-קאשעס, וואָס זאָלנ אונדז ברענגענ אינ א פארלעגנ-הײַט. נאָר וואָס מער די רעאקציאָנערנ האָבנ זיכ מאָביליזירט צוליב זייערע אטאקעס קעגנ דעמ סאָוועטנפארבאנד, אלצ א גרעסערע מא-פאָלע האָבנ זיי געכאפט. איינער א קאָרעספאָנדענט האָט זיכ געווענ-דעט צו מיכאָעלסנ מיט א פראגע: „מע זאָגט, פראָפעסאָר מיכאָעלס,

אז די סאָוועטישע רעגירונג קלײַבט זיך שליסנ א סעפּאַראַטנ אָפּמאַכ מיט די דײַטשנ. איז עס אנ עמעס?"

— אנטשולדיקט מיר, — האָט מיכאָעלס באמערקט, — וואָס איכ ענטפער אײַכ אפ א פראגע מיט א פראגע, נאָר מיכ אינטערע־סירט, וואָס פאר א צײַטונג איר שטעלט פאָר...

— איכ? — האָט זיכ דער קאָרעספּאָנדענט פארלאָרנ.

— איר! — האָט מיכאָעלס אָנגעגריפנ.

— איכ בינ א פאָרשטייער פונ „טשיקאגאָ טריביונ", — האָט ניט זיכער געענטפערט דער קאָרעספּאָנדענט פונ דער הוירסט־צײַטונג.

— אזוי... אזוי... — האָט מיכאָעלס סארקאסטיש געשמייכלט.— אויב אזוי, פארשטיי איכ ניט, וואָס איר זײַט אזוי אומרויִק... לויט מײַנע ידיעות, האָט אײַער צײַטונג שוינ לאנג געשלאָסנ א סעפּא־ראטנ שאָלעמ מיטנ פאשיסטישנ דײַטשלאנד!

דער קאָרעספּאָנדענט האָט ניט דערוואַרט אזא קלאפּ. א היפּשער טייל פונעמ עולעמ האָט אָנגעהויבנ אפּלאָדירנ מיכאָעלסעס טרעפ־לעכנ, שארפזיניקנ ענטפער, אונ די שלאכט מיטנ „טשיקאגאָ טרי־ביונ" איז געווענ אויסגעשפּילט.

אפ א צווייטער פרעס־קאָנפערענצ, אינ סאנ־פראנציסקאָ, האָט אײנער „א זײַדענער יונגערמאנטשיק" מיט א דיסקאנט־קעלעכל א פרעג געטאָנ:

— אונ ווי האַלט עס בא אײַכ מיטנ אנטיסעמיטיזמ?

מיט אָט דער פראגע האָט דער קאָרעספּאָנדענט פונ א רעכטער ייִדישער צײַטונג באמיט זיכ נויסע־כײַנ זײַנ בא „בײדע צדאָדימ": די באלעבאטימ האָט ער אפ אזא אופנ באוויזנ זײַנ „דרייסטקײַט", אונ אונדז, ווי ער האָט שפּעטער דערקלערט, האָט ער געוואָלט געבנ א מעגלעכקײַט צו ענטפערנ אפ א פראגע, וואָס „באומרויִקט די אמעריקאנער מויכעס".

— ווי האלט עס בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאנד מיטן אנטיסעמיטיזמ? — האָט מיכאָעלס איבערגעפרעגט. — פארשטייט איר מיכ, — האָט ער פאָרגעזעצט, — אנטיסעמיטיזמ איז דאָכ א סכוירע, וואָס מע מאכט דערמיט ביזנעס... בא אײַכ אינ אמעריקע פארדינט מענ בא דעמ אנטיסעמיטיזמ ניט שלעכט, נאָר בא אונדז קאָנ מענ פארדינענ בלויז עטלעכע יאָר טפיסע, ווײַל אלע מינימ ראסיזמ זײַנענ בא אונדז אויסערנ געזעצ... בא אונדז איז אנטיסעמיטיזמ קיינ סכוירע ניט...

מיכאָעלסעס טרעפלעכער ענטפער האָט, ווי א דונער, אָפגעהילכט איבער דער יידישער פרעסע אינ אמעריקע. דער ענטפער האָט איבערראשט מיט זײַנ אומדערוווארטקײַט, מיט זײַנ צוגעגנגלעכקײַט. דאָ האָט מיכאָעלס געזיגט מיט זײַנע סאטירישע פײַלנ, וואָס האָבנ געטראָפנ אינ סאמע הארצנ פונ דער קאפיטאליסטישער אמעריקע.

מיכאָעלסעס געווער איז געווענ פארשיידנארטיק. ער האָט באהערשט דעמ רײַכסטנ רעגיסטער פונ געדאנק אונ געפיל. האָט ער באדארפט, האָט ער זיכ גענומענ פאר א באגלייטער שאָלעמ-אליכעמענ אָדער גאָגאָלנ; האָט ער באדארפט, האָט ער זיכ גענומענ פאר א באגלייטער שפינאָזענ אָדער שעקספירנ.

איכ דערמאָנ זיכ דעמ ערשטנ מיטינג אינ ניו-יאָרק, אפ וועלכנ עס זײַנענ בײַגעווענ בא 50.000 מענטשנ. מיכאָעלס האָט צומ שלוס פונ זײַנ רעדע זיכ געווענדט צומ עולמ אונ, ווײַזנדיק אפ זיכ, געזאָגט:

— איכ בינ א מענטש. גיט א קוק אפ אָט די הענט, אפ אָט דעמ קאָפ, אפ אָט דעמ הארצ. די פאשיסטנ ווילנ מיכ פארוואנדלענ אינ זייפ. אָט פונ דעמ אלצ, וואָס איר זעט, ווילנ זיי מאכנ זייפ. אונ ניט נאָר פונ מיר — פונ אײַכ אויכ. דער פאשיזמ וויל אײַכ פארניכטנ. א טויט דעמ פאשיזמ!

א טויט דעם פאשיזם!

מיכאָעלס טרעט ארויס אפ א יידישן 50000־קעפיקן מיטינג אין ניו־יאָרק.

די לעצטע ווערטער האָבנ אָפּגעקלונגענ מיט אזא קראַפט, אז דער 50-טויזנטקעפּיקער עוילעמ האָט זיכ אופגעשטעלט אונ הייס אפּלאָדירט. דאָ האָט געזיגט מיכאָעלסעס צאָרנ. נאָר אלעמאָל אונ שטענדיק האָט מיכאָעלס געזיגט מיט זײַנ אומבאגרענעצטנ גלויבנ אינעמ סאָוועטישנ עמעס, מיט זײַנ ליבע צומ סאָציאַליסטישנ היימלאנד, מיט זײַנ טרײַהײַט צו דער פאָנ פונ לענינ—סטאלינ.

מיכאָעלס איז געווענ א מענטש מיט א שטארקער איבערצײַגונגס־קראַפט. ווענ ער האָט געשפּילט דעמ קיניג ליר, האָט זיכ געדוכט, אז נאָר אזוי דארפ מענ אימ שפּילנ אונ ניט אנדערש. ווענ ער איז ארויסגעטראָטנ אפ א מיטינג, האָט ער אזוי שארפ אונ בוילעט פאָרמולירט זײַנע געדאנקענ, אז עס איז קימאט ניט געבליבנ קיינ אָרט אפ עפּעס צוגעבנ. ווענ ער האָט דערקלערט טשארלי טשאפּלינעג דעמ סאָציאַלנ אינהאלט פונ זײַנע פילמענ, האָט דער גרויסער קינאָ-אקטיאָר געכאפּט א בלאָקנאָט אונ אָנגעהויבנ פארשרײַבנ מיכאָעלסעס באמערקונגענ, מורמלענדיק דערבײַ: „זייער אינטערעסאנט, זייער אינטערעסאנט“.

— איר גייט ניט גלײַכ איבער דער ערד, מיסטער טשאפּלינ, איר האלט זיכ אינ איינ פארטשעפּענ אונ אינ איינ פאלנ. פאר אײַכ איז עס, עפּשער, ניט מער ווי א קינאָ־טריוק, נאָר מיר, סאָוועטישע מענטשנ, נעמענ עס אופּ, ווי א כאראקטעריסטיק פונ דער אמעריקאנישער קאפּיטאליסטישער ווירקלעכקײַט, וואָס גיט ניט די מעגלעכקײַט דעמ פּראָסטנ מענטשנ צו גיינ מיט א שטאָלצ־אופגעהויבענעמ קאָפּ, ער מוז זיכ שטענדיק היטנ, אז ער זאָל זיכ ניט פארטשעפּענ.

טשארלי טשאפּלינ איז געווענ איבעראשט פונ אָט דעמ נײַעמ קוק אפ זײַנע געשטאלטנ. מיכאָעלס האָט אימ איבערצײַגט, אז ס'איז אזוי אונ ניט אנדערש. מיט דער זעלבער אײַזערנער לאָגיק האָט מיכאָעלס דערקלערט לעאָנ פויכטוואנגערנ די שעדלעכקײַט פונ אפּאָ־

מיכאָעלס און פעפער לייגן א קראַנץ בלומען אין נאָמען פון די סאָוועטישע
ייִדן אפ שאָלעם־אלייכעמס קייווער אין ניו־יאָרק.

ליטיזם; מיט דער זעלבער קראַפט האָט ער דערקלערט דעם אָנגע־זוענעם יידישן אַקטיאָר מאָרים שווארץ, אז אָן הויכע אידייען איז ניטאָ קיין הויכע קונסט; מיט דער זעלבער קראַפט האָט ער דערקלערט אַלבערט אײַנשטיינען די וויכטיקייט פון האס צום סוינע, אז האס צום סוינע איז די העכסטע אַנטוויקלונג פון הומאַניזם.

אין דער צײַט, ווען מיר זײַנען געווען מיט מיכאָעלסן אין אמע־ריקע, האָט מען דאָרטן גראָד דיסקוטירט די פראַגע „צי מע מעג האסן דעם סוינע". אייניקע ליטעראַטן האָבן געהאַלטן, אז „האס איז א געפערלעכע זאַך". „ס'איז, — האָבן זיי געזאָגט, — א געפיל, וואָס אז מע געוווינט זיך צו אים צו, קאָן מען זיך ניט אָפּגעוווי־נען". אזוי האָט אונדז, לעמאַשל, דער באַרימטער שרײַבער טעאָדאָר דרײַזער געזאָגט, אז ער „האַלט מער פון ליבע". מיכאָעלס האָט אים געענטפערט, אז „מיר האסן דעם פאשיזם, ווײַל מיר האָבן ליב די מענטשהײַט". „דאָס איז ריכטיק, — האָט דרײַזער באַמערקט, — נאָר אויב שוין רײדן וועגן האס, האס איך אמערסטן ענגלאַנד פאַר זײַן העסלעכער באַציִונג צו די קאָלאָניעס".

ווען מיר זײַנען געווען מיט מיכאָעלסן אין ענגלאַנד, האָט הער־בערט אועלס אונדז געזאָגט, אז ער פאַרשטייט אויך די באַדײַטונג פון האס, און ער האסט טאַקע אין דער ערשטער ריי אמעריקע פאַר איר ביזנעס־גײַסט, וואָס סאַמט אָפּ דאָס לעבן. מיר האָבן געמוזט מאסקים זײַן, אז „ביידע זײַנען גערעכט", נאָר מיכאָעלס האָט אי דרײַזערן אי אועלסן דערוויזן, און זיי זײַנען מאסקים געווען, אז קוידעמקאָל דאַרף מען צעשמעטערן דעם פאשיזם, און דעריבער דאַרפן מיר טאָן אַלץ, קעדיי באַקעמפן דעם פאשיזם סײַ אויף די שלאַכט־פעלדער סײַ אין אמעריקע און אין ענגלאַנד, ווו ער אַנטוויקלט זיך אין דער אומענטשלעכער באַציִונג צו דעם מענטשן.

מיכאָעלס האָט זיכ אינ מעשעכ פונ זײַנ פאַרביקנ לעבנ באַגעגנט מיט פאַרשײדענע מענטשנ. ער האָט מיט יעדנ אײנעמ גערעדט מיט אַזאַ שפּראַכ, אַז זײַנ געדאַנק זאָל דערגײנ. ער האָט זיכ אָבער קײנמאָל ניט צוגעפּאַסט און האָט זיכ קײנמאָל ניט „אַראָפּגעלאָזט". איז אים ניט געפעלנ געוואָרנ דער אַמעריקאַנישער טעאַטער, האָט ער עס געזאָגט שאַרפ און אָפנ; איז אים ניט געפעלנ געוואָרנ די באַציונג צו די נעגערס אינ אַמעריקע, האָט ער גערעדט וועגנ דעמ שאַרפ און אָפנ אַפ אַ פּרעס-קאָנפערענצ; איז אים ניט געפעלנ געוואָרנ, וואָס דער ענגלישער טעאַטער פאַרגעסט שעקספּירנ און וואָס שעקספּירס אָרט פאַרנעמענ דריטראַנגיקע פּיעסע-מאַכערס, האָט ער זײַנ מײנונג ניט באַהאַלטנ. רײדנדיק מיטנ אַרכיבישאָפ פונ קענטערבערי, האָט ער אים דערצײלט, וויאַזוי מע אַכטעט שעקספּירנ אינ סאָוועטנפאַרבאַנד, און האָט אויסגעדריקט זײַנ אומצופרידנקײט, וואָס דער גרויסער קינסטלער ווערט פאַרגעסנ אינ ענגלאַנד.

* * *

מיכאָעלס איז געווענ ביזנ דינסטנ פעדעמל פונ זײַנ האַרצ אַ סאָוועטישער מענטש, אַ זונ פונעמ גרויסנ סאָוועטישנ הײמלאַנד, אַ זונ פונעמ סאָוועטישנ ייִדישנ פאָלק. ער האָט אַפ אַלצ געקוקט מיט סאָוועטישע אויגנ; מיט סאָוועטישע אויגנ האָט ער געלײענט פערעצנ און שאָלעמ-אַלײכעמענ, שעקספּירנ און גאָלדפאַדענענ; מיט סאָוועטישע אויגנ האָט ער געקוקט אַפ די הימל־קראַצערס אינ ניו־יאָרק און אַפ די קאָלווירטישע פעלדער פונ קאַלינינדאָרפ; מיט סאָוועטישע אויגנ האָט ער געקוקט אַפ אַלע דערשײַנונגענ אינ אונדזער לעבנ; מיט סאָוועטישע אויגנ האָט ער געקוקט אַפ זײַנ מיסיע אינעמ לעבנ, וואָס ער האָט מיט אַזאַ גלאַנצ דורכגעפירט. אַלצ, וואָס ער האָט געטאָנ, האָט ער געטאָנ מיט דער גרעסטער פאַראַנטוואָרטלעכ-

קײַט. און גײַזעגנענדיק זיך מיט מיכאָעלסן, האָט יעדער אײנער, וואָס האָט זיך מיט אים באַגעגנט, געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו זאָגן: יאָ, דאָס איז אַ מענטש! אײנער וועט צוגעבן: „אַ קלוגער מענטש", אַ צווייטער: „אַ טאַלאַנטפֿולער מענטש", אַ דריטער: „אַ גרויסער מענטש", אַ פֿערטער: „אַ פֿאַרביקער מענטש", אַ פֿינפֿטער: „אַ גענאַלער מענטש". נאָר דאָס וואָרט „מענטש" וועלן אַלע באַטאָנען, ווײַל דאָס מענטשלעכע, דאָס מיכאָעלסדיק-מענטשלעכע, וואָס האָט אין אָט דעם מענטשן געלעבט, איז די שענסטע ירושה, וואָס מיכאָעלס האָט איבערגעלאָזט. דאָס איז די ירושה זײַנע, וואָס וועט איבערגיין פֿון דאָר צו דאָר.

ביניאָמינ זוסקינ

פאָלקס־אַרטיסט פונ רספסר
אונ אוזבעקישער סםר
לאַורעאַט פונ סטאַלינ־פרעמיע

אונדזער מיכאָעלס

מיכאָעלס איז אַוועק פונ אונדז אפ אייביק.

מיר האָבנ פארלאָרנ שלוימע מיכאָעלסנ — דעמ גרויסנ בינע־מײַסטער, דעמ פאָלקס־קינסטלער, דעמ טיפנ דענקער, דעמ פלאַמיקנ בירגער דעמ טריבונ, דעמ האַרציקנ, אַלעמענ אונדז נאָענטנ מענטש, דעמ טרײַענ זונ פונ אונדזער פאָלק, דעמ הייסנ פאטריאָט פונ אונדזער מעכטיקנ סאָציאַליסטישנ פאָטערלאַנד.

שלוימע מיכאָעלס איז געווענ ניט נאָר אונדזער קינסטלערישער אָנפירער, ניט נאָר אונדזער דערציִער, לערער, ניט נאָר דער עלטסטער אונ איינציקער אינ קאָלעקטיוו פונעמ מאָסקווער מעלוכישנ ייִדישנ טעאַטער, — ער איז געווענ אונדזער העכסטער אויטאָריטעט, אונדזער שטאָלצ, אונדזער וועגווײַזער.

מיט אימ, מיט שלוימע מיכאָעלסנ, האָבנ מיר ניט מוירע געהאַט פאר קיינ שום שוועריקײַטנ. מיר זײַנענ געווענ זיכער, אַז צוזאַמענ מיט אימ וועלנ מיר זײַנ בעקויעכ מיט אונדזער אָנגעשטרענגטער שעפערישער מי ענטפערנ אפ די גרויסע אונ וויכטיקע אויפגאַבעס, וואָס עס שטעלט פאר אונדז אונדזער לאַנד, אונדזער צײַט.

אין שווערע מאָמענטן האָבן מיר געוווּסט, אז מיט אונדז איז מיכאָעלס. זײַן מעכטיק הײם הארץ איז געווען אָפן פאר יעדן אײנעם פון אונדז. מיר פלעגן גײן צו אים מיט אונדזערע ספּייקעס, סײַ וואָס האָבן געהאט א דירעקטע שײַכעס צו אונדזער קאָמפּליצירטער שעפערישער ארבעט, סײַ וואָס האָבן באַלאַנגט אונדזערע פּערזענלעכע לעבנס-אָנגעלעגנהײַטן, און ער פלעגט פאר יעדן אײנעם פון אונדז געפינען דאָס נײטיקע, דאָס קלוגע, דאָס שטענדיק טיפע און שטענדיק אויסערגעוויינלעכע וואָרט, מיכאָעלסעס וואָרט. אָט אזא קויעך האָט ער געהאט, אָט דער זעלטענער מענטש, אָט דער עכטער מענטש פון דער גרויסער סטאַלינישער עפּאָכע.

„אונדזער קונסט איז אונדזער געווער, — פלעגט ער אונדז זאָגן, — מיר דארפן עס פּײַלן און שארפן. מיט אונדזער מי, מיט אונדזער ארבעט מוזן מיר העלפן דעם סאָוועטישן פאָלק בויען דעם קאָמוניזם. דעריבער זײַנען מיר מעכויעו גרינטלעך הערלערנען דעם סאָוועטישן מענטשן, די ארומיקע ווירקלעכקײַט, ארבעטן איבער זיך אומופהערלעך, מעסיראס-נעפעשדיק, קײנמאָל זיך ניט באַרויקן, שטענדיק זוכן, אלעמאָל פאָרויס".

און ער אליין האָט טאקע א סאך געארבעט איבער זיך, זײַן לעבן איז א גרויס לעבן פון העראָישער מי. ער האָט אָפּגעגעבן אלע זײַנע גראַנדיעזע שעפערישע קויכעס דער ארבעט, דעם טעאטער, דער סאָוועטישער קולטור, דעם פאָלק, דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

זײַן געזעלשאפטלעכע ארבעט און זײַן טעטיקײַט אין דער קונסט זײַנען געווען אזוי ענג איבערגעפלאָכטן, אז עס איז פּאָשעט שווער אָפּצוטײלן אײנס פונעם אַנדערן. אונדז, זײַנע טאַלמידים, האָט ער געלערנט ווי צו לעבן, געלערנט ליב האָבן דאָס לעבן, ווײַל ער אליין איז געווען אינגאנצן — לעבן.

טויזנטער און טויזנטער צושויער פונעם סאָוועטן-פארבאנד און אויסער די גרענעצן פון אונדזער לאַנד קענען מיכאָעלסן אלס פרעכ-

טיקנ אקטיאָר — אלס דעמ שעפער פונ א גרויסער צאָל גײַסטרײַכע מײַסטערהאפטע סצענישע געשטאלטנ, װעלכע װעלנ ארײַנ אינ דעמ גאָלדענעמ פאָנד פונ דער סאָװעטישער טעאטראלער קולטור. מיליאָ־ נענ מענטשנ אינ אונדזער סאָװעטיש לאנד, װי אויכ אינ אנדערע לענדער, װײסנ אימ אלס פלאמיקנ טריבונ. מיר, זײַנע טאלמידימ אונ נאָענטע מיטארבעטער, װעלכע האָבנ געהאט די זכיה צו שפאנענ מיט אימ האנט־בא־האנט אינ מעשעכ פונ קימאט דרײַ צענדליק יאָר, קענענ נאָכ א מיכאָעלסנ, אונדזער מיכאָעלסנ, מיכאָעלסנ דעמ באשײדענעמ, הארציקנ, פּאָשעטנ פאָלקס־מענטש.

אָט גראדע װעגנ דעמ מיכאָעלסנ, װעגנ מײַנ עלטערנ באװער, לערער, אינטימענ פרײַנט, נאָענטנ אונ טײַערנ, װילט זיכ מיר דאָ רײדנ. איכ פרעטענדיר ניט צו געבנ א פולנ פּאָרטרעט פונ מיכאָ־ עלסנ. צו פריש איז די װונד, צו גרויס איז אונדזער װײטעק, צו שװאכ זײַנענ מײַנע מעגלעכקײַטנ, אז איכ זאָל קאָנענ שילדערנ די הערלעכע פערזענלעכקײַט מיכאָעלסעס.

בלויז אײניקע אײנצלהײַטנ, װעלכע קומענ אפנ זיקאָרנ אינ אָט די שװערסטע טעג פונ מײַנ לעבנ.

* * *

שפּעט באנאכט... מיר זיצנ בײדע אינ זײַנ צימער. ביכער, א סאכ ביכער, אומעטומ: אפ די פּאָליצעס, װאָס פארשטעלנ די װענט פונ אויבנ ביז אראָפּ, אפ די טישנ, אפ די פענצטער. שטיל ארומ... דער זײגער האָט שוינ געשלאָגנ צװײ, האלב דרײַ. אװעקגײנ װילט זיכ ניט, כאָטש מיר זײַנענ בײדע מיד: ער נאָכ א שװערנ אָנגע־ שטרענגטנ ארבעטס־טאָג, איכ — נאָכ א פאָרשטעלונג. אָפט פלעגנ מיר אזוי זיצנ. איכ האָב געהאט מײַנ אָרט באמ טיש, רעכטס לעבנ אימ. מײַנ גרעסטער פארגעניגנ — אָט אזוי זיצנ מיט אימ, קוקנ אפ אימ אונ הערנ. הערנ אָנ אנ אופהער... כ׳האָב ליב געהאט קוקנ אפ זײַנ זעלטנ פּאָנעמ. יעדעס קנײטשעלע, יעדער שטריכ איז מיר

אזוי באקאנט: זיינ סאקראט-שטערנ, א שטערנ פונ א טאלמיד-כאכעמ. דער אויסדרוק פונ פאנעמ, אפ וועלכנ יעדער מוסקול איז באזונדערס באוועגלעכ. מיכאעלסעס אויגנ! גרויסע, ליכטיקע, קלוגע. אט צעעפענענ זיי זיכ ברייט, ווערנ פארגליווערט, קוקנ לאנג-לאנג אנגעשטרענגט אינ איינ פינטל. דאס איז דאנ, ווענ ער פארטראכט זיכ. אונ אט ביימנ זיי זיכ, זיינע אויגנ. א שארפער, פאר אימ זייער כאראקטעריסטישער קער מיטנ קאפ, אונ די אויגנ קוקנ אפ דיר, אזוינע מילדע, ווארעמע, דרינגענ מאמעש אריינ אינ דער נעשאמע, אונ אפנ הארצנ ווערט דיר אזוי לייכט אונ גוט. אונ אט שמייכלענ זיי שוינ, די אויגנ זיינע. דאנ באקומענ זיי א באזונדער גלאנצ, זיי ווערנ שטיפעריש-קינדערשע.

אונ מיכאעלסעס הענט! זיינע וווּנדערבארע, לעבעדיקע, קלוגע הענט, וועלכע ריידנ, זינגענ, טראכטנ. אינעמ גרויסנ ארסענאל קינסטלערישע מיטלענ פונ דעמ גרויסנ בינע-מייסטער מיכאעלס פארנעמענ זיינע הענט א ביז גאר אנגעזעענ ארט. מיכ, זיינ נאענטסטנ פארטביאר, וועלכער האט געהאט דאס גליק אינ מעשעכ פונ 27 יאר געפינענ זיכ אפ דער בינע אלעמאל לעבנ אימ אונ מיט אימ, פלעגנ מיכאעלסעס הענט רעגנ, באצויבערנ, באגייסטערנ. דערמאנט זיכ אינ קיניג ליר, אינ ביניאמינ האשלישי, ווי זיינע הענט פלעגנ ריידנ, וואס פארא טיפע געדאנקענ זיי פלעגנ אויסדריקנ. איכ געדענק זיינע הענט, ווענ דער אלטער קיניג ליר זוכט אפנ קאפ די קרוינ, וועלכע ער האט שוינ לאנג פארלוירנ, ווענ ער וויזט אנ אפ זיינ פארוווּנדעט הארצ. דערמאנט זיכ די שפיל פונ מיכאעלס — רעב אלטערס הענט אינ „מאזלטאוו”, האצמאכס הענט אינ גאלדפאדענס „קישעפמאכערנ”, מענאכעמ-מענדלס — אינ שאלעמ-אלייכעמס „לופט-מענטש”, די הענט פונ טויבנ ארבעטער אינ בערגעלסאנס „טויבנ”, די הענט פונעמ באדכנ אינ פערעצעס „באנאכט אפנ אלטנ מארק”.

אויך דאָ, אין צימער בא אים זיצנדיק, קאָנסטו ניט אָפּרײַסן די אויגן פון זײַנע הענט. שאָענוויַיז קאָן איך אזוי זיצן און הערן, הערן אים זשעדנע. אָט דאָ, אין דער אינטימער סוויווע, אנטפּלעקט זיך מיכאָעלס אין זײַן גאנצער פּראכט, מיט זײַן גרויסן אינטעלעקט, פּילזײַטיקער ערודיציע, שארפן מויעך, מיט זײַן הייס, אָפן הארץ און פּאָעטישער נעשאָמע.

ניטאָ אזא געביט פון קולטור, וויסנשאַפט, קונסט, צו וועלכן מיכאָעלס זאָל ניט געווען ארויסווײַזן א באזונדערן אינטערעס. די לעצטע דערפינדונג אין פיזיק, כימיע, אסטראָנאָמיע, מעדיצין, טעכניק — דאָס אלץ האָט אים שטארק אינטערעסירט. ער פלעגט ניט נאָר איבערלייענען און פארגעדענקען, ער פלעגט דאָס דורכגעלייענטע דורכטראכטן, פאראלגעמיינערן און אפּ זײַן אויפן איבערדיכטן אין טרעפלעכע פאָרמולירונגען.

פּראָפעסאָר אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש ווישנעווסקי האָט מיר דערציילט, אז ער און זײַן פאָטער, דער באוווסטער כירורג אקאדעמיקער אלעקסאנדר וואסיליעוויטש ווישנעווסקי, ארבעטן שוין לאנגע יאָרן איבער דער פּראָבלעם פון דער אָרטיקער אנעסטעזיע. זייער דערפינדונג, וואָס איז באוווסט אין דער סאָוועטישער מעדיצין אונטערן נאָמען „ווישנעווסקי-בלאָקאדע“, באשטייט אין דעם, וואָס מע אנטווייטעקט נאָר א באשטימט אָרט, אויסמײַדנדיק דעם אלגעמיינעם נארקאָז, וועלכער איז אָנגענומען אין דער כירורגיע. מיכאָעלס, וועמען די פּראָבלעם פון אנטווייטעקן האָט זייער אינטערעסירט, איז בײַגעווען אפּ א גאנצער רײ אָפּעראציעס אין דער קליניק פון אקאדעמיקער ווישנעווסקי. איינמאָל האָט מען דאָרט אָפּערירט זייער א שווערן קראנקן — אן אלטן ייִדן, א שנײַדער. מיכאָעלס איז בײַגעווען בא דער אָפּעראציע. דער שנײַדער האָט זיך שטארק דערפרייט, ווען ער האָט דערזען זײַן ליבלינג מיכאָעלסן. די אָפּעראציע האָט זיך אָנגעהויבן. פאר דעם שנײַדערס פּאָנעם האָט

מען אוועקגעשטעלט אַן עקראַן, קעדיי ער, דער קראַנקער, וועלכער האָט זיך געפונען באַם פולן באַוווסטזיין, זאָל ניט זען, ווי מע שניידט אים. מיכאָעלס איז געשטאַנען אַזוי, אַז ער האָט געזען, ווי ס׳קומט פאָר די אָפּעראַציע, און אין דער זעלבער צייט האָט ער פאַרפירט א שמועס מיטן קראַנקן.

— ניין, באַוואַרט מיכאָעלס, איך וועל ניט שטאַרבן. איך וועל איבערקומען בעשאָלעם די אָפּעראַציע, — האָט געזאָגט דער שניי-דער, — איך מוז דאָך דערלעבן היטלערס מאַפּאָלע (דאָס איז געווען אין דער צייט פון מילכאָמע).

די אָפּעראַציע איז דורך מיט די בעסטע רעזולטאַטן. מיכאָעלס איז געווען באַגייסטערט.

— די גרויסקייט פון אייער דערפינדונג, לויט מיין מיינונג, באַשטייט נאָך אין דעם, — האָט זיך געוואונדערט מיכאָעלס צו די געלערנטע, — וואָס, אנטוויקלענדיק באַר א באַשטימט אָרט און לאָזנדיק דעם קראַנקן דעם באַוווסטזיין, גיט איר א מעגלעכקייט דעם קראַנקן מאָביליזירן אַלע זיינע אינערלעכע קויכעס און אַקטיוו מיטהעלפן זיך אַליין איבערקומען די אָפּעראַציע.

די געלערנטע זיינען נישטוימעם געוואָרן.

— אַזוי טיף באַנעמען, אויספירלעך און, אין דער זעלבער צייט, לאַקאָניש פאָרמולירן איינע פון די אייגנשאַפטן פון אונדזער מעטאָד האָט געקאָנט נאָר איין מיכאָעלס, — האָט פאַרענדיקט א. א. וויש-נעווסקי.

מיכאָעלסעס געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז געווען זייער פאָ-פולער צווישן אַלע שיכטן פונעם סאָוועטישן פאָלק. זיינע רעדעס און פאָרטראָגן פאַר ספּעציעלע טעמעס פאַר אַקטיאָרן, קונסט-טו-ער, בינע-מייסטערס, יוגנט פון טעאַטראַלע לערן-אַנשטאַלטן און קונסט-אינסטיטוציעס, פאַר ווענן אַלגעמיין-פּאָליטישע פראַגן, וועל-כע ער פלעגט גאַנץ אָפט לייענען פאַר אַרבעטער, סטודענטן, שריי-

מיכאָעלס אין דער ראָל פון זײַוול אָוואדיס אין דער פּיעסע
„די מישפּאָכע אָוואדיס" פון פּערעץ מארקיש.



מיכאָעלס אין דער ראָל פון טעוויע אין דער פּיעסע „טעוויע
דער מילכיקער״ לויט שאָלעם־אַליכעמען.

בער, געלערנטע, מיליטער-לײט, זײנענ אלע מאָל געװענ אינהאלטרײכע, קלוגע אונ שארפע, טיפ דורכגעדרונגענע מיט דער לעגינ-סטאליני-שער װעלט-אָנשױונג, אָריגינעלע לױט דער פאָרמ, אָנגעזאפטע מיט עכטנ פאָלקס-הומאָר, אפאָריזמענ אונ גלײכװערטלעכ. זײנ גרױסע ערודיציע אונ ברײטע לעבנס-דערפארונג, זײנ מעכטיקער אָראטאָ-רישער טאלאנט (ביז זײנ אָנקומענ אינ טעאטער איז מיכאָעלס גע-װענ א יוריסט) פלעגנ פארװאנדלענ זײנע רעדעס אינ זעלבשטענדיקע קונסט-װערק, אינ דערשײנונגענ פונ א באדײטנדיקנ געזעלשאפטלעכנ פארנעמ. מיט זײנ שארפ אױג, צארטנ אױער, מיט זײנ ארטיסטיש-פאָעטישנ כוש פלעגט ער ארומכאפנ, דערפילנ יעדע אאודיטאָריע. דער קאָנטאקט צװישנ אימ אונ זײנע צושױער אונ צוהערער פלעגט װערנ גלײכ אײנגעשטעלט.

אפ אײנער פונ זײנע לעקציעס אפ דער טעמע „פסיכאָלאָגיע פונ אקטיאָרישער מײסטערשאפט“ אינ מאָסקװער אקטיאָרנ-הױז איז בײגעװענ דער גרױסער סאָװעטישער געלערנטער פיזיאָלאָג, פאװ-לאָװס א נאָכפאָלגער, אקאדעמיקער ל. א. אָרבעלי. דער גרײז-גרױער אקאדעמיקער האָט זיכ פאראינטערעסירט מיט מיכאָעלסעס א גאנצער רײ ארױסזאָגונגענ. צװישנ ל. א. אָרבעלי אונ שלױמע מיכאָעלסנ האָט זיכ גיכ געשלאָסנ א באקאנטשאפט. לױט דעמ פאָרשלאָג פונעמ אקאדעמיקער ל. א. אָרבעלי האָט מיכאָעלס אָנגעהױבנ שטודירנ בא אימ פיזיאָלאָגיע. אונטער דער אָנפירונג פונעמ געלערנטנ פלעגט מיכאָעלס פונ צײט צו צײט אינ אנ ענגנ קרײז ספעציאליסטנ דער-לערנענ פראָבלעמענ, װעלכע האָבנ א שײכעס צו רעפלעקסנ, טאָר-מאָזנ אונ העכסטער נערװנ-טעטיקײט פונ מענטשלעכנ אָרגאניזמ. מיכאָעלס האָט געמאכט גרױסע פאָרשריט, אונ אײנער פונ די בײ-װעזנדע האָט אימ אמאָל אפילע געזאָגט:

— איר װײסט, סאָלאָמאָנ מיכײלאָװיטש, איר האָט געמאכט א טאָעס, װאָס איר זײט געװאָרנ אנ אקטיאָר. איר װאָלט זיכ באדארפט

בעסער פאַרנעמענ מיט פיזיאָלאָגיע. פונ איַיכ וואָלט ארויס א טאַ־לאַנטפולער פיזיאָלאָג.

אָט וועגנ די אַלע באַגעגענישנ זײַנע, וועגנ זײַנ טעטיקײַט אויסער די ווענט פונ אונדזער טעאַטער, פּלעגט מיכאָעלס מיר דערציילנ אינ די אינטימע שמועסנ אונדזערע, אינ די נאַכט־שאָענ בא אים אינ צימער.

— ווייסטו, ווער ס׳איז געווענ אָט דער אַלטיטשקער, מיט וועלכנ איכ האָב דיכ הײַנט באַקאַנט אינ מײַנ קאַבינעט אינ טעאַטער? זיי־ער אנ אינטערעסאַנטער מענטש — א פּראָפעסאָר א ביבליאָפיל. זײַנ גאַנצ לעבנ קאָלעקציאָנירט ער אוניקאַלע ביכער, ער ווייסט מײַנ ליבע צו ביכער אונ ברענגט מיר, ווענ אים געלינגט צו געפינענ עפּעס אנ אַנטיקל.

אונ מיכאָעלס נעמט מיט א באַזונדער צערטלעכקײַט פונ שרײַב־טיש עטלעכע ביכער אונ ווײַזט מיר זיי. דאָס זײַנענ אַלטע אויסגאַ־בעס: יודאַיִק, עסטעטיק, פילאָסאָפיע, א זעלטענע אויסגאַבע פונ היינריכ היינע.

מיכאָעלס האָט אַמאָל געשפּאַסט:

— אפ דער עלטער, אז איכ וועל שוינ ניט זײַנ בעקויעכ אַרבעטנ אינ טעאַטער, וועל איכ ווערנ אנ אײַנבינדער. איכ וועל זיכ זיצנ מיט מײַנע ביכער, און וואָס וועט מיר פעלנ?

געלייענט, ריכטיקער געזאָגט, געאַרבעט איבער א בוכ האָט מי־כאָעלס זייער א סאַכ אַלע זײַנע יאָרנ. די לעצטע צײַט פלעגט אים אויסקומענ זייער א סאַכ צו לייענענ. א מיטגליד פונעם קאָמיטעט איבער די סטאַלינ־פּרעמיעס (ער איז געווענ דער פאָרזיצער פונ דער טעאַטראַלער סעקציע באַם קאָמיטעט), א מיטגליד פונעם קינסטלע־רישנ ראַט פונעם קונסט־קאָמיטעט באַם מיניסטאָרנ־ראַט פונ פססר, א זשורי־מיטגליד פונ פאַרשיידענע קאָנקורסנ, דער פאָרזיצער פונעם ייִדישנ אַנטיפאַשיסטישנ קאָמיטעט, א פּרעזידיום־מיטגליד פונ א

גאַנצער רײ פּראָפעסיאָנעלע אינסטיטוציעס, האָט מיכאָעלס געהאַט צו לײענען אָן אַן אויפהער פּיעסן, מאַנוסקריפּטן, מאַטעריאַלן — ניט נאָר לײענען, נאָר ארײַנטראָגן זײַנע קאָרעקטיװן, געבן אָנװײַזונגען, רעדאַגירן. בײַ אים אין קאַבינעט אין טעאַטער און אין דער הײם פלעגט מען קענען טרעפן א גרויסע צאָל מענטשן — פּראָזאיקער, פּאָעטן, דראַמאַטורגן, קינסטלער, אַקטיאָרן, מוזיקער. אַלע פלעגן זײ אים ברענגען זײערע װערק, זיך מעיאַשעװ זײַן מיט אים, אויסהערן זײַן מײנונג — פאַר אַלעמען איז מיכאָעלס געװען דער העכסטער אויטאָריטעט. אַלעמען פלעגט ער אויסהערן. און װיפל פּאָשעטע מענטשן פלעגן גײן צו אים מיט זײערע פּערזענלעכע איניאָנים! װי א גרויסער פּילבאַרער נעשאָמע-קענער, פלעגט מיכאָעלס גוט װיסן װיאַזוי צו װעמען צוגײן. מיט װאָס פאַר א פרײד פלעגט מיכאָעלס אויפנעמען יעדע נײַע דערשײַנונג אין דער סאָװעטישער ליטעראַטור, קונסט, קולטור, װיסנשאַפט! װי טײַער איז אים געװען יעדעס נײַ װערק, יעדער נײַער נאָמען! כ'געדענק, מיט װאָס פאַר א באַגײַסטערונג ער האָט אויפגענומען אַנע סטעלמאַכס נאָװעלן, עמאַנויל קאַזאַקעװיטשעס װערק.

מיכאָעלס האָט ליב געהאַט א ניגון, א פאָלקס-ליד. מוזיק האָט ער באַנומען און געפילט מיט אַלע זײַנע כושים. זײַן מוזיקאַלישקײט האָט דערגרײכט די העכסטע מאַדרײגע. װעגן אים קאָן מען טאַקע זאָגן — „קאָל אַצמויסײַ טוימאַרנאָ". אַלץ אין אים האָט געזונגען. אַלע זײַנע אַקטיאָרישע און רעזשיסערישע שאַפונגען זײַנען געװען דורכגעדרונגען און אָנגעזאַפּט מיט ניגונים, מיט אינערלעכער מוזיק. װי א רויטער פאָדעם פלעגט דורכגײן דורך יעדער אַרבעט זײַנער א לײטמאָטיװ, װעלכער האָט בוילעטער אויפגעדעקט די אידײ פון זײַן יעדער ראָל אָדער פאָרשטעלונג. אין יעדער ליד פלעגט ער אויפדעקן די נעשאָמע. איך דערמאָן זיך, װי מיכאָעלס האָט אונדז מאַמעש באַצויבערט שוין אין דער ערשטער ראָל זײַנער — אָן שום סאָפעק

איינע פון די בעסטע אקטיאָרישע שאפונגען מיכאָעלסעס — אין דער ראָל פון רעב אלטערן אין „מאזלטאָוו", מיט זײַן אויספילן „איז גע-ווען אמאָל א פאסטעכל" (קעדײַ צו באמערקן, אז רעב אלטערן, וועלכן ער האָט צום ערשטן מאָל געשפילט דעם 1־טן יאנוואר 1921 יאָר, האָט מיכאָעלס געשאפן, ווען ער איז געווען אף דער בינע אינגאנצן דאָס צווייטע יאָר). שוין דאן האָבן מיר דערפילט, אז די נײַע סאָוועטישע יידישע בינע האָט באקומען א גרויסע אקטיאָרישע פערזענלעכקייט. זײַן בארימטע ליד אָן ווערטער „טײַ, טײַ, טײַ..." אין צווייטן אקט פון „צוויי הונדערט טויזנט", האָט מאכט לידער אין „דער קי-שעפמאכער" אאוו. האָבן באצויבערט דעם צושויער.

הערן מיכאָעלסן זינגען א ליד אָן ווערטער האָט מען באדארפט ניט אף דער בינע, נאָר בא אים אין צימער אין ענגן קרײַז פון נאָענטע פרײַנט. איך האָב געהאט דאָס גליק בײַזײַן, ווען אזא מין ליד איז געבאָרן געוואָרן. זיצנדיק מיט מיר, פלעגט ער מיטאמאָל אָנהייבן א ליד, איך פלעג אונטערכאפן, און ס'פלעגט אוועקגיין צווישן אונדז א לעבעדיקער שמועס אָן ווערטער אף שאָען. מיכאָעלס האָט מיך געלערנט, וויאזוי מע באדארף פארשטיין א ליד.

מיכאָעלסן האָב איך א סאך, א סאך צו פארדאנקען. ער האָט געהאט דעם גרעסטן ביילעק אין מײַן אקטיאָרישן וועג. שוין פון אונדזער ערשטער באגעגעניש אין אווגוסט 1920 האָט ער ארויסגעוויזן א הארציקע פאָטערלעכע באציונג צו מיר.

איך דערמאָן זיך ווינטער 1922. איך בין שוין א האלב יאָר אף דער בינע. אפן הארצן איז מיר געווען ניט גרינג. פון ווײַטן אוראל בין איך געקומען אין מאָסקווע זיך לערנען אין דער יידישער טעאטראלער סטודיע. אין דער סטודיע האָב איך געלערנט בלויז עטלעכע באדאָשימו, מע האָט מיך גלײַך צוגענומען אין טעאטער, גע-געבן א ראָל אין דער שאָלעם-אליינעם-פאָרשטעלונג. איך האָב גע-טאָן אלץ, וואָס דער רעזשיסער האָט פון מיר געפאָדערט, טאָג און

נאכט געדעפעטירט. דער רעזשיסער האָט מיר געהייסנ שרײַענ — האָב איכ געשריִענ ביז הייזעריק צו ווערנ, מ׳האָט געפּאָדערט שאַרפע באַוועגונגענ — האָב איכ פונ גאַנצ פרי ביז שפּעט זיכ פאַרנומענ מיט פיזישע איבונגענ. נאָר איבעראַלעכ בינ איכ געווענ קאַלט. איכ האָב ניט אָנגעהויבנ צו פאַרשטיינ, וויאַזוי דאַרפ אַנ אַקטיאָר צוגיינ צו א ראָל, אונ כ׳האָב באַשלאָסנ, אַז פונ מיר וועט שוינ קיינ אַקטיאָר ניט זײַנ אונ איכ מוז באַצײַטנס אַוועק פונ טעאַטער. אָט מיט די שווערע געדאַנקענ האָב איכ זיכ אַרומגעטראָגנ א היפּשע צײַט. איינמאָל, אינ אווינטער־נאַכט, נאָכ דער פאָרשטעלונג האָב איכ זיכ פאַרקליבנ אינ פאָיע פונ טעאַטער אינ א ווינקעלע ערגעצ. לאַנג בינ איכ געזעסנ פאַרטיפט אינ מײַנע געדאַנקענ. עמעצער האָט אַרופגעלייגט א האַנט אַפ מײַנ קאָפּ, איכ האָב אופגעהויבנ די אויגנ — פאַר מיר איז געשטאַנענ מיכאָעלס.

— שוינ א לאַנגע צײַט שפּיר איכ נאָכ נאָכ דיר — האָט ער געזאָגט צו מיר, — זאָג מיר, וואָס קומט מיט דיר פאָר? דערצייל, וואָס באַאומרויִקט דיכ?

איכ האָב ניט אויסגעהאַלטנ אונ זיכ צעוויינט. מײַנ ביטער האַרצ האָב איכ אויסגעגאָסנ פאַר אימ.

מיכאָעלס האָט מיכ אופמערקזאַמ אויסגעהערט, אָנגענומענ מיכ בא די הענט, זיכ אַוועקגעזעצט נעבנ מיר אונ לאַנג מיט מיר געשמועסט. פאַר אָט דער נאַכט בינ איכ דורכ מאַמעש א גאַנצנ אוניווערסיטעט פונ אַקטיאָרישער מײַסטערשאַפט. אַפ קאָנקרעטע בײַשפּילנ פונ מײַנ אַרבעט האָט ער מיר דערוויזנ מײַנע פעלערנ, דערקלערט, וויאַזוי זיי אויסמײַדנ, געגעבנ צו פאַרשטיינ די אַלגעמיינע פּרינציפּנ פונ אַקטיאָרישער שאַפונג, צוגעזאָגט זײַנ האַשגאָכע איבער מיר.

אונ פונ דעמ אָוונט אָנ (פונ דאַנ, אייגנטלעכ, האָט זיכ טאַקע אָנגעהויבנ מײַנ אַקטיאָריש לעבנ) ביז דעמ שווידערהאַפטנ טאָג פונ זײַנ אומקומ האָט מיכאָעלס אָנגעפירט מיט מײַנ אַרבעט, שטענדיק

האָב איכ געפילט זײַנ צערטלעכע האנט, זײַנ הארציקע באַציִונג. ער האָט מיר ניט נאָר געהאָלפנ מיט זײַנע וויכטיקע, אַלעמאָל טיפע, עכט מיכאָעלסישע, אָנווײַזונגענ, ער האָט מיכ ארײַנגעפירט אינ זײַנ אייגענער שעפערישער לאבאָראטאָריע. פאר מײַנע אויגנ זײַנענ דורכ אַלע זײַנע געשטאלטנ אינ אַלע סטאדיעס. ער פלעגט זיכ טײלנ מיט מיר מיט אַלע זײַנע שעפערישע פלענער. אזוי האָט זיכ געשאפנ דער קאָנטאקט צווישנ אימ אונ מיר אפ דער בינע, אדאנק וועלכנ מיר האָבנ זיכ פארשטאנענ אפנ ווּנק; דער שעפערישער קאָנטאקט, וועלכער האָט מיר פארשאפט אזויפיל פרייד, אזויפיל גליק, אזעלכע הערלעכע אומפארגעסלעכע מאָמענטנ...

האָצמאכ אונ די באָבע יאכנע („די קישעפמאכערנ"), אוריִעל אקאָסטא אונ בענ-אקיבא („אוריִעל אקאָסטא"), שימעלע סאָראָקער אונ סאָלאָווייטשיק („200.000"), די באדכאָנים („באנאכט אפנ אלטנ מארק"), יעיצער-האָרע אונ יעיצער-טויוו („דאָס צענטע גע־באָט"), ביניאָמינ אונ סענדערל („מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי"), מענאכעמ-מענדל אונ קאפאָטע („לופט-מענטשנ"), דער טויבער אונ יאָסעלע באבצעס („דער טויבער"), יולים אונ סטאניסלאוו („פיר טעג"), מעסיע גרעדאנ אונ אנאטאָל פאָטאס („מיליאָנער, דאנטיסט אונ אָרעמאנ"), קיניג ליר אונ דער לעצ („קיניג ליר"), זײַוול אָוואַ־דים אונ זײַנ זונ מאָטקע („מישפאָכע אָוואדים"), כוּצ די שטעלונ־גענ, וועלכע מיכאָעלס האָט רעזשיסירט אונ אינ וועלכע איכ האָב זיכ באטייליקט. אינ אָט די מײַנע ראָלנ האָב איכ געהאט די זכיִע זײַנ אפ דער בינע לעבנ דעמ גרויסנ שעפער פונ קלאסישע קינסטלע־רישע סצענישע געשטאלטנ, לעבנ מײַנ לערער אונ כאווער, וועמענס ליכטיקנ אָנדענק איכ וועל מיט דאנקבארקײַט אונ שטאָלצ טראָגנ אינ מײַנ הארצנ ביז מײַנ לעצטנ אָטעמ.

* * *

שוין אַזוי שפּעט.

— וויפֿל אַ מענטש זאָל ניט זיצן, מוז ער פֿאָרט אַמאָל אַוועקגיין, — זאָג איך צו מיכאָעלסן. — שוין באַלד פֿיר אַזייגער. איר זײַט מיד, לייגט זיך שלאָפֿן.

— אָט וואַרט, זיץ נאָך אַ ווײַלע. אָט וועל איך אָנוואַרעמען קאַווע, מיר וועלן אויסטרינקען נאָך צו גלעזלעך. ווייסטו וואָס? דערצייל מיר עפּעס וועגן דײַנע קרויווים, וועגן דײַן זיידן רעב יודען און דער באָבען אָדער דײַן פֿעטער איצע־פֿיניען און דער מומען כאַנע־דאָברען, — בעט מיך מיכאָעלס.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ מײַסע אויף לאַנג. שוין וויפֿל מאָל האָב איך דערציילט און איבערדערציילט, שוין וויפֿל מאָל האָב איך דעמאָנסטרירט מײַנע קרויווים, יעדערן מיט זײַנע אָפּשניצלעך, מײַנע קרויווים, מיט וועלכע איך האָב פֿאַרבראַכט מײַנע קינדער־יאָרן אין מײַן היימשטאָט אין דער ליטע. מיכאָעלס געדענקט אַלע מײַנע קרויווים מיט זייערע נעמען און צונעמענישן פּונקט אַזוי, ווי איך ווייס אַלע זײַנע קרויווים לויט זײַנע דערציילונגען. נאָר אָפּזאָגן מיכאָעלסן קאָן איך ניט — איך אַליין האָב אויך האַנאָע דערפֿון. און עס הייבט זיך אָן אַ פֿאָרשטעלונג פֿאַר זיך אַליין. איך „שפּיל“ מײַן זיידן און מײַן באָבען, דערצייל פֿאַרשיידענע געשעעענישן פֿון זייער לעבן. מיכאָעלס כאַפּט אונטער — ער איז שוין דער זיידע, איך — די באָבע... מיר ביידע אימפּראָוויזירן און קענען זיך שוין ניט אָפּשטעלן. איצט „ווײַזט“ שוין מיכאָעלס זײַן פֿעטער שימענען מיט זײַן פֿרײַנט, אַ ייִד אַ שאַדכן, וועלכער פֿלעגט קומען צום פֿעטער זיך מעיאַשעוו זײַן וועגן אַן איניען. מיכאָעלס איז דער אָנגעברויגעזטער פֿעטער, און איך — זײַן מעקורעוו. ער — אויפֿן באַס, איך — אויפֿן דינסטן טענאָר. אָט די אימפּראָוויזירטע שפּילן — אַזוינע אומפֿאַרגעסלעכע, פֿון וועלכע

עס האָט מאמעש געשפּריצט מיט עמפּינדלעכקײט און קינדערישער אומיטלבאַרקײט — איז געווען פאַר מיכאָעלסן (און פאַר מיר אוואַ-דע און אוואַדע) א מין פאַרגעניגן און אויך א נויטווענדיקײט, אין די שפּילן פלעגט ער זיך אויסלאָדן, זיך אָפּרוען.

פון אָט די שפּאסן פלעגן אמאָל אַרויסקומען גאָר גוטע זאכן. צום בײַשפּיל, רעפּעטירנדיק „ביניאָמין האשלישי", די סצענע, ווען ביניאָמין און סענדערל לייגן זיך אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע שלאָפן אױף די הארטע בענק און קרעכצן דערבײַ, האָבן מיר זיך דערמאָנט, ווי מיר האָבן אַנומלטן געשפּילט מײַנע זיידן און מײַנע באָבעס, ווי זיי פלעגן זיך לייגן שלאָפן אױף זייערע סקריפּענדיקע בעטן... אויך מיכאָעלסעס פעסטער ניגון, וועלכן ער פלעגט, צוזאמען מיט זײַן מעקורעוו, זינגען אין די יאָמטויוױם באַם טיש, האָבן מיר אויסגענוצט אין אונדזערע אייביקע אַרויסטרעטונגען. דער ניגון איז אפילו דערגאַנגען ביז דער בינע פונעם מאָסקווער גרויסן אָפּערע-טעאַטער, ווו מיר זײַנען ביידע אַרויסגעטראָטן מיט א דיאַלאָג אָן ווערטער, געווידמעט דעם 15-טן יאָרטאָג פון דער סאָוועטישער קי-נעמאַטאָגראַפיע...

מיכאָעלס — אָט דער גרויסער קינסטלער, טיפער דענקער — איז געווען א שטיפער. ער האָט ליב געהאַט קינדער, און צווישן זיי האָט ער זיך געפילט היימיש ווי א קינד. וויפל מאָל, שפּאַצירנדיק מיט מיר איבער דער גאַס אין מאָסקווע אָדער אין אַנדערע שטעט ביים די גאַסטראָלן, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן נעבן א רעדל שפּילנ-דיקע קינדער און אָנטייל נעמען אין זייער שפּיל. אפן געבורטס-טאָג פון מײַן עלפיאָריקער טאָכטער האָט מיכאָעלס זיך אזוי גע-שפּילט מיט די פאַרזאמלטע קינדער, ער האָט געזונגען, געטאַנצט, געלייענט זיי לידער, פאַבולן, זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטיטש-קער — מיר אַלע האָבן געקײַכט פון געלעכטער. די קינדער האָבן אים לאַנג ניט אָפּגעלאָזט.

* * *

אונ אָט איז אונדזער מיכאָעלס שוינ מער ניטאָ מיט אונדז. אזוי פרי, אזוי אומדערווארט פארשניטנ געוואָרנ...

צענדליקער, צענדליקער טויזנטער מענטשנ זײַנענ געקומענ ארויס־באגלייטנ דעמ טײַערנ, אלעמענ נאָענטנ, דעמ גרויסנ מיכאָעלסנ.

ווענ דעמ אָרנ האָט מענ שוינ ארויסגעטראָגנ פונ טעאטער, זײַנענ דערנאָכדעמ געקומענ צו אונדז אינ טעאטער הונדערטער, הונדערטער מענטשנ בייגנ זייערע קעפ פאר דעמ אָרט, ווו דער אָרנ איז געשטאנענ.

הונדערטער, הונדערטער טעלעגראמעס אונ בריוו פונ אלע עקנ פונ אונדזער גרויסנ סאָוועטישנ היימלאנד אונ פונ אלע ווײַטסטע ווינקעלעכ פונ דער וועלט זאָגנ איידעס, ווי דאָס סאָוועטישע פאָלק אונ די פּראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכקײַט אויסער די גרענעצנ פונ אונדזער לאנד האָבנ אופגענומענ די טרויעריקע יעדיִע וועגנ דעמ פריצײַטיקנ טויט פונ דעמ טרײַענ זונ פונ אונדזער פאָלק, דעמ פלאמיקנ פאטריאָט פונ אונדזער סאָציאליסטישנ היימלאנד, דעמ דרייסטנ קעמפער פארנ עמעס, דעמ פארביסענעמ סוינע פונ בלוטיקנ פאשיזמ — שלוימע מיכאָעלסנ.

* * *

מיכאָעלס איז געשטאָרבנ? ניינ. אזעלכע ווי מיכאָעלס שטארבנ ניט. זייער אָנדענק בלײַבט לעבנ אייביק.

י. דאָברושינ

דער עמעסער פאָלקס-אַקטיאָר

1

„מײַנ האַרצ איז פול מיט טרויער. ס'איז געשטאָרבנ מיכאָעלס — אַ באַגײַסטערטער קינסטלער... אַ מענטש פונ גרויסער קולטור, פונ שאַרפנ געדאַנק, פונ רײַכער ערודיציע, פונ פּרעכטיקער באַגאַבטקײַט, אַ מערקווירדיקער זונ פונ אונדזער גרויסנ לאַנד".

אַזוי האָט אײנעמ טאָג פונ מיכאָעלסעס לעווײַע געשריבנ אײנער פונ די עלטסטע, פונ די באַרימטסטע שױשפּילער פונ מאָסקווער קינסטלערישנ טעאַטער, דער לאַורעאַט פונ דער סטאַלינ-פּרעמיע, דער פאָלקס-אַרטיסט פונ ססר מ. טאַרכאַנאָוו, אויסדריקנדיק דעמ טיפנ צאַר פונ די בעסטע סאָוועטישע קולטור- אונ קונסט-טוער איבערנ טויט פונעמ גרויסאַרטיקנ בינע-מײַסטער, פונעמ גרויסנ געזעלשאַפטלעכנ טוער שלוימע מיכאָעלס.

מיכאָעלס איז געווענ אַ גרויסע פּערזענלעכקײַט, אַ דענקער, אַ מעכטיקער קינסטלער, אַ באַליבטער געזעלשאַפטלעכער טוער, אונ ס'איז ניט אָפּצוטײלנ אײנעמ פונעמ אַנדערנ, ווי ס'איז ניט אָפּצוטײלנ מיכאָעלסעס שױשפּיל פונ זײַנ לעבנ, אונ די בײדע — פונ זײַנ אַרבעט פאַרנ פאָלק, פאַר די גרויסע אינטערעסנ פונ דער מענטשהײַט. די אַלע אײגנשאַפטנ האָבנ דערגאַנצט בײַ מיכאָעלסנ אײנער דעמ אַנדערנ.

זיי האָבנ באַפרוכפּערט זײַנ גרויסע שעפערישע נאַטור, זײַנ קינסטלע-
רישנ ברויז און אימפּעט. מיכאָעלס דער אַקטיאָר און רעזשיסער, דער
קינסטלערישער אָנפירער פונ טעאַטער, מיכאָעלס דער אָרגאַניזירער
און פאָרזיצער פונעמ ייִדישנ אַנטיפאַשיסטישנ קאָמיטעט און מי-
כאָעלס דער מערקווירדיקער טריבונ — אומעטומ איינע און די זעל-
בע פילאַרטיקע און דאָך מאָנאָליטע געשטאַלט פונ אַ קעמפער פאַרנ
פאָלק, פאַר זײַנע קולטורעלע ווערטנ, פאַר זײַנ סאָציאַלנ גליק און סאָ-
ציאַליסטישער צוקונפט.

שלוימע מיכאָעלס איז געבוירנ געוואָרנ אינ 1890 יאָר אינ דער
שטאָט דווינסק, געענדיקט אַ מיטלשול, געענדיקט דעמ יורידישנ פאַ-
קולטעט. זײַנ לעבנס-געשיכטע האָט אָבער מיכאָעלס אַליינ ליב גע-
האַט אָנצוהייבנ פונ 1919 — פונ דעמ יאָר, ווענ ער איז אַרײַנגע-
טראָטנ אינ דער ייִדישער טעאַטראַלער סטודיע. די צווייטע וויכטיקע
דאַטע אינ זײַנ שעפערישנ לעבנ איז געווענ דאָס יאָר 1921, ווענ ער
האָט אויפ דער בינע פונ ייִדישנ מעלוכישנ טעאַטער אינ מאָסקווע גע-
שאַפנ די וווּנדערלעכע געשטאַלט פונ רעב אַלטערנ אינ שאָלעמ-אַליי-
כעמס „מאַזלטאָוו".

אינעמ באַלעבאַטעמ אַלטנ פאַקנ-טרעגער רעב אַלטערנ האָט מיכאָ-
עלס צומ אַלעמ ערשטנ אויפגעדעקט און באַוויזנ די יוירונג פונ איי-
נעמ אַ קוימ מערקבאַרנ זאָמענ, וואָס איז ערעוו דער ערשטער רע-
וואָליוציע פאַרפלויגנ צו אָט דעמ פאָלקס-מענטשנ פונעמ אָרעמיקנ באַ-
פרײַערישנ אידייענ-ברויז, זיכ פאַרוועבט אינ די זיטלעכ-זויבערע
פעדעמ פונעמ פאַקנ-טרעגערס פאָלקס-נאַטור און אַ ווענד געטאָנ זײַנ
באַוווסטזײַנ אינ דער ריכטונג פונ שטילנ טרוימ וועגנ אַ בעסערנ,
אַ מער יושרדיקנ וועלט-סדר. און פונדאַנענ ציענ זיכ פעדעמ
צו מיכאָעלסעס שפּעטערדיקע פאַרקערפּערונגענ פונ שאָלעמ-אַלייכעמס
געשטאַלטנ, צו די אַקטיאָרישע פאַרקערפּערונגענ פונ שימעלע סאָראָ-
קער, פונ טעוויע דעמ מילכיקנ. אינ אָט די אַלע געשטאַלטנ האָט מי-

כאָעלס ווי א וועגנ געטאָנ זייער טרוימערישנ פלאַמ אינ דער ריכ־טונג פונ דער גרויסער אידיי פונ לעבנס־איבעראַנדערשונג.

ס'איז א פאַקט. שאָלעמ־אַלייכעמ האָט ביז דער אָקטיאַבער־רע־וואָליוציע ניט געגאָלטנ אַלס דראַמאַטורג. ער האָט געשריבנ פיעסנ, אינסצענירט זײַנע אייגענע פּראָזע־ווערק, ער האָט פאַרמאָגט פינפ אונ צוואַנציק גרעסערע אונ קלענערע דראַמאַטישע שאַפונגענ, ער האָט זיי פאַרגעלייענט נאָכאַנאַנד די בעסטע אַמעריקאַנער ייִדישע אַקטיאָרנ, אונ נאָכ איינער אַנ אַנטוישונג אינ די אַמעריקאַנער טעאַטראַלע גליקנ האָט ער אינ יאָר 1908 מאַמעש מיט פאַרויסזעערישער קראַפט גע־שריבנ אינ א בריוו פונ אויסלאַנד:

„איכ בינ זיכער, אַז דער לעבנס־שטראָמ אונ די צייכנס, וואָס איכ זע אינ אונדזער לאַנד, זײַנענ גוטע סימאָנימ פאַר אונדז, קלאָרע באַ־ווײַזנ, אַז באַלד וועט די זונ אויפשײַנענ איבער אונדז, דאָס ייִדישע טעאַטער וועט זיכ אַנטוויקלענ דאָרטנ, האַפקע אינ רוסלאַנד, מיר וועלנ זײַנ באַלעבאַטימ אויפ אונדזער וועלט... מײַנע אויגנ וועלנ דאָס עפשער ניט זענ...“

אונ אַזוי איז טאַקע געשענ. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אינ רוס־לאַנד האָט צעעפנט טיר אונ טויער פאַר שאָלעמ־אַלייכעמס דראַמאַ־טישער שאַפונג, ווי אויכ פאַר דער דראַמאַטישער שאַפונג אונ אינסצע־נירונג פונ מענדעלע מויכער־ספאָרימ, פונ י.־ל. פערעצ. מיכאָעלס איז געווענ דער ערשטער גרויסער אינטערפּרעטירער פונ זייערע קלאַסישע געשטאַלטנ. ער האָט מיטגעהאָלפנ אויסקלאָרנ דעמ שאַפונגס־וועג פונ די ייִדישע קלאַסיקער, אויפגעדעקט זייער דערקענטענישווערט, זייער געשיכטלעכנ באַדײַט.

די פערסאָנאַזשנ פונ די קלאַסיקער געהערנ שוינ דער געשיכטע. פאַרשטעלנ זיי אויפ דער בינע — באַדײַט דעריקער אויפלעבנ פאַר אונדז זייער געשיכטלעכ אויסגעבילדעטנ כאַראַקטער, אויפדעקנ ניט נאָר די פּאָזיטיווע אונ נעגאַטיווע אייגנשאַפטנ פונ זייער נאַטור, נאָר

אויכ אינ דעריקער זייער פארבינדונג מיט גאנצנ קאמפלעקס פונ זייערע לעבנס־באדינגונגענ, דורכפירנ זיי דורכ אלע פארמיטלונגענ פונ זייער לעבנס־טקופע. מע קענ ניט צוגיינ מיט בלויזנ אבסטראקט־עטישנ קריטעריי פונ גוטס אונ שלעכטס צו שאלעמ־אליינעמס מענא־כעמ־מענדל, צו שימעלע סאראקער, צו טעוויע דעמ מילכיקנ צי צו מענדעלעס ביניאמינ דעמ דריטנ אונ פערעצעס טאדרנ פונ „באנאכט אפנ אלטנ מארק" — צו די אלע, וואס די מאס פונ זייער מאראלער אפשאצונג ליגט ניט אפנ אויבנאנ פונ זייערע כאראקטער־טאטנ. זייער אייגנטימלעכקייט ווערט געמאסטנ מיט זייער סאציאלנ בארופ, מיט זייער זעלבסטבאוווסטזיינ, לויט זייער אנגעהעריקייט צו קלאס אונ שיכט.

פונ די אלע געשטאלטנ, ווי אויכ פונ דער האצמאכ־געשטאלט אינ גאלדפאדענס „קישעפמאכערנ", וואס דער גרויסער מיכאעלס האט אופ־געלעבט פאר אונדז, איז צו זענ, אז מיכאעלסעס געשטאלטיקונגס־פרינציפנ גראבנ זיכ אינ דער טיפ פונ דער געשילדערטער סאציאל־געשיכטלעכער סיטואציע.

בא די קלאסיקער, בא די אוועס פונ דער מאדערנער יידישער ליטעראטור, האט מיכאעלס געלערנט זיינ אינ זיינע סצענישע שאפונ־גענ ניט נאר א שטייגער־שילדערער, נאר אויכ א געשיכטע־שרייבער. ער האט עס באוויזנ, אופשטעלנדיק פאראלגעמיינערטע טיפנ, מענטש־לעכע מאנומענטאליזירטע צייכנס אינ דער געשיכטע פונ דער גע־זעלשאפט, פונ אירע קאמפנ, טרוימענ, האפענונגענ. זיינע אופגעפירטע פארגאנגענהייטס־געשטאלטנ, ווי קליינ זיי זאלנ ניט אויסזענ באמ שיינ פונעמ גרויסנ גאנג פונ דער געשיכטע, האט מיכאעלס, גייענדיק אינ די וועגנ פונ די קלאסיקער, אלעמאל אוועקגעשטעלט אפ יענעמ ארט, ווו עס קרייצנ זיכ היסטארישע צוג־קרעפטנ, ווו עס שלאגנ זיכ ליידנשאפט אונ גוראלעס פונ אוועקגייענדיקע אונ קומענדיקע וועלטנ. אונ טאקע דערפאר האט מיכאעלס אנגעהויבנ זיינ וועג צו דער קלא־

סיק מיט שאָלעמ־אַלייכעמענ, מיטנ שאָלעמ־אַלייכעמיש אויפגעפאסטנ גאָלדפאַדענענ, געקרוינט דעמ דאָזיקנ וועג מיט טעוויע דעמ מיל־כיקנ, באַוויזנ באַנאַנד מיט שאָלעמ־אַלייכעמענ, ווי דער פּראָסטער מענטש ווערט פאָלק אונ פאָלק ווערט וועלט.

„שוינ באַלד צוויי טויזנט יאָר, — שרייבט שאָלעמ־אַלייכעמ אינ זײַנ פאָרוואָרט צו דער רוסישער איבערזעצונג פונ זײַנע ווערק, — אַז זי שטייט, די הייכע מעכטיקע וואַנט, אונ שיידט אָפּ דאָס אינער־לעכע יידישע וועלטל פונ דער גאָרער וועלט, וואָס רינגלט עס אַרומ, אַנשטאָט דעמ, וואָס מע זאָל אָט די דאָזיקע וואַנט צעשטערנ... מיט מײַנע שוואַכע קויכעס נעמ איכ שוינ מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט אַנטייל אינ דער דאָזיקער אַרבעט. איכ סטאַרע זיכ אויפצודעקנ דעמ אינערלעכנ זינ פונ די אײַנוווינער פונ טכומ אונ געפינענ דאָ דעמ ליכ־טיקנ אָפּשײַנ פונעמ מענטשנ מיט אַלע זײַנע פריידנ, טרויערנ אונ מיט זײַנ שטרעבונג צו אַנ אידעאַל”.

אָט אַזאַ איז אויכ מיכאָעלסעס שאָלעמ־אַלייכעמ, זײַנ גאָלדפאַדענ, זײַנ מענדעלע מויכער־ספאָרימ אונ זײַנ י.־ל. פערעצ. די קלאַסיקער האָט מיכאָעלס אויסגעקערט מיטנ פּאָנעמ צו „דעמ ליכטיקנ אָפּשײַנ פונעמ מענטשנ מיט אַלע זײַנע פריידנ, טרויערנ אונ מיט זײַנ שטרעבונג צו אַנ אידעאַל”. אָט דעמ אידעאַל האָט מיכאָעלס קאָנקרעטיזירט אינ זײַנ טעוויע דעמ מילכיקנ, ווו סײַ די אויפירונג סײַ די פאַרקערפּערונג פונ דער דאָזיקער פאָלקס־געשטאַלט האָט מיכאָעלס רעאַליזירט אינ גײַסט פונ שאָלעמ־אַלייכעמענ, וואָס האָט מיט טעוויעס מויל אַרויס־געזאָגט דעמ געדאַנק וועגנ „איבערמאַכנ די וועלט”, דעמ געדאַנק וועגנ לעבנס־ענדערונג. מיטנ דאָזיקנ געדאַנק האָט מיכאָעלס אַזוי העל אַ באַ־שײַנ געטאָנ אַלע זײַנע גרעסערע אונ קלענערע געשטאַלטנ פונ דער יידישער פאַרגאַנגענהײַט, די געשטאַלטנ פונ דער יידישער קלאַסיק.

2

צוגײנ ריכטיק צו שאלעמ־אלײכעמס פערסאנאזשנ באדײַט אײַנזענ אינ שאלעמ־אלײכעמס קלײנע מענטשעלעכ קארבאנעס פונ די קאפּיטאליסטישע לעבנס־פארהעלטענישנ, דאס באדײַט געשיכטלעכ פארורטײלנ די שאלעמ־אלײכעמיש־געשילדערטע אומגעלומפּערטע לעבנס־באדינגונגענ זײערע, אונטערשטרײַכנדיק דערבײַ זײער מענטשלעכע טענות, װאס װערט בא זײ געלײַטערט דורכ לײדנ.

מיכאעלס האט אט די בײדע ליניעס בוילעט אונ קאנקרעט אויסגעשײלט דורכ דער געשטאלט גופע. אונ אינ דעמ ליגט די שױשפּילערישע אויסטײַטשערישע קראפט מיכאעלסעס, װאס האט ביז אינ בײנ ארײַנ אנטבלויזט דעמ סאציאלנ מעהוס אונ דעמ אײגנארטיקנ כאראקטער סײַ פונ מענדעלעס אפּשפּאטערישנ גראטעסק סײַ פונ שאלעמ־אלײכעמס לאכנדיקער טראגיק.

אפילע מיכאעלסעס לופט־מענטש, מענאכעמ־מענדל, רופט ארויס מיטגעפיל אינ די מאמענטנ, װענ מיכאעלס קומט אנטפּלעקנ די גאנצע סאציאל־פּסיכאלאגישע קאמפּליקאציע פונ דער מענאכעמ־מענדלשער געשטאלט. מיכאעלסנ איז אפילע געלונגענ ארײַנטראגנ א געװיסע פּאעטיזירונג אינ דער אויספארמירונג פונ דער דאזיקער געשטאלט. ניט די פּאעטיזירונג פונ דער געשטאלט גופע, נאר פונ די מענטשלעכע שטרעבונגענ, טרוימענ אונ האפענונגענ, װאס שאלעמ־אלײכעמ האט אויכ געשטרעבט צו באװײַזנ דורכ אט דער געשטאלט. װײַל ער, שאלעמ־אלײכעמ, איז דאכ מיט זײַנ מענאכעמ־מענדל אויסנ געװענ דעריקער ארויסטראגנ זײַנ באשולדיקונגס־אקט איבער די קאפּיטאליסטישע לעבנס־באדינגונגענ, װאס האבנ צוגערויבט באמ מענטשנ יעדע מעגלעכקײַט פונ טרוימענ װעגנ גליק, װעגנ א שטיקל מאזל אפ דער װעלט.

יעדעס מאל, װענ מיכאעלס האט זיכ פארטיפט אינעמ לעבנ פונ שאלעמ־אלײכעמס א מענטש, האט ער געפונענ אינ אימ די טיפ מענטש־

לעבע הומאניסטישע שטריכנ. ס'איז שטענדיק מאמעש א פרייד גע־
ווענ צו זענ מיכאָעלסנ אינ דער ראָל פונ רעב אלטערנ, א פרייד צו
זענ די זיטלעכ־וויבערע לירישע געשטאלט פונ דעמ אפ דער בינע
אופגעפירטנ פאָלקס־מענטש אזוי, ווי ער איז ארויס פונ אונטער שאָ־
לעמ־אלייכעמס גענ:אלער פענ, פונ אונטער מיכאָעלסעס קאָנגענ:אַ־
לער געשטאלטיקונג.

מיכאָעלסעס רעב אלטער איז א טרוימער, ער טרוימט אפ זײַנ
אויפנ ווענג א שענערער צוקונפט, אונ דערפאר ציִענ זיכ פונ אימ
פעדעמ צו מיכאָעלסעס שפעטערדיקע טעאטראלע פארקערפערונגענ:
צו שימעלע סאָראָקער, צו טעוויע דעמ מילכיקנ אונ אויכ צו מענ־
דעלעס ביניאָמינ דעמ דריטנ.

מיט א מעכטיקער קראפט האָט מיכאָעלס אויסגעקנאָטנ די גע־
שטאלט פונ שימעלע סאָראָקער אינ שאָלעמ־אלייכעמס „דאָס גרויסע
געווינס“. בא אימ, בא שימעלע סאָראָקער, האָט מיכאָעלס מאמעש
פונ די ליפנ אראָפגענומענ דאָס ווייניק באמערקטע וואָרט „אמכאָ“
אונ פארוואנדלט אינ א לייט־מאָטיוו, וואָס באצייכנט שוינ פאָר
אונדז דעמ גאנצנ קאָמפּלעקס פונ דער שאָלעמ־אלייכעמישער פאָלקס־
געשטאלט.

„א־מע־כאָ!“ — שטרײַכט פײַערלעכ אונטער מיכאָעלס, אונ זײַנ
שימעלע ווערט ניט בלויז א פאָלקס־מענטש, נאָר א באגײַסטערטער
פאָלקס־מענטש, א מענטש, וואָס טראָגט אינ זײַנ נאטור אונ טעווע
די פאטעטיק פונ אינערלעכער ליבשאפט צומ מענטש אונ אינער־
לעכנ גלויבנ אינ גרויסנ פריידיקנ כאָלעמ וועגנ מענטשלעכנ גליק.
פונ דער דאָזיקער אינטערפרעטירונג וואקסט אויס בא מיכאָעלסנ דער
פראָטעסט קעגנ דער אייגנטימערישער וועלט, קעגנ די אייגנטימערישע
פארשווערער פונעמ עכט־מענטשלעכנ טרוימ. וואָלט דענ מעגלעכ
געווענ אזא אופפאסונג פונ דער ראָל, ווענ אליינ דער אקטיאָר זאָל ניט
קומענ מיט דער רעוואָליוציאָנערער אָפשאצונג פונ שאָלעמ־אלייכעמס

דראמאטישע ווערק, ווענ ער זאל ניט האבנ דעמ ריכטיקנ סאציאלנ
שליסל צו שאלעמ־אלייכעמס שאפנ, צו שאלעמ־אלייכעמס געשטאל־
טיקונג?

מיט דעמ דאזיקנ שליסל איז מיכאעלס שפעטער צוגעגאנגענ צו
שאפנ איינע פונ זײַנע שענסטע שאלעמ־אלייכעמישע געשטאלטנ, די
געשטאלט פונ טעוויע דעמ מילכיקנ. מיט טעוויענ האט שאלעמ־אליי־
כעמ אנגעהויבנ די נײַע טראדיציע, די אינ טאכ רעוואליוציאנערע
טראדיציע פונ פאלקס־מענטש אונ זײַנ מישפאכע. שאלעמ־אלייכעמ
איז אינ ערגעצ ניט אזוי ארײַנגעדרונגענ אינ פאלקס הארצ, האט אינ
ערגעצ ניט אזוי א רייד געטאנ מיטנ מויל פונ פאלק, א רייד געטאנ
וועגנ איבערמאכנ די וועלט, ווי ס'רעדט בא אימ טעוויע דער מיל־
כיקער. מיכאעלס האט מײַסטעריש באוויזנ, ווי שאלעמ־אלייכעמס
טעוויע האט געבראכט אונ איבערגעענטפערט דעמ רעוואליוציאנערנ
דאר די אנגעזאמלטע עטישע פאלקס־ווערטנ, וואס זײַנענ געוואקסנ
טאקע מיטנ גרויסנ פראטעסט קעגנ אומרעכט פונ הערשער אונ גווי־
רימ, קעגנ דער אונטערדריקונג פונ צארישע אונ קאפיטאליסטישע באַ־
לעבאטימ אונ הארנ.

ארײַנדרינגענדיק, ווי שטענדיק, אינ דער טיפסטער קולטור־היס־
טארישער אפשטאמונג פונ קלאסישנ טיפאזש, האט מיכאעלס באשאפנ
זײַנ מערקווירדיקנ האצמאכנ, באשאפנ זײַנ טראגי־קאמישנ ביניאמינ
דעמ דריטנ — דעמ מענטש מיטנ הייסנ קאפ אונ קליינעמ סייכל,
דעמ מענטש, וועמענ מענדעלע מויכער־ספארימ האט אופגעשטעלט
אינ איינקלאנג מיט זײַנ צײַט, צייכענענדיק א דאר, וואס איז נאכ פול
געווענ מיט סכאלאסטישנ יערושע־באלאסט. מיכאעלס האט פארהיט
אונ פארשטארקט דעמ גרויסנ דערקענטעניש־באדײַט, וועלכנ ס'האט
אינ ביניאמינס ארײַנגעגעבנ זײַנ ערשטער באשעפער — מענדעלע
מויכער־ספארימ, וואס האט אימ געזענ א לעבעדיקנ פאר זײַנע קינסט־
לערישע אויגנ אונ האט אינ אימ פארקערפערט זײַנ צארנ קעגנ די

פאַרקריפּלער פון לעבן, זײַנען צאַר פאַר די לעבנס, וואָס ווערן פאַר־קריפּלט און באַליידיקט...

„דער לעבעדיקער מענטש, — האָט איינמאָל געזאָגט מיכאָעלס, — וועקט אין מיר שטענדיק דאָס געפיל פון כאַוועראַשאַפט, דער מענטש רופט אין מיר אַרויס אַ שטרעבונג צו געבן אים די מעגלעכקייט פאַר־טיידיקן זיך“. די דאָזיקע אַרויסזאָגונג מיכאָעלסעס האָט געהאַט אַ שייכות צו די קלאַסישע געשטאַלטן. אין בנימינען האָט מיכאָעלס ווידעראַמאָל רעאַביליטירט דעם מענטשנס פעיקייט צו טרוימען, פאַר־היטנדיק דערביַי די מענדעלע־קריטיק איבער דעם קאָנקרעטן אינהאַלט פון בנימינס טרוים גופא, איבער דער נישטיקייט פון בנימינס קליינשטעטלשע האַסאָגעס און פאַרלאַנגען. שפּילנדיק בנימינען, איז מיכאָעלסן דערפאַר אַזוי ניכע געווען די פּיַינע, די אַנאַליזירנדיקע, קאָן מען זאָגן, איראָניע, וואָס האָט אים דערלויבט אָפּצולייקענען בי־נימינס קריפּל־איינגעשאַפטן און ראַטעווען אין אים דעם מענטשן, באַוויַיזן דאָס מענטשלעכע אין די באַדינגונגען פון אַלטשטעטלשער לייד און דאַלעס.

די געשטאַלט פון בנימינען דעם דריטן — דאָס איז איינע פון מיכאָעלסעס גרעסטע שאַפונגען טאַקע דערפאַר, וויַיל מיכאָעלס האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט אינעם עכט מענדעלישן „איימעק־האַבאַכאַ“, אין יאָמער־טאָל, און אַ הייב אויף געטאָן פון דאָרט די מענטשלעכע ווירדע, באַפריַיט זי פון אונטער דער לאַסט, פון אונטערן ברוכוואַרג פון די פינצטערע רעליגיעזע פאָרורטיילן און אידיאָטיע. דאָס דאָזיקע איז דאָך אין טאָך אויסן געווען מענדעלע מויכער־ספאָרים און שפּעטער אויך שאָלעם־אַליישעם. יעדערער פון זיי האָט אָפּ זײַן אויפן געזוכט אופצוהייבן דעם גײַסט פונעם פאָלקס־מענטש, פירנדיק אַ פאַרביטערטן און שאַרפן קאַמף מיט דער טונעיאַדעווקער און קאַסרילעווקער טעמפּ־קייט און אָפּגעשטאַנענקייט, די סיבעס פון וועלכע זיי האָבן גוט פאַר־שטאַנען איַינצוזען אין דער דערדריקטקייט און העכטלאָזיקייט פון די

מאַסנ אינ די צאַריש־קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגענ. דאָס דאָזיקע האָט מיכאָעלס אופגעדעקט באַשײַמפּערלעכ דורכ זײַנ גענ‍יאַלער אינטערפּרעטירונג פונ די קלאַסישע געשטאַלטנ.

3

מיכאָעלס איז אינ זײַנ שױשפּיל אַ פּאָעט, אַ ראָמאַנטיקער. דאָ האַנדלט זיכ וועגנ יענער ראָמאַנטיק, וועגנ וועלכער גאָרקי האָט אַמאָל אַזוי מערקווירדיק געזאָגט: „דורכנ וואָרט ראָמאַנטיק באַצייכנ איכ נאָר די קריגערישע שטימונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט, וועלכע שטאַמט פונ דעמ, וואָס ער איז געקומענ צומ באַוווּסטזײַנ פונ זײַנע קרעפטנ, פונ דעמ, וואָס ער פּאַסט זיכ אופ אַלצ מער אונ מער ווי אַ באַלעבאָס פונ דער וועלט אונ ווי אַ באַפרײַער פונ דער מענטשהײַט“.

אָט דער אַרט רעוואָליוציאָנערער באַפרײַערישער ראָמאַנטיזמ איז ווי אָנגעמאָסטנ פאַר מיכאָעלסעס שױשפּיל, פאַר זײַנע אופירונגענ, פאַר זײַנ טעמפּעראַמענטפולנ, לײַדנשאַפטלעכנ צוגאַנג צו זײַנע טעאַטראַלע געשטאַלטלעכע פאַרפאַסונגענ. וואָרעמ זיי זײַנענ גאַנצענע ווערק, מיכאָעלסעס געשטאַלטנ. מע דאַרפ צו זיי צוגײַנ ווי צו גאַנצענע ווערק, אומ צו קאָנענ אײַנזעענ אינ זיי, אויסער דעמ קאָנקרעטנ פאַרגעשטעלטנ פּערסאָנאַזש, אויכ דעמ ברויזנדיקנ גײַסט פונ זייער שעפער, וואָס טראָגט אינ זיי אַרײַנ דורכגעטראַכטע אונ דורכגעלעבטע רעוואָליוציאָנערע וועלט־אָנשויונג. אונ דערפאַר איז באַ מיכאָעלסנ עמאָציאָנעל אַלײַנ שוינ דער געדאַנק, דערפאַר איז באַ אימ דאָ, ווי באַ יעדער רעוואָליוציאָנערנ דענקער, הייסע לײַדנשאַפט. דאָס איז די לײַדנשאַפט פונ דער ראָמאַנטישער קריגערישקײַט, וועגנ וועלכער עס רעדט גאָרקי, די לײַדנשאַפט פונ אַ גרויסנ קינסטלער, וואָס האָט זיכ באַהעפט טאַקע צו דער וועלט־באַפרײַערישער, לעבנס־ענדערנדיקער אידיי אונ זוכט זי אומעטומ אפ זײַנ אייגענעמ אופנ צו פאַרקערפּערנ אונ צו פאַרגעשטאַלטיקנ.

צי איז ניט מיט דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט־לעכער אידיי פאַרבונדן מיכאָעלסעס פּאַטאָס אַף דער בינע! זיין „אינטעריער" האָט אויך שטענדיק געהאַט אָפענע טיר־און־טויער אין דער ארומיקער וועלט. דאָ גייט א רייד ניט בלויז וועגן דעם, וואָס מיכאָעלסן איז, קענטיק, געווען צום הארצן ארויספירן די סצע־נישע האנדלונג אין דרויסן, אין גאַס ארײַן, וועגן דעם, הייסט עס, וואָס אים איז ניט גאָר ניכע געווען צו שפּילן אין אופגעשטעלטע איזאָלירנדיקע דינע ווענט פון צימער, ווען די האנדלונג קומט פאָר אין שטוב אפילע. ניין, דאָ גייט א רייד וועגן דעם כאַראַקטער פון מיכאָעלסעס עצעמ שפּילן, וואָס איז קיינמאָל ניט קיין אינטעריע־רישער, ניט קיין שפּיל פאַר זיך. ס'איז גרײַלעך צו באַמערקן, אז אין אלע אופגעפירטע ראָלן זײַנען בא מיכאָעלסן געווען אזוי ווייניק מאָמענטן, ווען ער בלײַבט אַף דער בינע איינער אליין, פאָנעם־על־פאָנעם מיט זײַנע איבערלעבונגען. עס טרעפט זיך זייער זעלטן מיכאָעלס זאָל אַף דער בינע ריידן אליין מיט זיך. אין אזוינע רע־געם באַנוצט ער שטענדיק דעם אָביעקט: דעם שטומען בייפעצ צי דעם באַלעבײַ, צו וועלכן ער ווענדט זיך, מיט וועלכן ער רעדט, אָדער דורך וועלכן ער דריקט אוים זײַן אינערלעכן צושטאנד.

אזויארום דיאַלאָגיזירט מיכאָעלס דעם מאָנאָלאָג, צו וועלכן ער האָט געפילט באַשײַמפּערלעך א קנאַפּע נייגונג, ביפראַט ארויסצו־ברענגען אים אין זײַן ריינער מאָנאָלאָגישער פאָרם. ס'איז סימפּטאָ־מאַטיש דאָס, וואָס מיכאָעלס האָט אויסגעמיטן די פאָרלייענערישע אויספילונג פון ווערק. ער האָט אויסגעמיטן די בלויזע סצענישע פאָרלעזערײַ. די פאַרבינדונג מיטן צושויער פארווירקלעכט מיכאָעלס דורך דער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון סצענישע פארמיטלונגען, אָנגע־הויבן פון מיטשפּילער און געענדיקט מיט דער מוזיק, וועלכע דינט מיכאָעלסן גאָרניט ווי אן איליוסטראַציע אָדער ווי א שטימונג־קאָמפּאָנענט, נאָר ווי אן ארויסגערעדטע רעפּליק. מיכאָעלס פאַר־

ברענגט מאמעש מיט דעם קאָמפּאָזיטאָרס מוזיקאַלער פּראָזע, ער רעדט צו איר, זי ענטפערט אים, זי פילט אים אָנ דעריבער די פּאַוזע, ווי א לעבעדיקער מיטשפּרעכער.

דאָס זעלבע איז אויכ מיט מיכאָעלסעס זשעסט. אנדערע מיינענ, אז מיכאָעלסעס זשעסט איז געווענ אנ איליוסטראטיווער. ס'איז ניט ריכטיק. מיכאָעלסעס זשעסט דערגאנצט דעם געדאנק, דאָס איז פולשטענדיקע איגהאלטלעכע באשיינונג פונעם וואָרט. צוזאמענ מיט דער אינטאָנאציע העלפט בא אים דער זשעסט איבערצוגעבנ, באריכערנ דעם אינהאלט פונעם וואָרט, וואָס איז בארופנ אינ מיכאָעלסעס שוישפּיל אָנקומענ איינצייטיק צום אויג אונ צום אויער. די סיסטעמ פונעמ פאָרשפּיל אָדער נאָכשפּיל צום וואָרט, וואָס מיכאָעלס האָט אזוי מייסטעריש פאנאנדערגעארבעט, אָט די מערקווירדיקע צייכענונג מיט די הענט, מיט די פינגער פאר, אינ דער מיט אָדער נאָכנ ארויסגעזאָגטנ וואָרט אונ פּראָזע — דאָס איז געווענ מיכאָעלסעס אָנשוילעכ מיטל אפ ארויסצורוקנ, באלייכטנ דעם אָדער יענעם אינהאלטלעכנ באדייט פונעם וואָרט. פּונקט ווי צו דער מוזיק פלעגט מיכאָעלס, דאכט זיכ, ריידנ צו זיינע שטראלנדיקע הענט, צו זיינע לעבעדיקע פינגער, פארשטארקנ דורכ זיי דעם זינ פונ דער רעפּליק אינ דער ריכטונג פונ דער אלגעמיינער אידייִשער צילגעווענדטקייט פונ דער געשטאלט. אינ דעם אלעם דריקט זיכ אויס די עקספּאנסיע פונ מיכאָעלסעס גרויליקנ בעשטעטיקונג טעמפּעראמענט, וואָס זוכט אויס נייע פאָרמענ פונ מימישער שפּראכ אפ דער בינע.

מיכאָעלס דער געזעלשאפטלער אפ דער בינע האָט זיכ נאָכ בולטער, שטארקער אויסגעדריקט, בעשאס ער איז פונ דער יִדישער קלאסיק אריבער צו דער יִדישער סאָוועטישער דראמאטורגיע, ווענ ס'איז בא אים אויסגעוואקסנ צום אלעמ ערשטנ די פּאָזיטיווע געשטאלט, דער פּאָזיטיווער פּראָטעסטירנדיקער, רעוואָליוציאָנערער מענטש, מענטש אינ שטורעמ קעגנ דער אויגנטימערישער מאָראל אונ

לעבנ-איַינאָרדענונג, מענטש אינ אָפענעמ קאמפ פאר זיַינע מענטשנרעכט, אינ קאמפ פאר אלדאָס מענטשלעכע, פארטיפטע אונ דערהויבענע. דער גאנג צומ דאָזיקנ פאָזיטיווּנ פערסאָנאזש האָט נאָכ דעמ אופירנ די געשטאלט פונ בערגעלסאָנס „טויבנ" געפירט מיכאָעלסנ צו דעמ מענטשנ פונ דעמ בירגער־קריג, צו דעמ מענטשנ פונ די סאָוועטישע יאָרנ.

אינ דער ראָל פונעמ טויבנ האָט זיכ מיכאָעלס מיט ליַיב-אונ-לעבנ אָפגעגעבנ דער טראגישער סטיכיִע פונ דער דאָזיקער געשטאלט, אופשטעלנדיק אינ דער פולער גרייס דעמ מענטש, וואָס איז גרויזאמ פארשקלאפט אינ די אומענטשלעכע קאפיטאליסטישע באדינגונגענ. מיטנ טויבנ האָט מיכאָעלס אופגעעפנט א ניַיע סעריע געשטאלטנ, וואָס ער האָט פונ איצט אָנ אפ א ניַיעמ, פולקומ רעאליסטישנ אויפנ אוועקגעשטעלט אפ זיַינ ליניע פונ קאמפ פאר דער לעבנס-איבעראנדערשונג אונ וועלט-ענדערונג.

מיכאָעלס האָט איינמאָל דערציילט, אז דער געדאנק צו שפּילנ דעמ קיניג ליר איז באַ אימ אופגעקומענ אפ דער פּרעמיערע פונ „טויבנ". די טראגיש אויסגעפורעמטע ראָל פונעמ טויבנ האָט אימ געפירט צו דער שעקספּירישער טראגישער פיגור. די ליניע, וואָס פירט פונ טויבנ צו קיניג ליר, איז אויכ די פּראָבלעמ-ליניע פונ פאָטער אונ קינד אונ אויכ די ליניע פונ דער גרויסער דורכ דער טראגיק אופגעדעקטער מענטשנ-ליבע.

מיכאָעלס האָט געזאָגט אינ א שפּאס, אז ער איז געווענ דער, וואָס האָט דעמ קיניג ליר אָפּגעשאָרנ די באָרד. אונ גיינ גייט דאָ די רייד וועגנ דעמ, וואָס מיכאָעלס האָט פונעמ קיניג ליר אראָפּגענומענ דעמ קיניגלעכנ שטאמפּ. ער האָט פונ אימ אראָפּגענומענ דעמ אויסערלעכנ טראפּארעט, דעמ דעקאָראטיווּנ „האדראס-פּאָנעמ", וואָס האָט אינ דער לאנגיאָריקער אקטיאָרישער טראדיציע פארוואנדלט שעקספּירס פּיעסע אינ א זיטלעכער מישפּאָכע-דראמע, באַ

ווײַזנדיק דעמ קלוימערשט אײביק טראגישנ קאמפ פונ עלטערנ אונ קינדער, וועלכער דערגרײכט אזש ביז צומ קיניגלעכנ הויפ. צוזאמענ מיט דער קיניגלעכער באָרד האָט מיכאָעלס פונ דער ליר־געשטאלט אראָפגענומענ אלע איבעריקע קיניגלעכע רעגאליעס, די מאסקע פונ א געהויבענעמ „פאמיליענ־פאָטער” אונ פארוואנדלט לירנ אינ א מענטש, א מענטש א דענקער, אײנעמ פונ די, וואָס האָבנ צווישנ דעמ פינצ־טערנ קלעמענדיקנ פלאָנטער פונעמ פעאָדאלנ מיטלאלטער לײדנ־שאפטלעכ געזוכט דעמ וועג צומ באפרײַענדיקנ הומאניסטישנ בא־וווסטזײַנ.

אינ וואָס באשטײט דאָ די הויפט־אידײ אונ דער ווערט פונ מיכאָעלסעס אקטיאָרישער אינטערפרעטאציע? זי איז, דאכט זיכ, אויסגעדריקט אינ לירס ווענדונג צו די מענטשנ, וואָס געפינענ זיכ מיט אימ אינ פעלד בײַסנ שטורעמ, נאָכ דעמ, ווי ער האָט דורכגעפירט דעמ קלוימערשטנ געריכט איבער זײַנע צווײ פארדאָרבענע עלטערע טעכטער: „באמיט זיכ, — שרײַט אויס דעמלט ליר, — דערגײנ די אורזאכנ, וואָס קאָנענ ביזנ גרונט פארדארבנ א מענטשלעכ הארצ”. די פראָבלעמ פונ מענטשלעכ הארצ באדײַט פאר מיכאָעלסעמ ליר די פראָבלעמ פונ שלעכטס אונ גוטס אינ איר גרויסנ הומאניסטישנ קווערשניט, די פראָבלעמ פונ מענטשלעכע טאטנ אונ אויפירונגענ, די פראָבלעמ פונ האס אונ ליבע, די פראָבלעמ פונ זײער אָפשטאמונג, זײער באדינגטקײַט אונ פארורזאכטקײַט. אינ אָט דעמ גרויסנ אונ טיפנ סאָציאלנ אונ פילאָסאָפישנ פראָבלעמענ־קרײַז האָט זיכ מיכאָעל־סעמ ליר אײַנגעגראָבנ מיט אלע ווײענ אונ צאפלענישנ פונעמ מאמעש ביז רוי פלײש אויפגעשניטענעמ געדאנק אונ געפיל. אינ דער ריכטונג פונ דער דאָזיקער פראָבלעמ האָט מיכאָעלס געווענדט דעמ וווקס אונ אנטוויקלונג פונ לירס טראגישנ צאר אונ צאָרנ, פונ זײַנע פײַנלעכע זוכונגענ אונ געפינסנ.

דער טיפֿער הומאניזם האָט שטענדיק געפֿונען די שטאַרקסטע און צאַרטסטע פֿאַרבן אין מיכאָעלסעס שוישפּילערישער פּאַליטרע. אויף דער דאָזיקער פּאַליטרע האָבן דערנאָך זיך געפֿונען די זאַפֿטיקסטע פֿאַרבן אויסצושפּילן די פֿיגור פֿון יוליס אין דאַניעלס פּיעסע „פֿיר טעג", וואָס איז געווידמעט די געשעענישן פֿון בירגער־קריג אין ווילנע. דאָ האַנדלט זיך אויך וועגן טראַגיק, אָבער טראַגיק פֿון אַ קעמפֿערישן רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער. מיכאָעלס האָט אין דאָזיקן שטרענגן פֿאַרהאַרטעוועטן רעוואָליוציאָנערן קעמפֿער ווידעראַמאָל אַזוי אייגנאַר־טיק אַנטפּלעקט דעם פֿאָלקס־מענטש, אויפֿגעדעקט זיין פֿאָלקס־טעווע, אַזאַ רייכע, אַזאַ מילדע און אַזאַ פּאָעטישע.

די פּאָעטיזירונג פֿון דער פֿאָלקס־געשטאַלט האָט זיך אויך זייער בולט אויסגעדריקט בײַ מיכאָעלסן אין דער ראָל פֿון זײַוול אָוואַדיס אין מאַרקישעס פּיעסע. מיכאָעלסעס זײַוול אָוואַדיס איז אַ פֿאָלקס־מענטש, אַ שטײַפֿער, אַ פֿאַרהאַרטעוועטער פֿון דוירעסדיקער האָרע־פּאַשנער מי, ער איז געקומען בויען ביראָבידזשאַן, געקומען העלפֿן זאַמלען דאָס פֿאָלק און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער פֿראַגע פֿון זײַן אייגענער צעזייטער מישפּאָכע. דאָ איז מיכאָעלסן אויסגעקומען אויסשפּילן די נײַע, גאָר נײַע פֿאַרן ייִדישן האָרעפּאַשניק דערוואַכטע פּאַטריאָטישע געפֿילן. ער האָט באַוויזן זײַוולען אַן אויפֿגעשײַנטן אין גאָר נײַעם פּאָטער־שטאָלץ פֿאַר די העלדישע אויפֿטוען פֿון זײַנע זין, פֿאַר זייער מיט לײַב־און־לעבן איבערגעגעבנקײַט דער סאָ־ציאַליסטישער מעלוכע, וואָס בויט אַ נײַע גליקלעכע וועלט און שאַפֿט אַ נײַע ייִדישע היים און האָט אים, זײַוולען, ווי זײַן אײדעם באָיקאָ זאָגט, פֿאַרטרויט דאָ אויף דער גרענעץ די שליסלען פֿונעם גאַנצן לאַנד.

אין „מישפּאָכע אָוואַדיס" האָט מיכאָעלס ניט נאָר געשפּילט. די דאָזיקע פּיעסע האָט ער אויך רעזשיסירט. ער איז אויך געווען דער רעזשי־מײַסטער פֿון די פּיעסן: „יוליס", „קיניג ליר", „טעוויע דער

מילכיקער", ער האָט רעזשיסעריש באשאפנ זײַנ בארימט געוואָרענעמ „פרײלעכס" אונ זײַנ לעצטנ ספעקטאקל „וועלדער רוישנ". אינ די בײדע האָט ער א גלאנצ געטאָנ מיט נײַע דערפינדונגענ אונ דערגרײכונגענ פונ סצענישער אופירונג, פונ רעזשיסערישער אינטערפרעטאציע.

אינ די אלע אופירונגענ האָט זיכ אנטפלעקט מיכאָעלסעס גרויסער רעזשיסערישער טאלאנט אינ העסקעמ מיט זײַנ אקטיאָרישער באגאבטקײַט. עס האָט זיכ אלעמאָל געלאָזט פילנ, אז מיכאָעלס איז אינ אלע צײַטנ געווענ ניט בלויז דער אקטיאָר, נאָר אויכ דער רעזשימײַסטער פונ זײַנע געשאפענע ראָלנ. זײַנ אופווירקונגס-קראפט אפ דער בינע איז דעריבער געווענ ניט נאָר אנ אקטיאָרישע, נאָר אויכ א רעזשיסערישע. דאָס דאָזיקע האָבנ געוווסט אונ געפילט די מיטשפילער זײַנע, די אלע אקטיאָרנ, וואָס זײַנענ ארויסגעטראָטנ מיט אימ צוזאמענ אפ די בינע-ברעטער.

פונ אײנוויניק, אָרגאניש איז אויסגעוואקסנ מיכאָעלסעס רעזשימײַסטערשאפט, וואָס האָט זיכ אנטפלעקט אונ איז געוואָרנ זעלבשטענדיקע גרויסע קונסט, א באפרוכפערטע מיט זײַנ געזעלשאפטלעכנ טעמפעראמענט, מיט זײַנ פילאָסאָפישנ אונ סאָציִאלנ וועלט-באנעמ, וואָס האָט דורכגעדרונגענ זײַנ גאנצנ לעבנס-וועג אונ זײַנ גאנצ שאפנ. מיכאָעלסעס שעפערישער וועג איז גרויס אונ באלערעוודיק. דאָס איז דער וועג פונעמ ערשטנ שעפער פונ דער ייִדישער סאָוועטישער שוישפיל. אינ דער געשיכטע פונעמ ייִדישנ סאָוועטישנ טעאטער איז פארקריצט ניט נאָר מיכאָעלסעס ארבעט, נאָר אויכ מיכאָעלסעס סטיל אונ שול, די טקופע פונ מיכאָעלסעס טעאטער.

רײדנדיק וועגנ די העלדנ, וואָס דאָס פאָלק האָט באשאפנ אינ זײַנע עפישע ווערק, האָט גאָרקי געזאָגט:

„די דאָזיקע געשטאלטנ זײַנענ פולקומ דערפאר, ווײַל אינ זייער שאפונג האָבנ זיכ הארמאָניש פארײניקט אינטעלעקט אונ אינטויִציע,

געדאנק און געפיל. אזא צוזאמענטרעפ איז מעגלעכ באָר דאנ, ווענ דער שעפער נעמט אָנטייל אינ דער שאפונג פונ דער לעבנס-ווירקלעכקייט, אינ קאמפ פאר דער באנייַונג פונ לעבנ".

אָט דעמ אָנטייל אינ שאפנ די נייַע ווירקלעכקייט, אָט דעמ קאמפ פאר באנייַענ דאָס לעבנ האָט מיכאָעלס, דער גרויסער עמעסער פאָלקס-אקטיאָר, מיכאָעלס דער דענקער און געזעלשאפטלעכער טוער, ארייַנגעטראָגנ אינ זייַנע קונסט-שאפונגענ. מיט דעמ איז ער ליב גע-וואָרנ און הארציק טייַער דעמ סאָציאַליסטישנ מענטשנ, דעמ מענטש פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט.

מיט זייַנע געניאַלע אקטיאָרישע געשטאלטנ, מיט זייַנע פייַערדיקע פאטריאָטישע ארויסטרעטונגענ האָט מיכאָעלס אָנגעצונדנ די געמי-טער פונ הונדערטער טויזנטער, פארכאפט זייער געדאנק און געפיל, מיטגעהאָלפנ זיי פורעמענ אינ זיכ סאָציאַליסטישע אָנשויונגענ, גע-האָלפנ געשטאלטיקנ דעמ סאָציאַליסטישנ מענטש, דעמ בויער פונעמ סאָציאַליסטישנ נייַעמ זייַנ, וועלכנ מיכאָעלס איז געווענ איבערגעגעבנ מיט לייַב-און-לעבנ. מיכאָעלס איז געווענ דער עכטער פאָלקס-מענטש, מיט גרויס פארשטאנד פאר די טיפסטע פאָלקס-פערלענ, וועלכע ער האָט געטראָגנ אינ די טיפענישנ פונ גייַסט און נעשאָמע, געטיילט זיכ מיט זיי סייַ אינ זייַנ אקטיאָרישער ארבעט סיי אינ זייַנ געזעל-שאפטלעכער טעטיקייט.

מיכאָעלסעס איקערדיקע שוישפילערישע, רעזשיסערישע און גע-זעלשאפטלעכע טעמע איז געווענ — פאָלק. פאָלק און מענטש. אינ דעמ ליגט די וווּנדערלעכע קראפט פונ זייַנע קינסטלערישע פארקער-פערונגענ, די באצויבערנדיקע קראפט פונ זייַנ קוועלנדיק, ברויזנדיק לעבנ, וואָס איז אזוי פלוצלינג איבערגעריסנ געוואָרנ.

ס׳דערמאָנט זיכ א געשפּרעכ נאָכ איינער א לעווײַע פונ א נאָענטנ מענטשנ. מיר האָבנ גערעדט וועגנ דער פּראָבלעם פונ טויט אפ דער בינע. מיכאָעלס האָט דעמלט געזאָגט: „דער עכטער קינסטלער, וואָס איז פארבונדנ מיטנ לעבנ, דארפ איג זײַנ באציִונג צום טויט אראָפּלאָזנ זיכ ביזנ טהאָם פונ זײַנ צאר, ביזנ טהאָם פונ זײַנע ווײַ־איבערלעבונגענ, ניט פארגעסנדיק דערבײַ אומבאדינגט וועגנ דער מענטשהײַט, וואָס לעבט אונ וועט לעבנ. שטערבלעכ איז דער מענטש, אָבער ניט די מענטשהײַט. ס׳איז שווער, — האָט מיכאָעלס צוגעגעבנ, — אָבער די ביידע איניינעם דארפ מענ קאָנענ פארקערפּערנ אפ דער בינע אינ אָנוועזנהײַט פונ טויט".

שפּעטער האָט מיכאָעלס אזוי געשפּילט דעם קיניג ליר, טעוויע דעם מילכיקנ.

מיכאָעלסעס גרוים גלייבנ אינ לעבנ פונ דער מענטשהײַט, זײַנ גלייבנ אינ קאָמוניזם דארפ שטעבנ פאר אונדזערע אויגנ, בעשאס מיר לאָזנ זיכ אראָפּ צום אָפּגרונט פונ צאר איבער זײַנ טויט. דאָס איז געווענ מיכאָעלסעס געבאָט. דאָס דארפנ מיר פארגעדענקענ.

מ. בעלענקי

דער גרויסער גאנג

(וועגן מיכאָעלסעס אידייען־וועלט)

שלוימע מיכאָעלס איז דער קלאַסישער שעפער און בויער פונעם סאָוועטישן יידישן טעאַטער. די אַקטיאָרן פון דעם דאָזיקן טעאַטער, זיינע מיטשעפער און שילער, פלעגט מיכאָעלס שטענדיק לערנען זיינע אַקטיאָרן דענקער. „עס איז קיין שום צווייפל דערין, אַז באַגאַ־בונג, טאַלאַנט איז אַ וויכטיקער עלעמענט אינעם באַרוף פונעם קינסט־לער. נאָר, — שטרייכט אונטער מיכאָעלס, — דאָס נעמט פאָר קיין פאַל ניט אַראָפּ פון אים די פליכטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט נאָך אַ העכערן באַרוף, מיטן באַרוף פון אַ סאָוועטישן קינסטלער, אַ קינסט־לער אַ קעמפער. דער אידייִשער שעפער טאָר זיך ניט פאַרלאָזן בלויז אויף „רוּעך־האַקוידעש". דאָס סטיכישע און אינטויִטיווע דאַרף דינען דעם קלאָר באַוויסטזיניקטן, מיטן גאַנצן סייכל דערקענטן, אידייִשן ציל. באַגײַסטערונג באַקומט דאָך די ווערט נאָר אין דעם פאַל, ווען זי העלפט דעם מענטשן שאַפן, בילדן, בויען, איבערמאַכן די וועלט, דינען דעם פאָלק, פאַרהיטן זיין פרייהייט, באַשטעטיקן די לעבנספּאַטיקע יע־סוידעס פון דער סאָוועטישער אָרדענונג — איר פּאָליטיק... מיר זיי־נען באַרופן זיין פּאָליטיקער. און אין דעם איז די שטאַרקייט פונעם סאָ־וועטישן קינסטלער, אין דעם איז די קראַפט פון זיין קונסט. אין דעם

באוווסטזיניק קעגנ ער שעפנ אלץ נייע און נייע קויכעס פאר זיינ שאפונג"[1]. דער אקטיאר דארפ זיינ א נאבעלער בירגער פונעם גרויסנ ראטנפארבאנד; אינ אייגנארטיקע שוישפילערישע פארמענ טראגנ די איבערגעשטאלטנדיקע אידייענ פונ קאמוניזמ — אינ דעמ האט דער טיטאנ פונ קונסט און געדאנק שלוימע מיכאעלס איינגעזענ די שליכעס און דעמ באַרופ פונעם סאוועטישנ קינסטלער.

מיכאעלסעס שעפערישער און לעבנס-דערווייז איז געווענ — טריי דינענ דעמ פאלק, שאפנ פארנ פאלק. ער אליינ איז געווענ דער אויסדרוק און די מאניפעסטאציע פונ די באפרייטע שעפערישע פאלקס-קויכעס, וואס האבנ געקראגנ זייער טיקנ אדאנק דער גרויסער סאציאליסטישער אקטיאבער-רעוואלוציע. מיכאעלס איז שארפ ארויסגעטראטנ קעגנ די בורזשואזע קינסטלער, וואס בראווירנ מיט זייער קלוימערשטיקער „פרייהייט" אונ „אומאפהענגיקייט" פונ פאליטיק. וועגנ די דאזיקע קינסטלער האט ער זיכ אזוי ארויסגעזאגט: „זיי דערמאנענ מיר מענטשנ, וואס קוקנ צו א שרעקלעכע סרייפע. באטראכטנדיק היזק די דאזיקע סרייפע, טוענ זיי ניט קיינ קלאפ א פינגער אנ א פינגער, קעדיי צו פארלעשנ די מענטשנ-פרעסערישע סרייפע, און פלאפלענ אינ דער זעלבער צייט וועגנ דעמ הויכנ „הומאניסטישנ" געוועב פונ זייער נעשאמע. מיר, סאוועטישע קינסטלער, ווילנ ניט פלאפלענ וועגנ הומאניזמ, מיר זיינענ ניט קיינ מענהוואלימ אינ אונדזער בירגערלעכער מאראל. מיר וועלנ לעשנ די פייערנ און אנטבלויזנ די אונטערצינדער פונ די דאזיקע סרייפעס, מיר וועלנ מיט זיי קעמפנ!". פאר מיכאעלסנ איז דער זינ פונ קונסט-שאפונג באשטאנענ אינעמ אידעאלאגישנ אנגריפ אפ דער פארברעכערישער, רעאקציאנערער און אפלעבנדיקער וועלט פונעמ קאפיטאליזמ, וואס פארגוואלדיקט דעמ עמעסנ טאכ פו-

1 ציטירט פונ מיכאעלסעס אנ ארטיקל אינעמ רוסישנ זאמלבוכ „דער סאוועטישער טעאטער און די הייַנטצייטיקייט". „ו. ט. א."‚ מ. 1947.

נעמ מענטשנ. ווײַל, לויט מיכאָעלסנ, איז דער סאָוועטישער טעאַטער — א קעמפערישער טעאַטער פאַר דער באַפרײַונג פונ דער מענטשהײט. אויסער דעמ קאַמפס־גײַסט פונ אונדזער הײַנטצײַטיקײַט קאָנ ער ניט לעבנ און אַנטוויקלענ זיכ.

מיכאָעלס, דער זינגער פונעמ לויטערנ געדאַנק און הערלעכנ קאַמפ, דער לײַדנשאַפטלעכער פּרײדיקער פונ באַזיניקטנ און דערקענטנ שאַפונגס־פּראָצעס, האָט שטענדיק גערופנ די קינסטלער לערנענ זיכ באַמ לעבנ — באַמ קוואַל פונ אַלע געשטאַלטלעכע פאַרקערפּערונגענ. מיכאָעלס, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דאָס לעבנ, האָט שטענדיק גערופנ דערלערנענ די קאָמפּליצירטקײַט פונעמ זײַנ, פאַרשטײנ די אינערלעכע געזעצמעסיקײַט פונ זײַנ אַנטוויקלונג און אויסגעפינענ דאָס טיפּישע אינעמ לעבנ, וואָס דאַרפ ווערנ דער כוימער פונעמ קינסטלערישנ באַשאַפ.

אינ אײנער א לעקציע, וואָס מיכאָעלס האָט געהאַלטנ פאַר די סטודענטנ פונ דער מאָסקווער ײדישער טעאַטראַלער שול, האָט ער, רײדנדיק וועגנ דעמ, וואָס איז אַזוינס אידײיִש־קינסטלערישער פאַרטראַכט, געזאָגט: „סײַ אינ דער ווירקלעכקײַט און סײַ אינ דער קונסט זײַנענ פאַראַנ צווײערלײ וועלטנ. ס'איז דאָ די קלײנע וועלט: אַשטײגער אײנ מענטש האָט זיכ געטראָפנ מיט א צווײטנ אינ גאַס און אימ געזאָגט: „גוט־מאָרגנ'', עס איז דאָ קימאַט גאָרנישט פאָרגעקומענ. א פליג האָט זיכ אָנגעשלאָגנ אָנ א פענצטער, אײנ אַקטריסע האָט זיכ צעקריגט מיט דער צווײטער, הערשל האָט נעכטנ אויפגעגעסנ א קאָטלעט, און הײַנט האָט ער געגעסנ פיש — דאָס זײַנענ אַלצ קלײנע דערשײַנונגענ. דאָס איז די קאָנקרעטע, די סאַמע קלײנע וועלט — ד ע ר מ י ק ר אָ ק אָ ס מ אָ ס.

פאַראַנ אָבער אויכ די גרויסע וועלט פונ גרויסע געזעצנ און דערשײַנונגענ, גרויסע האַנדלונגענ און באַוועגונגענ, גראַנדיעזע פאַראַלגעמײנערונגענ. אַשטײגער די באַגעגעניש פונ די פאָרשטײער פונ פיר

גרויסע לענדער אין מאָסקווע. דאָ האָבן מיר גאָר אנדערע באַציִונגען. אפילע אין דעם גוט־מאָרגן, וואָס זיי גיבן אָפּ איינער דעם אנדערן, זיינען קימאַט ניטאָ קיין פּערזענלעכע מאָמענטן. אָבער דאָס איז נאָך אויך קאָנקרעט. ווען אָבער פון די אַלע גרויסע קאָנקרעטע געשעענישן מאַכן מיר שוין א געוויסן אויספיר און שטעלן אײַן די געהעריקע געזעצן — דאָס ווערט שוין אָנגערופן מ א ק ר אָ ק אָ ס מ אָ ס — די גרויסע וועלט...

בענעגייע צו אַלץ, וואָס מיר לייענען און טוען, דאַרפן מיר שטענדיק פילן אין איינער און דער זעלבער צײַט אי די קליינע וועלט אי די גרויסע וועלט, ווי מע זאָגט אין פאָלק: „די זון שפּיגלט זיך אָפּ אין א טראָפּן וואַסער".

מיכאָעלסעס אַרט אַנטוויקלט די ווירקלעכקײַט אָפּ מיקראָ" און מאַקראָקאָסמאָס האָט שאַרפער אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק זײַנעם, אַז באַם אידיִיש־קינסטלערישן פּאַרטראַכט מוז דער קינסטלער דיסקאָנטירן אויך די צופעליקע, די אומנויטווענדיקע מאָמענטן און זײַטן, וועלכע באַגלייטן א דערשײַנונג. די פאַרגעשטאַלטיקונג אָבער דאַרף זײַן סאָציִאַל־פילאָסאָפיש אָנגעזעטיקט, וואָס קאָן קומען בלויז פונעם קינסטלערישן באַנעם פון דער געזעצמעסיקײַט און נויטווענדיקײַט פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקײַט. און דאָ איז די קונסט פאַראַלגעמיינערנדיק און אידיִיִש אויסדריקלעך.

„ווו, — פרעגט מיכאָעלס, — שעפּן מיר די קינסטלערישע אידייען, דאָס קינסטלעריש־אידיִיִשע, מיט וואָס עס מוז זײַן אָנגעזעטיקט אונדזער טעאַטראַלע קונסט? אין דער פּובליציסטיק? נאָר דאָס איז נאָך זייער ווייניק, די פּובליציסטיק איז אָן שום סאָפעק נייטיק אויך דעם קינסטלער, זי באַרײַכערט דעם פּראָצעס פון אונדזער דענקען, אונדזער באַוווסטזײַן. דאָס איז אַלץ עמעס. נאָר קאָלזמאַן די אידייען־וועלט וועט זיך פאַר אונדז ניט אָנקלײַבן אין א געשטאַלט־פאָרם — איז ניט פאַראַן קיין קונסט". מיכאָעלס רופט לערנען זיך

באַם לעבן, פֿאַרברייטערן דעם לעבנס־באַנעם מיט דער הילף פֿון דער פּובליציסטיק, אָבער גלײַכצײַטיק שטעלט ער אַרויס די פֿאָדערונג פֿאַר די אַקטיאָרן שטענדיק געדענקען די ספּעציפֿישקייט און אייגנאַרטיקייט פֿון קונסט — געשטאַלטלעכקייט.

אויב געשטאַלטלעכקייט איז די כאַראַקטעריסטיק פֿון קונסט בכלל, איז, לויט מיכאָעלסן, דער טעאַטער — סינטעטישע קונסט. וואָס מיינט ער מיט דעם?

מיכאָעלס איז געווען אַ קעגנער פֿון דעם פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישן מעטאָד אין טעאַטער. דער דאָזיקער מעטאָד „אַנאַליזירט" מאַמעש מיט אַ לאַנצעט די פּסיכאָלאָגישע ניואַנסן פֿון אַ געשטאַלט און פֿאַרלירט דאָס וויכטיקסטע, דאָס סינטעטישע, דאָס געשטאַלטלעכ־געדאַנקלעכע. דער אַנאַליטישער מעטאָד רײַסט אַרויס פֿונעם סינטעטישן קאָמפּלעקס די פּסיכאָלאָגישע זײַט, דאָס געפֿיל און מער גאָר. שוישפּילערישע שאַפֿונג, פּראָקלאַמירט מיכאָעלס, איז סינטעטישע קינסטלעריש־פֿאַראַלגעמיינערטע געשטאַלטלעכקייט, וואָס איז באַהויכט און באַפֿליגלט מיט דעם פֿלאַמיקן אידייִשן אָטעם פֿונעם אַקטיאָר. דער אַקטיאָר איז אַן אַווטאָר און איז גלײַכצײַטיק דער אויסדריקער פֿון זײַן אייגענעם באַשאַף. דער אַקטיאָר טאָר זיך ניט געפֿינען אינעם רײַטוואָגן פֿונעם דראַמאַטורגישן וואָרט. ער איז באַרופֿן אויפֿשנײַדן דאָס דראַמאַטורגישע געוועב מיט זײַן אייגענער קינסטלערישער אידיי, קייפּלען עס אָפּ אַלע זײַנע אייגנאַרטיקע קונסט־מיטלען און שאַפֿן די פּלאַסטישע האַרמאָניע פֿון געדאַנק און געפֿיל, וואָרט און זשעסט, קלאַנג און באַוועגונג. דער אַקטיאָר פֿאַרשטעלט זיך ניט אין דער ראָל פֿון דער אָדער יענער דראַמאַטישער האַנדלונג. אויפֿדעקנדיק די אידייען־וועלט פֿון אַ געשטאַלט, געפֿינט דער אַקטיאָר אין דעם דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל דעם נייטיקן שטאָף פֿאַרן אַרויסברענגען, פֿאַר דער אַנטפּלעקונג פֿון זײַן אייגענעם שוישפּילערישן אידייִש־אייגנאַרטיקן זין און מעהוס.

„וואָס איז אַזוינס דאָס וואָרט? — פרעגט מיכאָעלס אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג אין 1939 יאָר וועגנ טעאַטער־שאַפונג, — דאָס וואָרט, זאָגט ער, קאָנענ מיר זיכ פאָרשטעלנ אַלס פישפאַנג. דער אווטאָר, דער דראַמאַטורג, דער רעזשיסער פאַרוואַרפט אַ ווענטקע און כאַפּט אַרויס אַ פישל אין דער פאָרם פונ אַ וואָרט, און דאָס פישל צאַפּלט, עס לעבט נאָר מיט דער אינערץ פונעם פישפאַנג: נאָר אָט איז דער אונטערטעקסט. דאָס זײַנענ ניט נאָר פאַוזעס, פיגורנ פונ שווײַגנ, צו דעם קומט נאָכ צו די גאַנצע פילזײַטיקע אויסדריק־לעכע קראַפט פונ די קאַרגע, אַנטבלויזטע טיילנ פונעם מענטשלעכנ קערפּער — זײַנע הענט, דאָס געזיכט, און ווענ עס גליקט, איז אויכ דער פּליכ אָפנ קאָפּ". די פאַוזע — איז שווײַגנ אינעם מאָמענט פונ האַנדלונג, איז דער שטריכ, וואָס באַאַרבעט אינ שווײַגנ די שוישפּי־לערישע אויפירונג פונעם אַקטיאָר אָפּ דער בינע. דער זשעסט, וואָס קומט צום אויסדרוק דורכ די „קאַרגע, אַנטבלויזטע טיילנ" פונעם אַק־טיאָרס קערפּער, איז ניט קיינ פאָרמאַליסטישע אָפּשטאַמונג, נאָר דער עצעם וועזנ פונעם שאַפונגס־פּראָצעס. די פּלאַסטיק איז די מעטאַפאָ־רישע אַקטיאָרישע ספּעציפישקײַט, וואָס שטרײַכט בילדעריש אונטער דאָס איינאַרטיקע געוויכט פונ וואָרט און טאַט אָפּ דער בינע. דער אַקטיאָרישער באַשאַפ איז, לויט מיכאָעלסנ, אַ פאַרגאַנצט קונסט־ווערק, אַ קאָמפּליצירטס און איינאַרטיקס, ווי דאָס קינסטלעריש־אי־דײיִשע קומט צו דער רעאַליסטישער פאַרקערפּערונג מיט דער הילפ פונעם גאַנצנ וועזנ פונ דעם אַקטיאָר דעם אווטאָר, פונ דעם אַקטיאָר דעם מענטש. באַלײַכטנ, באַזיניקנ די אויסגעשפּילטע דראַמאַטורגיע מיט דער אייגענער אינערלעכער אידייען־וועלט, פאַרקערפּערנ זי מיט שטימ־מאָדוליאַציע, מיט מימיק, פּלאַסטיק, זשעסט, מיט קלאַנג, פאַרב און באַוועגונג פונעם אַקטיאָר דעם שעפער — צו דעם האָט שטענדיק מיכאָעלס גערופנ, און דאָס האָט ער אַלײנ וווּנדערבאַר דערוויזנ אין זײַנע אומשטערבלעכע געשאַפענע געשטאַלטנ און ראָלנ. מיכאָעלסעס

רעב אַלטער, מענאַכעמ־מענדל, שימעלע סאָראָקער, טעוויע דער מילכיקער, ביניאָמינ דער דריטער, דער קיניג ליר, דער טויבער, יולימ אונ זײוול אָוואַדימ — אָט די קורצע רעשימע מיכאָעלס־ווערק זײַנען די פולשטענדיקע באַשטעטיקונג פונ מיכאָעלסעס שוישפּילערישער שול, וואָס פאָדערט, אַז אינעמ הערלעכנ שעפערישנ פּראָצעס זאָל זינגענ דאָס גאַנצע וועזנ פונ דעמ מענטשנ דעמ אַקטיאָר.

איינע פונ זײַנע לעצטע לעקציעס, וואָס מיכאָעלס האָט געלייענט פאַר די סטודענטנ פונ דער מאָסקווער יִדישער טעאַטראַלער שול, האָט ער אָנגערופנ „אפנ וועג פונ מײַסטערשאַפט”. אינ דער דאָזיקער לעקציע האָט מיכאָעלס אויפמערקזאַמ געמאַכט זײַנע שילער אפ דעמ, אַז דער שעפעריש־אַקטיאָרישער פּראָצעס האָט דרײַ עטאַפּנ. קוידעמקאָל, האָט ער געזאָגט, מוזט איר, שילער, בײַמ אײַער אַרבעט אפ פאַרשיידענע סצענישע עטיודנ, זיכ פאַרטראַכטנ אונ אַרויסגעפינענ די אידייענ־וועלט, וואָס האָט זיכ פאַרקערפּערט אינ יעדנ קליינעמ עטיוד אונ סצענע. צווייטנס, באַקומענדיק אַ ראָל, דאַרפ מענ באַטראַכטנ דעמ גאַנצנ עפּיזאָד, באַקענענ זיכ מיט דער וועלט פונעמ קינסטלער אונ, דערפילנדיק די דאָזיקע וועלט, צוטרעטנ צו דער פאַרקערפּערונג פונ דער ראָל. אונ דריטנס, שליסט מיכאָעלס, קומט די דעטאַל. דורכ די דעטאַלנ דערפילט מענ דעמ כאַראַקטער פונעמ מענטשנ, זײַנ באַציִונג צומ אַרומ. יעדע ראָל באַשטייט פונ דעטאַלנ. אָנ דער קאָנקרעטער דעטאַל עקזיסטירט גאָרניט אפ דער ערד. „אָט אַשטייגער, זאָגט מיכאָעלס, איז געקומענ אַ פּאַשעטער מענטש, לאָמיר זאָגנ, אַנ אָרעמער קאָרעוו, צו אַ רײַכנ צוגאַסט. ער זיצט אינ קיכ. מע דערלאַנגט אימ טיי. קיינ לעפעלע דאַרפ ער ניט. ער נעמט מיטנ האַנט אַ שטיקל צוקער, אַ צווייטס, דערנאָכ גיסט ער אַרײַנ אינ שאָל די טיי, אינ מויל האַלט ער אַ שטיקל צוקער, אונ דערבײַ דאַרפ ער ריידנ אונ ענטפערנ אפ די פראַגנ פונ זײַנע קרויווימ, פאַרלירט זיכ, פרווט אַ זופּ טאָנ, בריט זיכ אָפּ אונ לאָזט אַרײַנ די שאָל... דוכט זיכ, וואָס איז דאָ פאַראַנ

אינ דעמ פּראָצעס פונ טרינקענ א גלאָז טיי אפ פאַרשיידענע אופאַ־נימ? אָט דאָ קומט די דעטאַל, וואָס איז לעבעדיק ווי דער מענטש אליינ. דאָס געהערט שוינ צו דער מײַסטערשאַפט פונעמ דריטנ עטאַפּ". אונ מיכאָעלס דערציילט אונ ווײַזט די סטודענטנ, ווי זײַנ „רעב אלטער" טרינקט טיי אינ קיכ.

„איר זאָלט קיינמאָל ניט טראַכטנ, — זאָגט ווײַטער מיכאָעלס אינ זײַנ לעקציע, — ווי צו באַוועגנ אײַער האַנט אונ ווי צו באַשאַפנ אנדערע זשעסטנ. מע דאַרפ פריִער וויסנ, וועמענ מע שפּילט, דורכ־טראַכטנ די אידייענ־וועלט, צוליב וואָס איר אַרבעט, ווער איז די געשטאַלט, איר כאַראַקטעריסטיק, אונ דערנאָכ וועט שוינ אליינ קומענ די דעטאַל — די אינטאָנאַציע, די באַוועגונג, די מימיק. איר דאַרפט שפּילנ מיטנ גאַנצנ טעמפּעראַמענט — ליבנ, האַסנ, גלעטנ, שלאָגנ, מילד זײַנ, צאַרט זײַנ. דאָס דאַרפ קומענ, ווי איר זיצט באַמ קלאַוויר אונ שפּילט אײַער מעלאָדיע. איר זאָלט קיינמאָל ניט טראַכטנ — דאָ דאַרפ מענ זײַנ פריילעכ, דאָ אומעטיק. עס דאַרפ זיכ גיסנ אליינ פונ זיכ. די דעטאַלנ וועלנ מיר דערנאָכ שלײַפנ".

מיכאָעלס פאָדערט באַ זײַנע שילער — צוקינפטיקע אקטיאָרנ — דורכטראַגנ זייער אייגענע מעלאָדיע. געקייפלט אפ דער אידייענ־וועלט פונעמ דראַמאַטורג, דאַרפ די דאָזיקע מעלאָדיע אנטפּלעקט אונ אויס־געקריסטאַליזירט ווערנ אינ באַשאַפענע ראָלנ, באַפליגלט מיט דעמ גאַנצנ סצענישנ קאָמפּלעקס (דעטאַלנ) פונעמ שוישפּילער דעמ דענ־קער. אָט דערפאַר רופט מיכאָעלס אָנ די טעאַטער־קונסט — סינטע־טישע קונסט.

סינטעטיש איז די טעאַטער־קונסט, לויט מיכאָעלסנ, ניט נאָר אינ דער שוישפּילערישער האַרמאָנישער גאַנצקײַט, נאָר אויכ אינ רעזשי־סערישע טעאַטער־פאַרקערפּערונגענ. פאַר מיכאָעלסנ איז א פאָרשטע־לונג א וויכטיקער דערקענונגס־אַקט, וואָס דעקט אופ אפ אנ אייגנ־אַרטיקנ אופנ די קאָמפּליצירטקײַט פונ דער ווירקלעכקײַט. אינ מי־

כאָעלסעס יעטװידנ ספעקטאַקל לײַכט זיכ דורכ א גרויסע קינסטלערי-
שע דערקענונגס־אידײ פונ א מעכטיקנ באַדײַט. די דאָזיקע אידײ װערט
דער מעהוס פונ דער גאַנצער סצענישער האַנדלונג, פונעמ גורל אונ
אױפירונג פונ די פערסאָנאַזשנ אױפ דער בינע, פונ דער נויטװענדיקײַט
פונ דער טעאַטראַלער אויספאָרמירונג אונ פונ דער אַקטיװער אײַנ-
דריקלעכקײַט פונ דער מוזיק. מיכאָעלסעס װוּנדערלעכע אידײענ-
װעלט ליגט אינעמ יעסאָד פונעמ געװעב פונ אַלע זײַנע פאָרשטעלונ-
גענ, זי קריגט איר טאַמציס אינ אָנשױלעכע בילדער פונ די געשאַפענע
סצענעס אונ פונ זײערע צװישנבאַציִונגענ.

אַלס בײַשפיל לאָמיר אינקורצנ באַטראַכטנ מיכאָעלסעס פאָרשטע-
לונג „פרײלעכס“. מיכאָעלס האָט געשטעלט דעמ דאָזיקנ ספעקטאַקל
גלײַכ נאָכ דער מילכאָמע. אינעמ ספעקטאַקל „פרײלעכס“ האָט מי-
כאָעלסעס גרויסער אָפטימיזמ אונ טיפסטע איבערצײַגונג אינעמ זיג
פונ סייכל געקראָגנ די שלײמעסדיקע טעאַטראַלע קריסטאַליזאַציע.
אינ „פרײלעכס“ איז באַװיזנ געװאָרנ די װירדע אונ שטאָלצ. דער
רײַכער גײַסט אונ מוט פונעמ סאָװעטישנ ייִדישנ פאָלק, װאָס לעבט
טיפ איבער זײַנ שרעקלעכע טראַגעדיע, אָבער װאָס איז ניט צעבראָכנ
געװאָרנ אונ װעבט װײַטער זײַנ געשיכטע. אינ דער פאָרשטעלונג
זײַנענ איבערגעפלאָכטנ פרײד אונ טרויער. טרויער איבער די מיליאָ-
נענ אומגעקומענע, װאָס האָבנ ניט דערלעבט די גרויסע סימכע פונ
אונדזער ניצאָכנ, האָט זיכ אינעמ ספעקטאַקל באַגעגנט מיט פרײד
פונ אונדזער הערלעכנ אָװאַר אונ הײַנטיקנ זײַנ, פרײד, װאָס
קומט פונעמ פעסטנ גלױבנ, אַז אונדזער פאָלק לעבט, װעט לעבנ אונ
װעט װײַטער פאָרזעצנ זײַנ שעפערישנ קיִעמ. „פרײלעכס“ איז קול-
טור־געשיכטע אונ צאַפלדיקע הײַנטצײַטיקײַט. אונ מיכאָעלס דער-
לאַנגט פרײד אונ טרויער אינ אָנ א שיר פלאַסטישע בילדער אונ
סצענעס. דאָ איז צו זעג דעמ קינסטלערישנ אומויסשעפלעכנ קװאַל
פונ פאָלקס־ניגונע אונ פאָלקס־טאַנצ, װי אויכ די װײַטערדיקע פאַר-

פולקומטע אנטוויקלונג פונעם יידישנ מאָטיוו, זשעסט אונ באַוועגונג.

מיכאָעלסעס קינסטלעריש־אידייִשער פאַרטראַכט איז אינ „פרייילעכס" פאַרקערפּערט געוואָרנ אַלס אַנ איינהייטלעכע קונסט־שטיק, ווו יעדער טייל קאָנ ניט באַטראַכט ווערנ באַזונדער, נאָר בלויז ווי אַנ אויסדרוק פונ אויסגעפורעמטער פּלאַסטישער גאַנצקייט. מיכאָעלס, דער בויער פונעם ספּעקטאַקל „פרייילעכס", האָט האַנדלונג אונ סיטואַציע אָנגעטאָנ אינ טיפער פאַראַלגעמיינערונג, דורכ וועלכער עס שיינט דורכ די באַזונדערקייט פונ די געשטאַלטנ.

אויסערלעכ איז „פרייילעכס" אַ פאָלקס־קאַרנאַוואַל, אינערלעכ סימבאָליזירט „פרייילעכס" די „גאָלדענע קייט" פונ פאָלקס־עקזיסטענצ אונ פאָלקס־קולטור. די אַקטיאָרישע סצעניִשע האַנדלונגענ, די הערלעכע מוזיק, די פּלאַסטישע צייכענונגענ, די דעקאָראַציעס אונ קאָסטיומענ — אַלצ אינעם ספּעקטאַקל „פרייילעכס" דרינגט אַרויס פונ מיכאָעלסעס ברייזנדיקער, לייד נשאַפטלעכער אונ שעפעריש־סינטעטישער רעזשי־אידיי. די דאָזיקע האַרמאָנישע איינהייט פונעם רעזשיסערישנ דורכדרינגלעכנ געדאַנק איז לייכט צו באַמערקנ אינ אַלע פאָרשטעלונגענ מיכאָעלסעס אונ באַזונדערס אינ זיינ לעצטנ באַשאַפ — אינעם ספּעקטאַקל „ווע לדער רוישנ".

מיכאָעלס איז אינ זיינ שאַפונג עכט פאָלקיש. וואָס טיפער מיכאָעלס האָט געשעפּט פונ דעמ אוייצער פונ פאָלקס־שאַפונג, פונעמ הערלעכנ באַשאַפ פונ דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור, אַלצ בוילעטער אונ אויסדריקלעכער זיינענ געוואָרנ זיינע אייגענע קלאַסישע אַקטיאָרישע אונ רעזשיסערישע פאַרקערפּערונגענ. מיכאָעלס דער נאַציאָנאַלער קינסטלער איז געוואָרנ אַנ עכטער פאָלקס־אַרטיסט פונעמ ראַטנ־פאַרבאַנד, ווייל זיינ קונסט האָט שטענדיק געטראָגנ די סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע אידיי, וואָס איז אַזוי טייער אונ נאָענט אַלע סאָוועטישע פעלקער.

בעלינסקי שרײַבט:

„וואָס איז שײַעכ גרויסע מענטשנ — זײַנענ זיי הויפּטזאַכלעכ קינדער פונ זייער לאַנד. דער גרויסער מענטש איז שטענדיק נאַציאָנאַל, ווי זײַנ פאָלק, ער איז דערפאַר גרויס, ווײַל ער שטעלט מיט זיכ פאָר זײַנ פאָלק... אינעמ געני באַוווּנדערנ מיר ניט אַזוי דאָס קענענ אויסגעפינענ דאָס נײַע, ווי די געוואַגטקײַט קעגנשטעלנ עס דעמ אַלטנ אונ שאַפנ צווישנ זיי אַ קאַמפ אַפ טויט. דאָס, וואָס אינעמ פאָלק לעבט אומבאַוווּסטזיניק אַלס מעגלעכקײַט, דאָס דערשײַנט אינעמ געני אַלס פאַרווירקלעכטס, אַלס ווירקלעכס. דאָס פאָלק באַציט זיכ צו זײַנע גרויסע מענטשנ, ווי באָדנ צו געוויקסנ, וואָס עס באַשאַפט". צו מיכאָעלסנ געהערנ בעלינסקיס ווערטער פולקומ.

מיכאָעלס איז אַנ אײַגנאַרטיקע קראַפט, אַ ספּעציפישע אידייענוועלט, אַנ אײַגנאַרטיקער צוגאַנג צו קונסט. מיט אַזוינע ווי מיכאָעלס באַשענקט די נאַטור ניט אַזוי אָפט די דענקענדע אונ שעפערישע מענטשהײַט. ער געהערט צו יענע אײנצלנע דענקער קינסטלער, וועלכע קומענ ניט אָפט אונ וועלכע שטעלנ אײַנ אײגענע געזעצנ אינ דער קונסט.

מיכאָעלס דער דענקער, דער אַקטיאָר, מיכאָעלס דער געניאַלער שעפער פונ מאָנומענטאַלע, פּאָעטיזירטע שוישפּילערישע געשטאַלטנ, מיכאָעלס דער לײַדנשאַפטלעכער מעכטיקער טריבונ, דער שטורמישער אונ פלאַמיקער קעמפער פאַר פּראָגרעס, דער נאָבעלער בירגער פונעמ גרויסנ סאָוועטנ־פאַרבאַנד, מיכאָעלס דער קלוגער דערציִער אונ לערער פונעמ נײַעמ סאָוועטישנ דאָר אַקטיאָרנ, דער אײַגנאַרטיקער רעזשיר־מײַסטער לעבט אונ וועט אייביק לעבנ אינעמ זיקאָרנ פונעמ פאָלק.

מיכאָעלס איז די שײנע פערזענלעכקײַט, וואָס איז געווענ באַשאָנקענ מיט דער קראַפט פונ פילאָסאָפישער פאַראַלגעמיינערונג אונ מיט דעמ אײַגנאַרטיקנ טאַלאַנט געשטאַלטלעכ פאַרוואַנדלענ אידייִ אונ

געדאנק אין אָנשוילעכע שוישפּילערישע אַקטיאָרישע און רעזשיסערי־
שע הויך־פּאָעטישע זעונגען. מיכאָעלסעם אַנטפּלעקונג אַם דער סאָ־
וועטישער יידישער בינע איז איר אָנפאַנג, איר דרײַסיקיאָריקע געשיכ־
טע. מיכאָעלס איז דער וויכטיקסטער עלעמענט פון דעם גרויסן בי־
ניען, וואָס הייסט סאָוועטיש־יידישע קולטור. מיכאָעלסעם אויפטו מוז
גרינטלעך דערקענט ווערן, מוז פולקום דערגיין צו אונדזער באַוווסט־
זיין, ווײַל די באַזיניקונג פון מיכאָעלסעם האַשפּאָע איז די פאָרזע־
צונג פון זיין גײַסט און מי.

י. נוסינאָוו

די מיכאָעלס־טראַדיציע

ווענ די ערשטע צענ יאָר פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכעטעאַ־טער האָט זיכ געשאַפנ א לעגענדע, אז זײַנ סאָציאַל־עסטעטישע פונק־ציע איז באַשטאַנענ בלויז אינ אָפּלייקענענ, אינ אויסלאַכנ, אינ צו־נישט מאַכנ.

געשטאַמט האָט די דאָזיקע לעגענדע פונ דעם פאַקט, וואָס די הויפּטאויפגאַבע פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אינ אַלע געביטנ איז געווענ: צעשטערנ, קעדיי בויענ, צעשטערנ אַלצ, וואָס ס'שטערט צום שאַפנ. אונ דער טעאַטער האָט מיט געלעכטער געטייט אונ אינ בריזנדער שפּיל מעקאַבער געווענ ניט בלויז דעם אַלטנ ייִדישנ טעאַ־טער, ער האָט געוופנ אַפּ דער לעווייע פונ אַלצ אונ פונ אַלעמענ, וואָס אַפּ זייער ניט ווערנ האָט דאָס פאָלק ניט נאָר ניט געקלאָגט, נאָר פאַרקערט — מיט פרייִדיקנ געמיט נאָכגעזאָגט זיי: באָרוכ־שעפּאָטראַ־ני, אינ א גוטער שאָ א סאָפּ געמאַכט צו זיי.

„זיי" האָבנ אָבער מיטנ גוטנ ווילנ אינ „זייער רו" אַוועקגיינ קלאַל קיינ בײַשעק ניט געהאַט. „זיי" האָבנ זיכ מיט אַלע מיטלענ גע־ווערט. אונ איינס פונ זייערע מיטלענ איז באַשטאַנענ אינ שאַפנ א לעגענדע, אז בײַם דער העברעיִשער טעאַטער „האַבימאַ" „פאַרהיי־ליקט ייִדישקײַט", פאַרשוועכט דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער אַלע ייִדישע „הייליקײַטנ".

אָט די לעגענדע האָט גאַנצ אָפט געפונענ איר אָפּקלאַנג ניט בלויז בײַ די כסידימ פונ „האַבימאַ“, נאָר אויך צווישנ פיל פרײַנט פונ יִדישנ טעאַטער. געהייסנ האָט עס: קיינ נײַע סאָוועטישע פּיעסנ וועגנ דער נײַער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט זײַנענ דערווײַל קימאַט ווי ניטאָ, און די איינציקע, וואָס זײַנענ פאַראַנ, שטעלט זיי דער מאָסקווער מעלוכישער יִדישער טעאַטער אויכ ניט. ער שטעלט ווידעראַמאָל מענדעלענ און שאָלעמ־אַליכעמענ. און נאָכאַמאָל גאָלדפאַדענענ. איז בעמיילע, אַז ער האָט צו טאָנ מיט באַווײַזנ נאָר דעמ נעכטנ, איז מוז ער האַלטנ אינ איינ אָפּלייקענענ און אָפּלאַכנ, אינ איינ „שפּילנ קאָמעדיע“.

די מײַסע איז אָבער געווענ קלאָל ניט אַזוי. מיט זײַנ „שפּילנ קאָמעדיע“ האָט דער יִדישער טעאַטער אויסגעפילט אינ יענע יאָרנ א גאַנצ באַדײַטנדע סאָציאַל־עסטעטישע און געזעלשאַפטלעכ־דערציִערישע ראָל. זאָל אָבער דער באַדײַט פונ „גאָסעט“, ביז ער האָט אָנגעהויבנ שפּילנ סאָוועטישע פּיעסעס, ווי אויכ קלאַסישע פונ זײַנ שפּעטערדיקנ רעפּערטואַר, געווענ באַשטייִנ בלויז אינ נעגאַציע, אינ ארויסבאַגלייטנ אָפּנ בעסוילעמ, — וואָלט א גרויסער טייל פונ זײַנ שאַפנ שוינ לאַנג געווענ א פאַרוועלקט בלעטל, אינ בעסטנ פאַל — א בעקאָוועדיקע רעליקוויע אינ מוזיי פונ טעאַטער.

דער עמעס איז, אַז גרויס און באַדײַטנד איז אַלעמאָל געווענ דער מאָסקווער יִדישער מעלוכישער טעאַטער גראָד מיט דער איינהײַט פונ זײַנ נעגאַציע און פונ זײַנ באַשטעטיקונג, האָגאַם ניט שטענדיק האָט ער עס געטאָנ מיט ריכטיקע מיטלענ. די קראַפט פונ זײַנ אַנט־בלויזנ דאָס העסלעכע איז געווענ געקייפלט אַפּ דעמ צויבער פונ זײַנ אַנטפּלעקנ דאָס שיינע און דערהויבענע, וואָס איז געווענ פאַרבאָרגנ אינ פאָלק.

און אינ דעמ איז פריִער פונ אַלצ געווענ דער קויעכ פונ שלוימע מיכאָעלס, וואָס דער טיטל פאָלקס־אַרטיסט פונ ראַטנ־פאַרבאַנד, מיט

וועלכנ אונדזער מעלוכע האָט אימ באַשאַנקענ — דער העכסטער טיטל פֿאַר א טעאַטער־מײַסטער — האָט אײַנגעדריקט זײַנ טיפֿסטנ טאָב פֿונ א שעפֿער, וואָס איז ביז צומ גרונט פֿאַרוואָרצלט אינ נעשאָמע פֿונ פֿאָלק.

אַנ ערשטע „גאַסט“־פֿאָרשטעלונג. א שאָלעמ־אַליכעמ־אָוונט אומ נײַ־יאָר 1921. א פֿאָרשטעלונג מיט אַלע עקסטרעמקײַטנ פֿונ דער פֿאָרמאַליסטישער עקספּערימענטנ־מאַכערײַ, וואָס האָט געהאַט אַזא ברייטנ אומגאַנג אינ דער מאָסקווער טעאַטראַלער פּראַקטיק פֿונ יענע יאָרנ. גופֿע בא שאָלעמ־אַליכעמענ איז גענומענ „אַגענטנ“ — איינער פֿונ די סאַמע אַנעקדאָטישע עפּיזאָדנ פֿונ דער מענאַכעמ־מענדל־טעמע — אונ „מאַזלטאָוו“, וואָס האָט ביז דאַנ געגאָלטנ ווי ליבסטער פֿאַרווײַלונגס־שטאָף מער פֿאַר ליבהאָבער־פֿאָרשטעלונגענ, ווי פֿאַרנ פּראָפֿעסיאָנעלנ ייִדישנ טעאַטער.

פֿיל מאָל האָט אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ דער סאָוועטישער ייִדי־שער צושויער געזענ מיכאָעלסנ אינ אָט די צוויי שאָלעמ־אַליכעמ־געשטאַלטנ אַפֿ קאָנצערט־אָוונטנ אינ אונדזערע אַרבעטער־קלובנ. מיכאָעלס איז, ווי געווײַנלעכ אַפֿ אַזעלכע אָוונטנ, געווענ אינ זײַנ מאָדערנעמ אָנצוג. מענאַכעמ־מענדל איז פֿאַרנ צושויער געשטאַנענ אינ זײַנ אַפֿ א זײַט פֿאַרדרייטנ, שטײַף פֿאַרקניפּטנ האַלדזטוכ, וואָס וואַרגט אימ; רעב אַלטער — אינ זײַנ מיצל, וואָס טוילט אַזוי אויס זײַנ אָנגעשטרענגטנ שטערנ, אינ זײַנע גרויסע דראָטענע ברילנ, וואָס דורכ זיי קוקנ אַרויס רעב אַלטערס ברייט צעעפֿנטע אויגנ, וואָס ס'איז אינ זיי אײַנצײַטיק אַזויפֿיל באַוווּנדערונג אונ באַגיטיגונג.

ביידע געשטאַלטנ זײַנענ אינ די קאָנצערט־אַרויסטרעטונגענ גע־ווענ פֿרײַ פֿונ זייערע טעאַטראַל־שטייגערישע אַקסעסואַרנ. נאָר אינ ביידע געשטאַלטנ איז געבליבנ דאָס מיכאָעלסישע, אינ זיי איז אַלע־מאָל געווענ דער אָפּסנײַ אַנטפּלעקטער שאָלעמ־אַליכעמ — דער לי־

ריש-טראגישער שאלעמ-אליכעמ. ווײַל, אייגנטלעכ, יענער שאלעמ-אליכעמ-אוונט פונעמ ערשטנ יאנואר 1921 דאטירט דעמ אנהייב פונ אט דעמ אנטפלעקנ די ליריש-טראגישע דערהויבנקײַט, וואס איז געווענ פארבארגנ אינ דער גאנצער יידישער קלאסיק אונ אפ א באַזונדערנ אויפנ אינ שאלעמ-אליכעמענ.

פונ יענעמ אוונט הייבט זיכ אנ די מיכאעלס-פארמירונג פונ צוויי גאלעריענ געשטאלטנ פונ אונדזער קלאסיק, וואס האבנ פארקערפערט דעמ גורל אונ דאס געמיט פונ די יידישע פאלקס-לײַט אינ מעשעכ פונ דורעס, פונ יענעמ גורל, צו וועלכנ די אקטיאבער-רעוואליוציע האט א סאפ געמאכט, אונ פונ יענעמ געמיט, וואס די אקטיאבער-רעוואליוציע האט אופגעריכט. אינ דער ערשטער גאלעריי גייענ ארײַנ מענאכעמ-מענדל, יאקנעהאז („אגענטנ''), האצמאכ („קאלדוניע''), מענאכעמ-מענדל („דער לופט-מענטש''). די צווייטע גאלעריי ציט זיכ פונ רעב אלטערנ דורכ שימעלע סאראקער אינ בינימינ האשליישי צו טעוויע דעמ מילכיקנ.

אפ אט די בײַדע גרופעס געשטאלטנ האט מענ א צײַט געקוקט פונ אויבנ אראפ. ס'זײַנענ דערבײַ געווענ פארשיידענע גראדאציעס אונ פארשיידענע פארמענ פונ זייער גרינגשעצונג:

אדער א קלוימערשט הײַנטוועלטיק-גרויסשטאטישער ביטול צו דעמ קליינשטעטלדיקנ, נאאיוו וועלט-באנעמ פונ אט די אלע פיגורנ פונ אונדזער קלאסיק, אנגעהויבנ פונ בינימינ האשליישי ביז טעוויענ; אדער א ביסל טארומעס פונ דעמ פילאסאפירנדנ אינטעליגענט, אז אינ אט די געשטאלטנ איז פאראנ בלויז דער פארגאנגענער אדער אפגייענדיקער שטייגער. דאס זײַנענ דערומ געשטאלטנ אנ א גרויסער אידיי, זיי שטעלנ ניט קיינ פראבלעמענ, אינ זיי איז נאכ ניט פאראנ דער יאכיד, אנ אויסגעטיילטער פונ האמוינ, פונ קולאל, די אויסגעפארמירטע פערזענלעכקײַט, אונ זיי האבנ דערומ ניט וואס צו זאגנ דעמ דענקנדנ, פראבלעמענ-זוכנדנ מאדערנעמ אינטעליגענט. אינ אט

די אופאסונגענ איז געווענ די ניט־דערשאצונג סײַ פונ די געשטאלטנ סײַ גופע פונ זייערע שעפער.

מיכאעלס האט מעוואטל געמאכט די נעגאציע־באציונג צו אט די געשטאלטנ אונ האט אנטפלעקט זייער טראגיק אונ זייער פאלקס־שייכקייט.

די האצמאכישע אונ מענאכעם־מענדלשע בארנלאזיקייט, זייער קאסרילעווקער אומפראקטישקייט אונ נאזוקייט, זייער ניט מעסוגל־קייט צו באנעמענ דעם טאכ פונ די נײַע גרויסשטאטיש־קאפיטאליס־טישע פראצעסנ אונ פארהעלטענישנ — דאס איז אלצ דאס אויבנ־פיקע, אונ נאר דאס באווײַזנ — וואלט געווענ א קנאפער אופטו סײַ פונ דער ביז־אקטיאבער־ליטעראטור אונ אוואדע שוינ פונ סאוועטישנ טעאטער. ווײַכטיקער, פיל ווײַכטיקער פונ דעם איז דאס, וואס אינ אט די געשטאלטנ איז געווענ פארבארגנ דער פאלקס־באוווסט־זײַנ, אז עס קומט דעם ארעמענ מענטשנ א ביסל פרייד אונ גליק אפ דער וועלט, אז ס'מוז אינ אט דער וועלט זײַנ מענטשלעכקייט אונ לײַטישקייט. אונ פונדאנענ האט געשטאמט דער טיפער גלויבנ, אז פונ דעם יאגנ זיכ נאכ א ביסל פרייד אונ גליק — קאנ איינ מאל, א צווייט מאל, א צענט מאל זיכ אויסלאזנ א טײַכ, נאר דאס גליק מוז פריִער אדער שפעטער דערגרייכט ווערנ, ווײַל אנדערש איז די וועלט ניט קיינ גערעכטע וועלט — אונ קיינ אומגערעכטע וועלט, קיינ וועלט פונ הוילנ בייז, קאנ דאכ נישט עקזיסטירנ. אונ דא ליגט דער קוואל פונ דער אומויסשעפנדיקער ענערגיע, פונ דער אומאופהערלעכער אקטיוויטעט, פונ דעם „איכ יאג, איכ פלי, איכ ברענ”, פונ דער פעיִקייט נאכ א מינוט פארלארנקייט אונ טרויער נאכאמאל אונ נאכאמאל אופלעבנ אונ זיכ לאזנ ווײַטער פליִענ אינ הימל ארײַנ; דא איז פארבארגנ דער קוואל פונ גרענעצלאזנ ביטאכנ אונ גלויבנ.

אינ מיכאעלסעס האצמאכ, אינ זײַנע וואריאציעס פונ מענאכעם־מענדלענ איז ביזנ סאפ אפגעלייקנט געווארנ דער „לופט־מענטש”.

אינ אויסבריענ די קרעמעריש־ספעקוליאנטישע רעשטנ אינ באַ־
וווסטזיַנ און אינ די האסאָגעס פונ יענע שיכטנ, וואָס האָבנ געהאַלטנ
בא פארלאָזנ דעמ מארק, די שטעל, דאָס קלייטל, בא א סאָפ מאכנ
מיט צונויפירנ א וואנט מיט א וואנט און זיכ אוועקזעצנ אפ
ערד, זיכ אראָפּלאָזנ אינ שאכטע, זיכ אוועקשטעלנ בא א ווערק־
שטאַט — אינ אָט דעמ אלצ האָט מיכאָעלסעס האָצמאכ און מענאכעמ־
מענדל געשפילט א גאנצ באַדייַטנדע סאָציאַל־דערציִערישע ראָל.

אָבער ניט בלויז מיט אָט דער נעגאַציע, מיט אָט דעמ אויסברע־
נענ שימל און מיסט האָט זיכ באַנוגנט דער באַדייַט פונ אָט די מי־
כאָעלס־געשטאלטנ — אינ זיי איז נאָכ מער געווענ די טראגעדיע
פונ פאָלקס־מענטשנ, וואָס פארשווענדנ ריזיקע פּאָטענציעל־שעפע־
רישע ענערגיע אפ בויענ אפ זאמד, וואָס פארשמויבנ מיט אָט דעמ
זאמד רייַנע קוואַלנ פונ עמעסנ גלויבנ אינ א שייַנעמ לעבנ און אינ
א העלערער וועלט. מיכאָעלס האָט אויפגעדעקט די טרויעריקע באַ־
דייַטלעכקייט, וואָס איז געווענ אינ שאָלעמ־אליכעמס דעפיניציע:
„קליינע מענטשעלעכ מיט קליינע האסאָגעס“. נאָכ דער מיכאָעלס־
פארקערפּערונג פונ אָט די געשטאלטנ איז געוואָרנ קלאָר, אז דאָס
זיַנענ אומרויִקע מענטשנ מיט שיינע, ליכטיקע האסאָגעס.

אָט דער טאָב פונ די פאָלקס־געשטאלטנ, וואָס מיכאָעלס האָט
געשאפנ, איז מיט נאָכ מער טיפקייט און פולקומקייט ארויסגעטראָטנ
אינ זיַנ צווייטער גאלעריי: אינ רעב אלטערנ, שימעלע סאראָקער,
ביניאָמינ האשלישי, אינ טעוויע דעמ מילכיקנ.

מיכאָעלסעס ביניאָמינ האשלישי האָט א גרויסנ פּרינציפּיעלנ
באַדייַט, וואָס גייט ווייַט ארויס פונ די ראמענ פונ דער ייִדישער
ליטעראטור. ביניאָמינ האשלישי געהער צו יענער גרויסער גאלעריי
געשטאלטנ פונ דער וועלט־ליטעראטור — רוסישער און מערעוו־איי־
ראָפּייִשער, וואָס געבוירנ געוואָרנ זיַנענ זיי באַמ צעפאלנ פונ דער ביז־
קאפּיטאליסטישער ווירקלעכקייט און וואָס זייער ערשטע און אומיטל־

בארע סאָציאל־אידייִשע פונקציע איז באשטאנענ אינ אופרײַסנ און צע־
שטערנ דעמ ביז־בורזשואזנ באוווסטזײַנ. פונ אָט דער פונקציע האָט גע־
שטאמט די אויסגעשפראָכנ־סאטירישע באפארבונג פונ אָט די גע־
שטאלטנ. אײַנגעהיטע שטיקער פונ צעפאלענעמ נעכטנ, האָבנ זײ גע־
טראָגנ אינ זיכ דאָס גראָטעסקישע אָפלאכנ פונ אָט דעמ נעכטנ מיט
זײַנע פארשטעלונגענ און האסאָגעס. אינ זײ איז אָבער אויכ געווענ
פארבאָרגנ די אופגעבראכטקײַט קעגנ דעמ ווערנדנ בורזשואזנ הײַנט.

די מיכאָעלס־טראדיציע אינ ביניאָמינ האשלישי באשטײט אינ
אופדעקנ זײַנ גרויסנ אנטי־בורזשואזנ טאָכ, זײַנ וועקנ פאר א
פרײַער, שײנער וועלט, זײַנ בענקענ נאָכ דעמ פארשווונדענעמ טרוימ,
זײַנ פעיִקײַט פארצויבערט ווערנ פונ „אוי, א כאָלעמ!“.

באטאָנענ די אנטיפאָדאלע, אנטימיטלעלטערלעכע סאטירע, וואָס
שטעקט אינ אלע ביניאָמינ־וואריאציעס פונ דער גאָרער וועלט־ליטע־
ראטור, הײסט איצט שיסנ פונ ביקסנ, וואָס טרעפנ שוינ מער אינ
קײנעמ ניט. דער אײַנגעהיטער פילדוירעסדיקער באדײַט פונ אָט די
געשטאלטנ איז אינ דעמ אנטי־בורזשואזנ כאראקטער, וואָס איז אינ
זײ פארבאָרגנ, וואָס איז אָפט געבליבנ פארהוילנ און וואָס מיכאָעלס
האָט מיט אזא קראפט און פולקומקײַט באוויזנ.

און אויכ ביניאָמינ האשלישי איז ביז מיכאָעלסנ אופגענומענ
געוואָרנ העריקער אינ דעמ ענג־מאסקילישנ, נעגאטיוו־סאטירישנ
אספעקט, און אפילע פאר קײנ סאָלדאט טויג ער אויכ
ניט, און שימעלע סאָראָקער באטראכט געוואָרנ אלס א ייִדישע
וואריאציע פונ בורזשוא, וואָס וויל זיכ אײַנקויפנ אינ אריסטאָ־
קראטישנ ייִכעס.

מיכאָעלסעס שימעלע סאָראָקער איז אמכאָ — אונדזער פאָלק. ער
ווײסט אלעמאָל און אינ יעדער מינוט, אז העכערס און טײַערס
פונ אונדזער פאָלק איז ניטאָ און אז שטאָלצירנ קאָנ מענ בלויז מיט
„שער־און־אײַזנ“ — מיט הערלעכער שעפערישער מי און מיט ריי־

נעמט גײַסט פונ האָרעפּאַשנעמ פאָלקס־מענטשנ. אונ דאָס אַזוי מיט־אַמאָל פאַרשווונדענע אַשירעס וועט ער ניט באַדויערנ מיט קײנ „אױ, אַ באַלעמ!“, נאָר פאַרקערט, אינ זײַנ „טפילע בעלאַכאַש“ קומט דאָס באַרענקענ זיכ, וואָס ער האָט זיכ געלאָזט אָפּ אַ ווײַלע פאַרבלענדנ פונ די פײַנס גליקנ אונ וואָס ער האָט דערוואָרבנ צוריק דעמ אַמבאַ־פרידנ, דעמ אינערלעכנ גלײַכגעוויכט אונ ליכטיקנ געמיט פונ „אונדזער פאָלק“.

אַ פאָלקסווערטל זאָגט: ווענ פרייט זיכ אַ אָרעמאַנ? ווענ ער פאַרלירט אונ געפינט. מיכאַעלסעס שימעלע סאָראָקער פרייט זיכ, וואָס ער האָט דאָס געווונענע פאַרלאָרנ, ווײַל ער האָט דאָנ זיכ אַלײנ אינגאַנצנ צוריק געפונענ.

אונ דאָס, וואָס מיכאַעלס איז אַרויפ אָפּ דער בינע מיטנ באַגער צו אַנטפּלעקנ דעמ שײנעמ אוצרו פונ פאָלק, דעמ פאָלקס מאָגנ אַ גערעכטע וועלט — האָט געבראַכט דערצו, אַז מיכאַעלס זאָל דורכ האָצמאַכנ, מענאַכעמ־מענדלענ, דורכ פּערעצעס באַדכנ, וואָס איז דער אַנטבלויזער פונ אַלע אילוזיעס, דורכ די פאָלקס־טרוימער וועגנ גערעכטיקײַט — רעב אַלטערנ, בינייאָמינ האַשלישי, שימעלע סאָראָ־קער — קומענ צו זײַנ טעוויע דעמ מילכיקנ. אינ טעוויענ האָט מיכאַ־עלס מיט אַ באַזונדערער שײנקײַט דעמאָנסטרירט די קראַפט פונ קינסט־לער, וואָס אַנטבלויזט אונ פאַרהײמלט, ווײַל ער האָט וואָס צו פאַר־הײליקנ אונ קאָנ פאַרהײליקנ, וואָס ווייסט פונ ברענענדיקער סינע, ווײַל זי קומט אַרויס פונ גליִענדיקער ליבע. דער קינסטלער, דער קעמפער פאַר אַ גערעכטער אונ שײנער וועלט איז אינ טעוויע־מיכאַעלסעס ביטל צו דעמ וועלטיק פאַר אימ אונ פאַר זײַנ טאָכטער, מיט וועלכנ דער קאַצעװ וויל אימ אונטערקויפנ, אינ זײַנ פאַראַכטונג צו פעדאָצערס גליקנ אונ צו פעדאָצערס אַמהאַראַצעס, אונ זײַנ סאַר־קאַזמ בענוגייע צו די צאַרישע מעשאָרסימ, אינ דער שטאָלצער זעלבסטווירדע, מיט וועלכער ער איז זיי אַלעמענ מעוואַטל.

מ'האט ניט אײנ מאל געפירט פאראלעלנ צווישנ טעוויענ אונ לירנ. נאר דא הארפ באטאנט ווערנ די קריוועשאפט ניט צווישנ טעוויענ אונ לירנ ביכלאל, נאר צווישנ מיכאעלסעס טעוויענ אונ מיכאעלסעס לירנ — אונ אינ א גאנצ באשטימטער הינזיכט.

מיכאעלס האט באזײַטיקט פונ שעקספירס טעקסט די ליר־באהויפטונג — „ניטא אינ דער וועלט קײנ שולדיקע" — א באהויפטונג, וואס איז אפט אויסגעטײַטשט געווארנ אפ דעמ טאלסטאישנ אויפנ, אז די עמעסע כאכמע באשטײט אינ פארשטײנ אונ פארגעבנ! מיכאעלסעס ליר פארשטײט זײַנ אײגענע אמאליקע שולד אונ מאנט פאר איר בא זיכ אלײנ. ער זעט די שולד פונ וועלט אונ שטורעמט דערפאר די וועלט. אונ דא טרעפנ זיכ צונויפ מיכאעלסעס טעוויע מיט מיכאעלסעס ליר: טעוויע פארשטײט, פארוואס ס'זײַנענ אזוי באגרענעצט אונ זאט־צופרידנ די גווירימ, פארוואס זײַנענ אזוי טעמפ זײַנע צארישע פארפאלגער. נאר ניט ער פארגיט זײ — ער פאראכטעט זײ, זײ זײַנענ פאר אימ קײנ פארטניארנ ניט, ער זאל זיכ מיט זײ אויסטײַנענ. מיט וואס פאר א וואונדערלעכנ סארקאזמ מיכאעלסעס טעוויע גיט קלוימערשט אפ דעמ גערעכט אט די אלע פארשווינענ, קעדײ באלד נאכ דעמ אויספלאצנ מיט זײַנ באשולדיקונג, וואס צילט פיל ווײַטער אונ טיפער, ווי אינ אט די צופעליקע שעלוכימ פונ וועלטס אומרעכט. אט דאס אפזאגנ זיכ פונ אנעמענ פאר רעכט איז אינ מיכאעלס־טעוויעס אויסטײַנענ זיכ מיט גאט, אינ זײַנ ניט בײגנ זיכ נאכ אלע ניסיוינעס, אינ זײַנ שטענדיקער גרײטקײַט ווײַטער גײנ דעמ שטורעמ אנטקעגנ. דער ברענענדער האס צו מענטשלעכנ אומגליק אונ צו די אלע, וואס זײַנענ אימ גורעמ, אונ די ליבע צומ שײנעמ מענטשנ האט מיכאעלס אויסגעדריקט אינ דעמ גאנצנ קאמפלעקס „טעוויע אונ זײַנע טעכטער". אינ טעוויעס באוונדערנ זײַנע טעכטער איז ניטא קײנ רעמעז פונ פאטערלעכער פארבלענדטקײַט. ס'איז דער שטאלצער באוווסטזײַנ, אז זײ זײַנענ די טרעגער פונ

עמעס מענטשלעכן, צוליב וואָס מעווע איז גרייט אויסצושטיין אַלע זײַנע ניסיונות. און ווײַל מיכאָעלס האָט אין משך פון אַלע יאָרן פון זײַן שאַפן געזוכט אַלץ טיפער און פולקומער אויסדריקן דעם גרויסן פאָלקס־באַוווסטזײַן, אַז אַזוי טאָר ניט זײַן, אַז אַזאַ וועלט איז כּמעט־מיסע, און ווײַל ער האָט געשטרעבט צו אויסדריקן דעם אייביקן טרוים פון פאָלק וועגן אַ העכער־שיינעם לעבן, אויסדריקן דעם אומופהערלעכן אומרו פון פאָלק אין זײַן דראַנג באַנײַען די וועלט, — איז ער מיט אַזאַ אָרגאַנישקייט געקומען צו זײַנע סאָוועטי־שע געשטאַלטן.

און דאָ דאַרף באַטאָנט ווערן אַ גרונט־פאַקט פון מיכאָעלסעס קינסטלערישער ביאָגראַפיע. זייער אָפט האָבן אַנדערע קינסטלער די נעגאַטיווע געשטאַלטן, וואָס איז אין טאָג אַרײַנגעטאָן אין נעכטן און וואַקסט פון דאָרטן אַרויס, געגעבן מיט מער שליימעס ווי די פּאָזיטיווע געשטאַלטן, וואָס איר פאָרמירונג קומט פון רעוואָלוציאָ־נערן, סאָוועטישן הײַנט. אַזוי האָט אָפט געטראָפן מיט אַנדערע שרײַ־בער, און אַזוי האָט ניט זעלטן געטראָפן מיט אַנדערע אַקטיאָרן.

מיכאָעלס האָט בעדערעך־קלאַל ניט געוווּסט פון אַזאַ ריס צווישן זײַנע געשטאַלטן פון אַמאָל און זײַנע געשטאַלטן פון סאָוועטישע פּיעסן, ביפראַט האָג, ווען דער דראַמאַטורגישער מאַטעריאַל איז געווען פון דער נייטיקער קינסטלערישער קוואַליטעט. און אַזעלכע צוויי מיכאָעלס־געשטאַלטן, ווי דאָוויד בערגעלסאָנס „טויבער" און פּערעץ מאַרקישעס „זיינוול אָוואַדיס", וואָס שטייען אין דער כראָ־נאָלאָגיע פון מיכאָעלסעס שאַפן צווישן בינימין האַשלישי און טעוו־יע דעם מילכיקן, טראָגן קלאַל ניט אַרײַן קיין דיסהאַרמאָניע אין דעם מיכאָעלס־אַנסאַמבל, פאַרקערט, זיי פאַרפולקומען אים מיט עמעסער פאַרב און קלאַנג.

אָט די גרויסע קינסטלערישע איינהייט צווישן מיכאָעלסעס ביז־סאָוועטישע און סאָוועטישע געשטאַלטן שטאַמט דערפון, וואָס דער

שעפֿערישער פּאַטאָס פֿון מיכאָעלסן איז געווען אין אַנטפּלעקן דאָס שיינע, פּאָזיטיווע, עמעס־פֿאָלקישע אין דעם נעבעך, אין אויפֿדעקן די טראַגעדיע פֿון געשמידטן און דערום אָפֿט אַזוי פֿאַרקריפּלטן פֿאָלקסמענטש, וואָס האָט אין זיין נעשאָמע אייביק געטראָגן אַ טרוים פֿון אַ שיינער וועלט און האָט אַזוי ווייטיקדיק געקלאָגט: „אוי, אַ כאָלעם!". און פֿונדאַנען האָט געשטאַמט די אָרגאַנישקייט, מיט וועלכער דער טעאַטער איז אונטער מיכאָעלסעס אָנפֿירונג איבערגעגאַנגען צו די פֿאָרשטעלונגען וועגן אונדזער העראָישער פֿאַרגאַנגענהייט, וועגן דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פֿון אונדזער פֿאָלק, און לעצטנס וועגן דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און אָנטייל פֿון אונדזער פֿאָלק אין אומברענגען דעם פֿאַשיזם.

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז אין דער ייִדישער קולטור געווען אַלעמאָל אַ טיפֿער אײַנהײַם צווישן דער ליטעראַטור און דעם טעאַטער, וואָס האָט געבראַכט הערעכ־אַגעוו דערצו, וואָס מענדעלען, פּערעצן, שאָלעם־אַלייכעמען האָט מען אָדער אינגאַנצן ניט געשפּילט אָדער שלעכט געשפּילט און וואָס גופֿע גאָלדפֿאַדענען האָט מען אַזוי פֿאַלש פֿאַרגעשטעלט און מ'איז צו זיין טאָכ ניט דערגאַנגען. און געשען איז עס קלאָל ניט דערפֿאַר, ווייל ס'זיינען ניט געווען קיין טאַלאַנטפֿולע אַקטיאָרן. ווי באַוווּסט, זיינען אַזעלכע געווען. געשען איז עס דעריקער צוליב די מאַרקי און געשעפֿט־באַדינגונגען, אין וועלכע דער ייִדישער רעכטלאָזער טעאַטער האָט עקזיסטירט.

און דער הויפּט־אײַנריים צווישן טעאַטער מיט דער ליטעראַטור איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ליטעראַטור האָט אידייִש, קינסטלעריש, עטיש געפֿירט און דערצויגן איר אַאודיטאָריע; דעם טעאַטער האָט דיקטירט זיין ווילן דער געשעפֿטסמאַן, וואָס האָט געזוכט פֿאַרדאַרבן דעם צושויער.

די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סאָף צו די קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן אין טעאַטער, האָט געשאַפֿן און געזיכערט



מיכאָעלס אונ דער גענעראַל יאַקאָוו קרײזער

די מעגלעכקײט, אז דער ײדישער טעאַטער זאָל, באַגלײַך ווי די ײדישע ליטעראַטור, קאָנענ אויספילנ די גרויסע דערציִערישע אידעייִשע פונקציע פונ אונדזער סאָציאַליסטישער קונסט, פאַרווירקלעכט די אײנהײט פונ ײדישער ליטעראַטור אונ ײדישנ טעאַטער, געשאַפנ זײער סינטעז האָט שלױמע מיכאָעלס דערפאַר, וואָס געקומענ פונ פאָלק, פאַרטיפט אינ פאָלקס־גײַסט אונ באַגײַסטערט מיט זײַנ שײנקײט, האָט ער געזענ דעמ זינ פונ טעאַטער אינ אויסבילדנ אונ אינ שטאַרקנ דעמ נײַעמ סאָוועטישנ סאָציאַליסטישנ באַוווסטזײַנ אונ געמיט פונ אונדזער פאָלק.

איכ דינ דעמ סאָוועטישנ פאָלק [1]

צומ סאָפ פונ זײַנ לעבנ האָט מײַנ פאָטער זיכ געווענדט צו מיר מיט אַזעלכע ווערטער:

— קינד מײַנס, — האָט ער געזאָגט, און זײַנ בליק איז געווענ אַ מילדער אַ ביסל שטרענג, — ווענ מע זאָל זיכ אויסמאָלנ דאָס לעבנ ווי אַ מינ אַלעפבייס, בינ איכ, אַ פּאַשעטער באָסאָר־וואָדאָם, זיבע געווענ אויסצולערנענ בלויז אַ טייל פונ אָט דעמ אַלעפבייס. נאָכ די אויגנ דײַנע זע איכ, אַז דו וועסט וועלנ אָנהייבנ פונ אָנהייב אָנ, וועסט אָבער אויכ ניט אַלצ ביזנ סאָפ טויפעס זײַנ. פאַרגעס זשע ניט דאָס, וואָס איכ האָב געוווסט, וועסטו עפּשער אַוועק ווײַטער פונ מיר.

— פונ פּראָפּעסיעס, — האָט ווײַטער געזאָגט מײַנ פאָטער, — זײַנענ מיר צומ האַרצנ בלויז צוויי — מעדיצינ און יוריספּרודענצ. אַ דאָקטער און אַנ אַדוואָקאַט — די צוויי האָבנ בעיאַר ראַטעווענ אַ מענטשנ פונ טויט. קלײַב אַלײנ אויס דעמ וועג...

ווענ ס'איז געקומענ די ראַטנמאַכט, האָב איכ דערפילט, אַז פאַרנ מענטשנ זײַנענ אָפנ די וועגנ ניט נאָר אינ די צוויי ריכטונגענ, וועלכע

1 ערעוו דעמ 30־טנ יאָרטאָג פונ דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָ־ליוציע האָט די רעדאַקציע פונעמ זשורנאַל „אָגאָניאָק" זיכ געווענדט צו די כאַשעווע מענטשנ פונ אונדזער לאַנד מיט אַ באַקאַשע אַרויסצוזאָגנ זיכ וועגנ זייער פאַר־רעוואָ־ליוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט און וועגנ דעמ וועג, וואָס זיי האָבנ דורכגעמאַכט פאַר די יאָרנ ראַטנמאַכט. מיר דרוקנ איבער שלוימע מיכאָעלסעס ענטפער, געווענ געדרוקט אינ „אָגאָניאָק" נומ. 44, נאָיאַבער 1947.

דער לעצטער פּאָרטרעט.

עס האָט מיר אָנגעוויזנ מײַנ פאָטער. עס האָבנ מיכ געלאָקט א סאַכ וועגנ, אויסגעקליבנ האָב איכ דעמ אַקטיאָרישנ.

די ראַטנמאַכט האָט צומ ערשטנ מאָל אינ דער טויזנטיאָריקער געשיכטע פונעמ ייִדישנ פאָלק געגעבנ א מעגלעכקײַט אויפצובויענ א מעלוכישנ ייִדישנ טעאַטער. אינ אָט דעמ באַרופ האָב איכ געפונענ פיל מער ווי דאָס, וועגנ וואָס עס האָט געטרוימט מײַנ פאָטער. ס׳האָט עפּשער אויכ באַדײַט היילנ, דערציִענ גרויסע מאַסנ מענטשנ, זייערע נעשאָמעס, זייער גײַסטיק וועזנ.

צומ גרעסטנ באַדויערנ, איז מײַנ פאָטער שוינ דעמאָלט ניט געווענ צווישנ די לעבעדיקע. כ׳האָב אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסנ זײַנ קלוגע אייצע, אונ ווי נאָר כ׳האָב געמאַכט דעמ ערשטנ שפּאַנ אפ דער בינע, האָב איכ מיר פאַר מײַנ סצענישער פאַמיליע אויסגעקליבנ מײַנ פאָ־טערס נאָמענ — מיכאָעלס.

די ראַטנמאַכט האָט געמאַכט די פּראָפעסיע פונ אַנ אַקטיאָר דער־הויבנ אונ גרויס. אַנ אַקטיאָר — דאָס איז ניט פּאָשעט א קינסטלער פונעמ ראַטנלאַנד; ער איז א שלאַכטמאַנ אפנ אידעאָלאָגישנ פראָנט, ער דינט די אידייענ פונ לענינ—סטאַלינ. ער דינט דעמ פאָלק. ער קעמפט קעגנ די סאָנימ פונ פאָלק, נעמט אָנטייל אינ צעשמעטערנ דעמ אָנגריפ פונ דער רעאַקציע, ער שטורעמט דעמ פאַשיזמ אינ אַלע זײַ־נע אַנטפּלעקונגענ. צוזאַמענ מיטנ לאַנד, צוזאַמענ מיטנ פאָלק, מיט זײַנ אַרמיי קעמפט ער דערפאַר, אַז די וועלט זאָל מער קיינמאָל ניט וויסנ פונ קיינ מײַדאַנעק אונ טרעבלינקע.

אַזוי האָט מיר די ראַטנמאַכט געגעבנ א מעגלעכקײַט צו פאַר־ווירקלעכנ אויכ מײַנ פאָטערס געבאָטנ.

מײַנ פאָטער איז ניט באַשערט געווענ צו דערלעבנ ביז אונדזערע ליכטיקע טעג. כ׳טראַכט אָבער, אַז ער וואָלט עפּשער געהאַט צו מיר גרויסע טײַנעס אונ וואָלט געהאַלטנ, אַז דעמ לאַנד אונ דעמ פאָלק, וואָס בויענ סאָציאַליזמ, וואָלט מענ געמעגט מער געבנ, ווי איכ האָב

געגעבנ. פונדעסטוועגנ גלייב איכ, אַז כ'וואָלט אימ פונעמ טיפנ האַרצנ געקאָנט ענטפערנ:

— הער מיכ אויס, מאַמע! מיט דער גאַנצער נעשאָמע, מיטנ גאַנצנ האַרצנ, מיט יעדנ געדאַנק מיינעמ, מיט אַלצ, וואָס איכ פאַר־מאָג, דינ איכ דעמ סאָוועטישנ פאָלק.

שלוימע מיכאָעלס.

אינהאלט

זײַט

אלעקסאנדר פאדייעוו — ער געהערט צו יענע, וועלכע מע געדענקט יאָרהונדערטער 3

דער ניסטער — די אומפארגעסלעכע אווירע 6

אי. ערענבורג — צוזאמענ מיטנ פאָלק 14

א. יא. טאַיראָוו — זאָל אייביק לעבנ זײַנ אָנדענק 20

פ. נאָוויצקי — אָנהייב לעבנ 23

פערעצ מארקיש — דער ארטיסט אונ טריבונ . . . 30

איציק פעפער — דער זונ פונעם פאָלק 99

ביניאָמינ זוסקינ — אונדזער מיכאָעלס 115

י. דאָברושינ — דער עמעסער פאָלקס־אקטיאָר 130

מ. בעלענקי — דער גרויסער גאנג 148

י. נוסינאָוו — די מיכאָעלס־טראדיציע 160

איכ דינ דעם סאָוועטישנ פאָלק 172

МИХОЭЛС

(На еврейском языке)

Редактор *Э. Фалькович* Техредактор *Л. Дворкин*

Подписано к печати 24/III-48 г. Б—00215. Печатн. листов 6,25. Уч.-изд. 6,94
Тираж 15.000 Заказ 195. Формат 70x108 1/32.

Типография Госиздательства „Дер Эмес", Москва, Старопанский пер., 1.